STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10024

DI GESHIKHTE FUN DER ENGLISHER ARBEYTER BAVEGUNG

Aaron Rosebury

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די געשיכטע פון דער ענגלישער אַרבייטער באַוועגונג

איהר הינטערגרונד אין דער ענג־
לישער היסטאָריע און אנטוויק־
לונגס־גאַנג אין היינטיגע צייטען.

(פון דער „מאגנא קארטא" אין צוועלפטען יאָהר־
הונדערט ביז מעקדאָנאַלד'ס רעגירונג אין 1924.)

מיט בילדער פון וויכטיגע טוער.

פון א. ראָזבורי

ארויסגעגעבען פון
אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד,
175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.
1924.

די אידישע אָרגאַניזירטע ארבייטער איבעראל —
מיט ליבע געווידמעט.

A Short History
of the
British Labor Movement

ITS BACKGROUND IN MEDIEVAL ENGLISH HISTORY AND COURSE OF DEVELOPMENT IN MODERN TIMES.

FROM THE MAGNA CHARTA IN THE TWELFTH CENTURY TO MACDONALD'S GOVERNMENT IN 1924.

(*WITH ILLUSTRATIONS*)

By A. ROSEBURY

Published by the
JEWISH SOCIALIST VERBAND
175 EAST BROADWAY NEW YORK

(All Rights Reserved)

אינהאַלט פון ערשטען טייל.

פאָרוואָרט פון די אַרויסגעבער — — — — — — — — — 8

פאָרוואָרט פון פאָרפאַסער — — — — — — — — — 10

1. היסטאָרישע און פאַרלאַמענטאַרישע טראַדיציעס—13

ערשטער טויט־קלאַפ דעם אַבסאָלוטיזם. — ערשטער פאַר־לאַמענט. — מען קעפּט אַ קעניג.

2. די בריטישע קאָנסטיטוציע — — — — — — —17

גרינדונגס געזעצען. — געריכטס געזעצען. — לאָקאלע רעגירונגס געזעצען.

3. דער פאַרלאַמענט און דאָס מיניסטעריום — — —22

דאָס לאָרדען הויז. — דאָס „האַוז אָוו קאָמאָנס.“ — ווי אַזוי מען פאָדערט דין וחשבון. — דאָס רעכט פאָרצוברענגען געזעץ־פּראָיעקטען.

4. דער קאַמף פאַר שטימרעכט — — — — — — — —29

מאַשינען באַשאַפען מחנות ארבייטסלאָזע. — ערשטער זיג אין 1832. — די טשאַרטיסטען באַוועגונג. — פּראָפעסאָרען און פובליציסטען פאַראינטערעסירען זיך מיט דער באַוועגונג. — יוניאָן פיהרער פאַרגרעסערען זייער איינפלוס.

5. דער פּרעמיער און דער פאַרטיי קאַמף — — — —41

וועהלער כמעט אלמעכטיג. — דער פּרעמיער איז דער פיהרער פון אַ זיגרייכער פאַרטיי. — דעם קעניג׳ס טראָן־רעדע. — ליבעראַל־ראדיקאלע כוואַליע אין 1906. — פאַרטיי־קאַמף ריין פון מאַטעריעלע אינטערעסען. — די קאָנסערוואַטיווע פאַרטיי. — די ליבעראַלע פאַרטיי. — סאָציאַליזם אָדער כאַאָס, די הויפּט אישו. — פאַרטיי־קאַמף טרייבט צו פּראָגרעס. — דער קאַמף מיט׳ן לאָרדען־הויז. — וועטאָ־מאַכט פון די לאָרדען אָפּגענומען.

אינהאַלט פון צווייטען טייל.

1. דער געשיכטליכער גאַנג פון די טרייד יוניאָנס—59

1. די פּיאָנערען און ערשטע פאַראיינען. שמיץ, בראַנד־צייכענס, צוואַנג. — שוץ־געזעץ אָפּגעשאַפט. — קאַפּיטאַל׳ס אייזערנער קנאַפעל. 2. די רעוואָלוציאָנערע, קאַכעדיגע צייטען ביז 1848. ראָבערט אָוען׳ס פּלענער. 3. די צייט פון די קאָנסערוואַטיווע יוניאָנס, ביז 1875. קריסטליכע סאָציאַליסטען. — ערשטע קאָפּעראַטיווע קראָם אין ראָטש־דעיל. — קאַפּיטאַל האָט אַ זיסען חלום. — דער אָנפאַנג פון

צענטראליזאציע אין די טרייד יוניאָנס. — דער אָנפאַנג פון קאָלעקטיווען אָפּמאַך. — דאָס בענעפיט סיסטעם. — פּאָליטישע אַגיטאַציע ווערט אָפּגעפרישט. — דאָס פּאַרטייאישע „חאַר און דינער" געזעץ. — די „טרייד קאונסילס" און דער „טרייד יוניאָן קאָנגרעס". — סטרייקען און „פּיקעטען" אַ פּאַרברעך, זאָגען די לאָרדען. — די פּעריאָדישע האנדעלס־קריזיסען. 4. דער נייער יוניאָניזם, ביז 1890. אַ קאַפּיטאַליסט באשרייבט די טרויעריגע לאַגע פון די ארבייטער מאַסען. — פלאַם־פייערדיגע אַגיטאַטאָרען. — דער סטרייק פון די דאק־אַרבייטער. — שאַרפע סאָציאליסטישע לאָגיק ווירקט.

2. אַנטוויקלונג פון דער סאָציאָליסטישער באַוועגונג—87

די ווירקונג פון קאַרל מאַרקס. — די צילען פון ערשטען אינטערנאַציאָנאל. — פערדינאַד לאַסאַל'ס ווירקונג. — א שטים פון אמעריקע דערגרייכט ענגלאַנד. — די סאָציאל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע. — די סאָציאַליסטען ליג. — דער פאַביאַנער סאָציאַליסטען פאראיין. — בלוט־און־באַריקאַדען רעדעס. — אייניגע פיהרער און טוער אין דער פאַביאַנער געזעלשאפט. — די ספּעציעלע אויפקלערונגס־ארבייט פון דער געזעלשאפט. — וואו האָט בערנשטיין געלערענט דעם רעוויזיאָניזם ? די „קלאריאן" גרופּע.

3. די גרינדונג און דער פּראָגרעס פון דער „אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי" — — — — — — — — —106

„עס מוז געשעהן!" — זאָגט קיר הארדי. — קיר הארדי און מעקדאָנאַלד. — די ווירקונג פון פאריזער קאָנגרעס אין 1889. — איין פויגעל ברענגט דעם זומער. — די „אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי" געגרינדעט. — רעמזיי מעקדאָנאַלד ווערט א מיטגליד. — די ווירקונג פון דעם לאָנדאָנער אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין 1896.—ווילהעלם ליבקנעכט'ס זיבעציגסטער געבורטסטאָג. — דער לעצטער קאַמף צווישען די סאָציאל־דעמאָקראטען און אַנאַרכיסטען.

4. די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג — — — —121

אב. קאַהאַן'ס איינפלוס.

5. דער אָנהויב און אַנטוויקלונג פון דער אַרבייטער פּאַרטיי — — — — — — — — — — — — —127

צוריסענקייט שטימט ניט מיט דער לאָגיק פון די פיהרער.— דער טרייד יוניאָן קאָנגרעס הויבט אָן בייטען זיין שטעלונג. — א קאַמף פאר אויסגעשפּראָכענע פּרינציפּען. — ערשטע אַנערקענונג פאַר מעקדאָנאַלד'ס פעהיגקייטען. — די פּארטיי אָרגאַניזאציע. — די עקזעקוטיווע ווערט נאָמינירט פון פאָלק. — ווי אזוי די קאַנדידאטען ווערען באשטימט.— גינסטיגע געזעצען. — אַ גרויסע צאָהל ענטוזיאסטישע וואלונטירען.

6. צוויי היסטאָרישע פּראָצעסן — — — — — — — —140

דער „טעף וועיל" פּראָצעס. — די עקזעקוטיווע הייסט גוט אן אומגעזעצליכען סטרייק. — יוניאָן פארלירט 200,000 דאָלאר. — די ארבייטער באוועגונג ווערט כמעט פּאַראַלי־זירט. — אויל אויף דעם פייער פון אַגיטאַציע. — אומדער־וואַרטעטער זיג אין 1906. — דאָס נייע געזעץ וועגען סטרייקס. — שאָדענערזאץ פאר מילאָנען ארבייטער. — דער אָסבאָרן־פּראָצעס 1908־1913. — א דונער־קלאַפּ פאר דער אַרבייטער פּאַרטיי.—די יוניאָנס ווערען ענדליך פריי אין 1913.

7. סינדיקאַליזם, די „שאָפּ־סטיואַרדס" און גילד־סאָציאַליזם — — — — — — — — — — —153

סינדיקאַליזם אין ענגלאנד, אַ פּראַקטישע באוועגונג. — דער גרויסער טראַנספּאָרט־סטרייק אין 1911. — דער היסטאָרישער דריי־בונד. — די „שאַפּ־סטואַרדס" באַוועגונג, 1915־1917.— דער אָרגאַניזאציאָנס־פּלאן פון די „שאַפּ־סטואַרדס". — די איבערגעבליבענע „שאַפּ־סטואַרדס" גרינדען א קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — דער גילד־סאָציאַליזם. — די גילדע אין דער בוי אינדוסטריע.

8. די פרויען אין דער ארבייטער פּאַרטיי — — — —166

איבער א מיליאָן פרויען אין דער פּאַרטיי.

9. רעאַקציע און אויפלעבונג נאָכ'ן קריג — — — — 169

דאָס פּראָגראַם פון 1917, א ליכט אין דער פינסטערניש. — דער קאַפּיטאל־שטייער. — די ארבייטער פּארטיי ווערט א נאַציאָנאלע פּאָלקס־פּאַרטיי. — פּאָליטישער אויפטו פון דער ארבייטער פּארטיי. — דירעקטע בילדונגס אנשטאַלטען. — די ארבייטער פּרעסע.

10. די אַרבייטער פּאַרטיי אויף דעם שוועל — — —179

דער קעניג בלייבט אומפּארטייאיש. — דער טעות פון די ליבעראלען. — מעקדאָנאַלד שטעלט א נייעם טאָן.

11. די טוער און בעאַמטע פון דער ערשטער ארביי־טער רעגירונג — — — — — — — — — — —185

די פּראָמינענטסטע פיגורען פון דער הויכער אינטעליגענץ אין דער פּאַרטיי.

שלום־וואָרט — — — — — — — — — — — — —199

דאָס ארבייטער פּאָלק, אַ נאַציע ניט קיין קלאַס. — מעקדאָ־נאַלד'ס אָפּענע, מענשליכע דיפּלאָמאַטיע. — מעקדאָנאלד'ס עהרליכקייט אנערקענט פון געגנער. — מעקדאָנאלד אלס רעדנער.—די איינציגע רעוואָלוציע, וואָס וועט האָבען אַ האַפּט.

שליסעל — — — — — — — — — — — — — 215

ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — — — 224

פֿאָרוואָרט פֿון די אַרויסגעבער.

דאָס פֿאָרליגענדע בוך פֿון גענאָסע א. ראָזבורי איז אַ בוך אין צייט. דער אידישער לעזער, און הויפּטזעכליך דער לעזער פֿון סאָציאַליסטישע שריפֿטען איז איצט אונגעהייער פּאַראינטער־רעסירט מיט דעם גורל פֿון דער לייבאָר פּאַרטיי אין ענגלאַנד. וואָס איז שייך אונז, די סאָציאַליסטען גופא, וואַרטען מיר אימער אויף פּאָליטישע געשעהענישען אין ענגלאַנד מיט קלאַפּענדע הער־צער. אויסער דעם, וואָס די בריטישע לייבאָר פּאַרטיי איז די פּאַרטיי פֿון איינע פֿון די גרעסטע און מעכטיגסטע לענדער, איז זי איצט אויך אַ מוסטער פֿון סאָציאַליסטישע טריאומפֿען איבער דער גאַנצער וועלט. די געשיכטע האָט זיך אַזוי אַוועק־געשטעלט, אַז רוסלאַנד פֿון איין זייט און ענגלאַנד פֿון דער צווייטער זייט זאָלען זיין די שפּיגלען, אין וועלכע סאָציאַליסטען זאָלען קוקען אין זיי. און עס איז ענגלאַנד, וואו סאָציאַליסטען קענען זיך ווירקליך זעהן. עס איז ענגלאַנד, וואו סאָציאַליסטען קענען געפֿינען אַ נאַטירליכע אַנטוויקלונג פֿון זייערע לעהרען, זייערע האָפֿנונגען און זייערע בענקשאַפֿטען. עס איז דערפֿאַר, ווייל אין ענגלאַנד איז דאָ אַן אמת אויפֿגעקלעהרטער אַרבייטער־קלאַס; און די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע צושטענדען זיינען אין ענגלאַנד אַזעלכע, אַז דער אַרבייטער־קלאַס מאַרשירט דאָרטען צו מאַכט, אויף אַ וועג, ווי סאָציאַליסטען האָבען אימער געלערענט. ווערען באַקאַנט ווי אַזוי די אַנטוויקלונג פֿון אַרבייטער־קלאַס איז דאָרטען געגאַנגען, ווי אַזוי דער אַרבייטער־קלאַס האָט דאָרטען גע־בויט זיין פּאַרטיי און געזאַמעלט פּאָליטישע מאַכט, ווי אַזוי די אַרבייטער פּאַרטיי איז געבוירען געוואָרען, וואָס עס איז געווען אין דער בריטישער אַרבייטער־באַוועגונג פֿריהער, און ווי אַזוי די

ארבייטער־פארטיי האט געשטעלט איהרע ערשטע טריט — וועַ־רען מיט דעם באקאנט איז דער וואונש פון יעדען סאָציאַליסט, פון יעדען דיינקענדען לעזער. און דער אידישער סאָציאַליסטי־שער פארבאנד פיהלט, ארויסגעבענדיג דאָס בוך, אז ער קומט ארויס מיט א ווערק, וואָס וועט בארייכערען די אידיש־סאָציאַלי־סטישע ליטעראטור.

געגאָסע א. ראזבורי, דער פּראָפעסער, האט פיל געארבייט אויף זיין ווערק. אָבער דאָס אינטערעסאנטסטע דערביי איז, וואָס ער איז געוועזען א פּערזענליכער באאָבאכטער פון דער געבורט, און פון דעם וואוקס און אנטוויקלונג פון דער לייבאָר פּארטיי אין ענגלאנד. ער האט אין ענגלאנד געלעבט פילע יאָהרען, און איז געוועזען איינער פון די טיילנעהמער אין דער בריטישער ארבייטער־באוועגונג. ער איז גוט באקאנט מיט די עקאָנאָמישע און פּאָלי־טישע צושטענדען אין ענגלאנד אזוי גוט ווי מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון ענגלישען פאָלק. ער קען א סך פיהרער און טוער פון די ענגלי־שע יוניאָנס אזוי גוט ווי פון דער אינדעפּענדענט לייבאָר פּארטיי, און דער אלגעמיינער ארבייטער פּארטיי. ער האט אויך געקענט די גרינדער און ערשטע טוער פון די פּאָליטיש־ערוואכטע ארבייטער־אָרגאניזאציעס אין ענגלאנד. דאָס בוך האט, אלזאָ, א באזונדערען ווערט.

מיר זיינען איבערצייגט, אז דער לעזער וועט זיין מיט אונז איינשטימיג.

אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד פון אַמעריקא.

פאָרוואָרט.

די ארבייטער־פארטיי אין ענגלאנד עקזיסטירט 24 יאָהר. זי איז געגרינדעט געוואָרען אונטער דעם נאָמען „קאָמיטעט פאר ארבייטער־פארטרעטערשאפט“ אין יאָהר 1900. איהרע פיהרער זיינען פון אָנפאנג אָן געווען סאָציאליסטיש געשטימט, הגם א באשטימט־סאָציאליסטישע פראָגראם נעהמט די פארטיי אָן ערשט אָנפאנג יאָהר 1918.

פרעגט זיך: ערשטענס, ווי אזוי איז דאָס א גרויסער טייל פון דעם קאלטען, פלעגמאטישען ענגלישען פאָלק געוואָרען מיט־אמאָל סאָציאליסטיש געשטימט? צווייטענס, פון וואנען נעהמט זיך איהר שנעלער וואוקס — פון עטליכע הונדערט שטימען מיט 25 יאָהר צוריק ביז קארגע פיר און א האלב מיליאָן שטימען אין סוף יאָהר 1923? דריטענס, וואָס האָט מעגליך געמאכט, אז, הגם די לייבאָר־פארטיי שטעלט מיט זיך פאָר א מינאָריטעט אין פארלאמענט און אין פאָלק, — האָבענדיג וועניגער ווי א דריטעל פון די אָפּגעגעבענע שטימען און וועניגער ווי א דריטעל פון אלע פארלאמענט־מיטגלידער, — זאָל זי פונדעסטוועגען באקומען די רעגירונגס־מאכט, די שטיצע פון קעניג און פון א טייל מיט־גלידער פון די בורזשואזע פארטייען?

צו פארענטפערען די דאָזיגע פראַגע היסטאָריש און פסיכאָ־לאָגיש איז דער צוועק פון אָט דעם קליינעם ווערק. עס מיינט פאקטיש א קורצע געשיכטע פון דער ארבייטער־באוועגונג אין ענגלאנד און א קורצע שילדערונג פון איהר היסטאָרישען הינ־טערגרונד.

דער שרייבער האָט זיך געגעבען די גרעסטע מיה צו באַ־גרינדען זיינע היסטאָרישע פאקטען אויף זיכערע, אנערקענטע

קוואלען. א ביבליאָגראפיע ווערט אָנגעגעבען אויף די לעצטע זייטלאך פון דעם ווערק. חוץ דעם ווערען די פאקטען איבער־געגעבען פון דעם שרייבער'ס אייגענעם וויסען, ווייל ער האָט אליין געלעבט אין ענגלאנד אין משך פון 23 יאָהר (פון 1886 ביז 1909), האָט פערזענליך געקענט די פּיאָנערען פון דער דאָרטיגער אר־בייטער־באוועגונג און האָט נאָכגעפאָלגט מיט גרויס אינטערעס איהר גאנג און אנטוויקלונג.

א. ראזבורי.

ניו יאָרק, אָקטאָבער, 1924.

ערשטער טייל

1. היסטאָרישע און פּאַרלאַמענטאַרישע טראַדיציעס.

ערשטער טויט־קלאַפּ דעם אבסאָלוטיזם. — ערשטער פּאַרלאַמענט. — מען קעפּט א קעניג.

דער וואוקס און ערפאָלג פון דער ארבייטער־פּאַרטיי אין ענגלאַנד האָט זעהר פיל שייכות מיט דעם רעגירונגס־סיסטעם פון לאַנד. מען מוז צוגעבען, אז אי די פּאַרלאַמענטאַרישע טראַדיציעס, אי די בריטישע קאָנסטיטוציע, אי די פּסיכאָלאָגיע פון ענגלישען פאָלק, זיינען געווען גינסטיג פאַר דער אנטוויקלונג פון דער ארבייטער־פּאַרטיי. מיר וועלען דעריבער צוערשט באשרייבען בקיצור דעם היסטאָרישען הינטערגרונד.

דער בריטישער פּאַרלאַמענט איז באוואוסט אלס „די מוטער פון פּאַרלאַמענטען". ער איז פאַקטיש דער ערשטער אין דער מאָדערנער וועלט. דער ערשטער און דער איינציגער, וואָס האָט זיך גלייך אין אָנפאַנג אוועקגעשטעלט פאַר די רעכטען פון פאָלק געגען די רעכטען און פּריווילעגיעס פון קעניג.

ערשטער טויט־קלאַפּ פאַר דעם אַבסאָלוטיזם.

אין ענגלאַנד האָט די מאָנאַרכיע אלע מאָל געהאַט א שווערע אויפגאַבע. נאָך אין צוועלפטען יאָהרהונדערט האָט מען דאָרט אראָפּגעוואָרפען דעם יאָך פון אבסאָלוטיזם. קעניג הענרי דער ערשטער האָט דעמאָלט באוויליגט אויטאָנאָמישע פּריווילעגיעס פאַר די שטעדט, איבערהויפּט פאַר לאָנדאָן. די בירגער האָבען געהאַט דאָס רעכט צו וועהלען זייער לאַנד־ריכטער („שעריף") און פאַרוואַלטען די שטאָדט־קאַסעס. עס האָט זיך אַלזאָ אנטוויקעלט א סיסטעם פון געזעץ און אָרדנונג, וואָס דערפון איז שפּעטער

אנטשטאנען קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייט און נאציאָנאלע איי־ניגקייט.

אין יאָהר 1199 האָבען די באראָנען רעוואָלטירט און גע־צוואונגען דעם קעניג דזשאהן אונטערצושרייבען די „מאגנא קארטא" (א גרויסער צעטעל פּריווילעגיעם). פאקטיש איז דאָס געווען א דעקלאראציע פון קעניג, אז ער פארפליכטעט זיך צו רעספּעקטירען די געזעצען און בירגער־רעכטען. דערמיט האָט ענגלאנד אויפגעהערט צו זיין א קעניגליכער שטאאט און איז געוואָרען א געזעצליכער שטאאט. אין יאָהר 1215 האָט מען דעם קעניג פאררופען צו א גרויסער פארזאמלונג פון באראָנען און גלחים, צווישען וועלכע ער האָט קיין איינציגען פריינד ניט גע־האָט. דאָרט האָט מען איהם דערלאנגט א דאָקומענט, וואָס האָט אנטהאלטען 63 פּונקטען וועגען פארשיידענע אינדיווידועלע רעכ־טען. ניט ווילענדיג האָט קעניג דזשאהן דעם דאָקומענט געמוזט אונטערשרייבען. איינער פון די פּונקטען האָט געלויטעט, אז א 25־גער קאָמיטעט זאָל אויפפּאסען אויף דעם קעניג, ער זאָל זיין וואָרט ניט ברעכען. יעדער שפּעטערדיגער קעניג האָט זיך געמוזט פארפליכטען די דאָזיגע פּריווילעגיעם צו רעספּעקטירען.

ערשטער פּארלאמענט.

חוץ דעם זיינען אין ענגלאנד שוין דעמאָלט געווען טראדי־ציעס, לויט וועלכע באוואוסטע, איינפלוסרייכע בירגער זיינען אנערקענט געוואָרען פאר פאָלקס־פארטרעטער. די דאָזיגע פאר־טרעטער — ריטער, לאנד־באזיצער, כלל־טוער און דאָרף־טאטעס — פלעגט מען פון צייט צו צייט פאררופען צו א נאציאָנאל־ראט, וואו מען פלעגט זיך דורכשמועסען וועגען שטייערען און אל־געמיינע אינטערעסען. דער ערשטער פאָלקס־ראט פון דעם סאָרט (פּארלאמענט) איז אָפּגעהאלטען געוואָרען אין יאָהר 1254. די גראפען, באראָנען און בישאָפען האָבען געהאט אן עהנליכע פאר־זאמלונג פון זייער זייט. אזוי זיינען ביסלאכווייז אנטשטאנען די צוויי געזעץ־הייזער, די „האוז אָוו קאמאנס" (הויז פון פאָלקס־

פאַרטרעטער) און „האַוז אָוו לאָרדס“ (הויז פון אדעליגע און פריצים).

מען קעפּט אַ קעניג.

ביי אַזעלכע טראַדיציעס איז קיין וואונדער ניט, וואָס עס האָט זיך אין אַלעמענס מוחות איינגעוואָרצעלט דער געדאַנק, אַז דאָס געזעץ איז העכער און וויכטיגער ווי אַ קעניג'ס דעקרעטען און קאַפּריזען. אין די שפּעטערדיגע יאָהרען האָט אָט דער באַגריף געגעבען אַ שטאַרקען שטויס צום בירגער־קריג, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט דער הינריכטונג פון קעניג טשאַרלס. עס פאַרשטעהט זיך, אַז ניט איינמאָל, אין פאַרלויף פון 400 יאָהר, איז געקומען צו אַ קאָנפליקט צווישען קעניג און פּאַרלאַמענט. דער קאָנפליקט האָט דערגרייכט זיין שאַרפסטע פאָרם אין יאָהר 1640. די קעניגען האָבען כסדר אינטריגירט און אָנגעווענדט אַלערליי מיטלען זייער אבסאָלוטע מאַכט צוריקצוקריגען און פעסטצושטעלען. נאָך לאַנגע מחלוקת און מרידות, וואָס האָבען זיך געצויגען אַ פּאָר הונדערט יאָהר, האָט ענדליך אויסגעבראָכען אַ בלוטיגער בירגער־קריג צווישען דעם פאָלק און דעם קעניג טשאַרלס מיט זיינע אָנהענגער. אונטער דער פיהרערשאַפט פון אָליווער קראָמוועל, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון פּראָסטען פאָלק, האָט די פאָלקס־אַרמיי געזיגט. מען האָט דעם קעניג אַרעסטירט, גע־משפּט פאַר פאַרראַט, און געקעפּט פאַר די סאַמע פענסטער פון זיין פּאַלאַץ.

צוועלף יאָהר שפּעטער איז די מאָנאַרכיע ווידער איינגע־פיהרט געוואָרען, אָבער דער פּאַרלאַמענט האָט זיין מאַכט אָפּ־געהיט, ווי מען היט די אויגען אין קאָפּ, און איז ענדליך גע־וואָרען אַלמעכטיג. נאַטירליך האָט עס נאָך ניט געמיינט פולע בירגערליכע פרייהייט אין דעם מאָדערנעם זין. אָבער דער פונדאַמענט פון דעם פרייען, קאָנסטיטוציאָנעלען ענגלאַנד איז דעמאָלט געלעגט געוואָרען. די מאַכט פון קעניג איז אַלץ מעהר באַשרענקט געוואָרען, ביז וואַנען די מאָנאַרכיע איז געבליבען

בלויז א טראדיציע, אן אלטע איינפיהרונג, וואס מען דארף דול־דען, כדי אויסצומיידען רעוואלוציעס און פיהרען א פרידליך נאציאנאלען לעבען. יעדענפאלס איז דאס אן איינגעווארצעלטער גלויבען ביי דער מעהרהייט פון ענגלישען פאלק, ביי די מאסען ווי ביי דער אינטעליגענץ. א מאנארכיע אהן וועלכער עס איז מאכט איז איינער פון די הויפט־יסודות פון דער בריטישער קאנ־סטיטוציע. דערפאר קען ניט די מאנארכיע און ניט איהרע פריצים שטערען דעם פראגרעס פון דער ארבייטער־באוועגונג און אפילו ניט די איינפיהרונג פון א סאציאליסטישער געזעל־שאפט, אזוי לאנג ווי דאס וועט צוגעהן אויף א פארלאמענטא־רישען, קאנסטיטוציאנעלען אופן.

2. די בריטישע קאָנסטיטוציע.

גרינדונגס געזעצען. — געריכטס געזעצען. — לאָקאלע רעגירונגס געזעצען.

ווען מען רעדט פון א קאָנסטיטוציע, שטעלט מען זיך געוועהנליך פאָר א רייהה פונקטען און געזעצען, ווי א מדינה אָדער אָרגאַניזאציע דארף רעגירט ווערען. אזא קאָנסטיטוציע ווערט דורכגעטראכט און פארפאַסט. זי איז אַלזאָ לכתחילה א פאפירענע, א טעאָרעטישע, וואָס דארף דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען. אָבער דאָס איז ניט דער פאַל מיט דער בריטישער קאָנסטיטוציע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א לאנגזאמען געשיכטליכען אנטוויקלונגס־פראָצעס. די בריטישע קאָנסטיטוציע איז ארויסגערופען געוואָרען פון לעבען גופא, פון דרינגליכע לעבענס־פאָדערונגען. זי הויבט אָן איהר עקזיסטענץ אין צוועלפטען יאָהרהונדערט, ווי שוין פריהער דערמאָנט, און איהר לעצטער טייל איז צוגעזעצט געוואָרען אין יאָהר 1922. איהר אנטוויקלונגס־פראָצעס ציהט זיך שוין איבער אכט הונדערט יאָהר.

די בריטישע קאָנסטיטוציע איז ניט אזוי פעסט. מען האלט ניט יעדעס וואָרט אין איהר פאר א הייליגטום. פארקעהרט, זי איז ווי א בוך מיט לויזע בלעטער. א טייל פון די בלעטער זיינען ניט מעהר ווי טראדיציע. זיי האָבען א היסטאָרישען אָבער ניט קיין פראקטישען ווערט. און מען קען, אויב עס פאָדערט זיך, צוגעבען נייע בלעטער און צופאסען די קאָנסטיטוציע צו נייע צייטען און נייע אומשטענדען. אָבער מען דארף דאָס טאָן לויט איהר אייגענעם אינערליכען פרינציפ — דורך דיסקוסיע, דעבאטען, וואהלען, פארלאמענטארישע פראָצעדור, דורך דעם ווילען פון פאָלק, וואָס ווערט אויסגעדריקט דורך זיינע פארטרעטער אין פארלאמענט.

גרינדונגס געזעצען.

די בריטישע קאנסטיטוציע איז איינגעטיילט אין אכט פונק־טען: גרינדונגס־געזעצען; רעגירונגס־געזעצען; געריכטס געזעצען און לאקאלע רעגירונגס־געזעצען. די ערשטע פונקטען ליגען ערגעץ אין די בריטישע ארכיוועז; זיי האבען בלויז א היסטארישען ווערט. פונקט 1 איז, ווי שוין דערמאנט אין פריהערדיגען קאפי־טעל, די „מאגנא קארטא", דער צעטעל פריווילעגיעס, וואס איז אונטערגעשריבען געווארען פון קעניג דזשאהן אין יאהר 1215. מען האט דעמאלט פעסטגעשטעלט יעהרליכע פארלאמענטען און גלייכהייט פאר'ן געזעץ. די היינטיגע פארלאמענטען האלטען אן לענגער ווי א יאהר, אבער ניט לענגער ווי פינף יאהר, אויב א רעגירונג קען זיי אזוי לאנג דערציהען. מען האלט זיך אלזא ניט שטרענג ביים טויטען בוכשטאב פון געזעץ. דער גייסט פון דער זאך איז דער עיקר.

פונקט 2 איז דאס געזעץ פון „העביעס קארפוס", פעסט־געשטעלט אין יאהר 1679, וואס פארזיכערט פערזענליכע פריי־הייט. אונטער דעם דאזיגען געזעץ קען מען פארקומען פאר א ריכטער און אנגעבען גרונדען פאר דער באפרייאונג פון אן ארעס־טירטען.

פונקט 3 רופט זיך „עקט אוו סעטעלמענט", אנגענומען אין 1701. דער פונקט באווארענט, אז דער קעניג זאל זיין פון פראטעסטאנטישען גלויבען.

פונקטען 4 און 5 באשטעטיגען די פאראייניגונג פון ענגלאנד מיט שאטלאנד און אירלאנד, אנגענומען אין די יאהרען 1707 און 1800.

אויף פונקט 6 וועלען מיר זיך א ביסעל לענגער אפשטעלען אין פינפטען קאפיטעל. דער פונקט איז אנגענומען געווארען אין יאהר 1911 אונטער דעם וואקסענדיגען דרוק פון דער ארבייטער־פארטיי, נאך א לאנגען קאמף אויף דעם ענגלישען שטייגער, דורך דיסקוסיעס און דעבאטען. דער פונקט רופט זיך „פארלאמענט עקט". ער באשרענקט די וועטא־מאכט פון דעם לארדען־הויז.

די דאָזיגע וויכטיגע רעפאָרם גיט אונז א באגריף וועגען דער מעגליכקייט פון אלערליי רעפאָרמען, וואָס מען קען אין ענגלאנד דורכפיהרען אויף א געזעצליכען, פארלאמענטארישען אופן.

פונקטען 7 און 8, די לעצטע, באציהען זיך צו אירלאנד. דער לאנגער קאמף פאר זעלבסטשטענדיגע רעגירונג אין אירלאנד איז ענדליך געקומען צו א שלום אין די יאָהרען 1920 און 1922. דער קאמף האָט זיך אזוי לאנג געצויגען דערפאר, וואָס אירלאנד איז נאָך אלץ צוטיילט אין צוויי קעמפענדע, אונקאָמפּראָמיס־ליכע סעקציעס — די רוימיש־קאטוילישע באפעלקערונג, דער גרעסטער טייל פון דעם אירישען פאָלק, און די פּראָטעסטאנטישע מינאָריטעט אין צפון־אירלאנד, וואָס האָט תמיד העפטיג באקעמפט די פאָדערונג פון די ליבעראלען פאר א באזונדערען פארלאמענט פאר אירלאנד. דאָס פּראָבלעם איז ענדליך געלעזט געוואָרען אונטער דער רעגירונג פון לאָיד דזשאָרדזש. אין 1920 האָט מען דער צפון־באפעלקערונג באוויליגט אן אייגענע רעגירונג, און אין 1922 איז געגרינדעט געוואָרען דער אירישער פרייער שטאאט פאר דער קאטוילישער מאַיאָריטעט אויף דעם מאָדעל פון די ענגלישע קאָלאָניעס — אויסטראליען, ניי־זעעלאנד, זיד־אפריקע, וואָס האָבען זעלבסטשטענדיגע רעגירונג דורך אייגענע פארלאַ־מענטען, חוץ אין ענינים פון אויסלענדישער פּאָליטיק און אין דער פראגע פון קריג און פרידען. און זיי בלייבען טריי דער מאָ־נארכיע.

געריכטס געזעצען.

דאָס סיסטעם פון יוסטיץ אין ענגלאנד האָט כמעט קיין שייכות ניט מיט אונזער ענין, אָבער אזוי ווי די יוסטיץ איז א טייל פון דער בריטישער קאָנסטיטוציע, איז נויטיג צו דערמאָנען בקיצור א פּאָר איינצעלהייטען.

די ריכטער ווערען ניט ערוועהלט נאָר אָנגעשטעלט פון דער רעגירונג, און זיי האַלטען זייער אמט זייער גאנצען לעבען. אויב א ריכטער פארדינט אראָפּגעזעצט צו ווערען, וואָס איז א זעלטענ־הייט אין ענגלאנד, קען מען דאָס טאָן נאָר דורך א פּעטיציע צו

ביידע פּאַרלאַמענט־הייזער. פאַראַן לאָקאַלע געריכטען, העכערע געריכטען און אַפּעלאַציאָנס־געריכטען. דאָס געריכט פון העכסטער אינסטאַנץ איז דאָס לאָרדען־הויז, פאַקטיש אַ קאָמיטע מיט דעם לאָרד־קאַנצלער אַלס פּאָרזיצענדען. אין קרימינעלע פּראָצעסען ווערט מען גע׳משפּט פאַר אַ געריכט פון געשוואָרענע.

אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס די טרייד־יוניאָנס האָבען דורך פּאָליטישער אַקציאָן זיך באפרייט פון דעם אינדזשאָנקשאָן מיט אַלע זיינע צרה׳דיגע פאָלגען. אין יאָהר 1906, גלייך דאָס ערשטע יאָהר ווי די ארבייטער־פּאַרטיי האָט ערוועהלט 29 פּאַר־לאַמענט־מיטגלידער, האָט דער פּאַרלאַמענט דורכגעפיהרט אַ גע־זעץ, וואָס גיט די ארבייטער אַ פאָלשטענדיג רעכט צו אָרגאַניזירען יוניאָנס און פיהרען סטרייקס. די יוניאָנס האָבען דאָרט געליטען אונטער אַן אַלטען געזעץ, וואָס האָט ערלויבט די ריכטער אויס־צוטייטשען ארבייטער־אָרגאַניזאַציע אַלס קאָנספּיראַציע. אָבער איצט איז דאָס אַלטע געזעץ ניט מעהר ווי אַ פאַקט פון דער פאַרגאַנגענהייט. דער קאַמף פון די יוניאָנס געגען די קאָנספּי־ראַציע־געזעצען און געגען דאָס רעכט פון קאַפּיטאַליסטען צו פּראָ־צעסירען טרייד־יוניאָנס פאַר שאַדענערזאַץ אין סטרייקס ווערט דערמאָנט אין ווייטערדיגע קאַפּיטלען.

לאָקאַלע רעגירונגס געזעצען.

דער צונויפשטעל און מאַכט פון די לאָקאַלע רעגירונגען איז אַ טייל פון דער קאָנסטיטוציע. די לאָקאַלע רעגירונגען באַ־שטעהען פון שטאָדט־ראַטען, דאָרפס־ראַטען, קאָמיטעטען צו שטי־צען די אָרימע לייט א. אז. וו. זיי האָבען צו זאָגען איבער דער פּאָליציי, איבער׳ן פאַרקויף פון אַלקאָהאָלישע משקאות, איבער די משוגעים־הייזער און די קהל׳שע ענינים פון שטעדט און דער־פער. זיי פאַרוואַלטען די טראַמווייען, זאָרגען פאַר די עלעמענ־טאַרע און העכערע שולען און האָבען אין די לעצטע יאָהרען באַ־גרינדעט זייער רעכט צו בויען הייזער און פאַרקויפען געוויסע פּראָדוקטען פאַר דער טובה פון דער ארבייטער־באַפעלקערונג אָדער

אָרימע לייט. זיי זיינען אונטערוואָרפען דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דעם געזונדהייטס־מיניסטעריום. אין אָט די אַלע קערפּער־שאַפטען האָט די אַרבייטער־פּאַרטיי דורך איהרע ערוועהלטע פאַר־טרעטער אַלע יאָהרען אויסגעאיבט אַ שטאַרקען איינפלוס. אין די פאַרשיידענע ראַטען („קאָונסילס“) האָבען אַ סך פון זיי באַ־קומען די נויטיגע פּאָליטישע ערציהונג, וואָס האָט זיי שפּעטער פעהיג געמאַכט צו ווערען פּאַרלאַמענט־מיטגלידער און פאַרנעהמען רעגירונגס־עמטער. דער באַריהמטער אַרבייטער־פיהרער דזשאָהן בערנס, דער ערשטער אַרבייטער וואָס איז דערהויבען געוואָרען צו אַ קאַבינעט־שטעלע אין יאָהר 1906, איז יאָהרען־לאַנג געוועזן אַ מיטגליד פון דעם וויכטיגסטען שטאָדט־ראַט פאַר לאָנדאָן, „קאָונטי קאָונסיל“.

3. דער פּאַרלאַמענט און דאָס מיניסטעריום.

דאָס לאָרדען הויז. — דאָס „האָוז אָוו קאָמאָנס. — ווי אזוי מען פּאָדערט דין וחשבון. — דאָס רעכט פּאָרצוברענגען געזעץ־פּראָיעקטען.

דער וויכטיגסטער טייל פון דער קאָנסטיטוציע איז דער וואָס האָט אַ שייכות צו די רעגירונגס־געזעצען — דעם קעניג׳ס בלומרשט׳דיגע מאַכט, די צונויפשטעלונג פון דעם פּאַרלאַמענט און די רעגירונגס־מאַכט פון דעם מיניסטעריום.

די געזעצען וועגען דעם קעניג׳ס מאַכט זיינען מייסטענס טעאָרעטישע; אין פּראַקטישען לעבען ווערען זיי ניט דורכגע־פיהרט. יעדעס פאָלק האָט פּסיכאָלאָגישע ווידערשפּרוכען; און אַ כאַראַקטעריסטישער ווידערשפּרוך פון דעם ענגלענדער איז זיין נייגונג צו פּאָמפּ און צערעמאָניעס, הגם ער איז בטבע פלעג־מאַטיש. אין פּאָליטיק און סאָציאַלע פראגען איז ער גיכער לאָגיש ווי סענטימענטאַל, אָבער זיינע עסטעטישע געפיהלען געפינען אַן אויסדרוק אין זיין באוואונדערונג פון די קאָלירפולע קעניגליכע נאַרדעראָבעס. ער שיינט צו האָבען אַ באַזונדערע הנאה פון די היסטאָרישע פּראָצעסיעס, די באַגילטע קאַרעטען און קאָסטבאַרע פערד און געשפּאַן. ער ליבט צו טראַכטען און שמועסען פון דעם קעניגליכען הויף מיט זיינע אַלט־מאָדישע לאַקייען אין ווייסע פּאַרוקען און מיט געפּודערטע געזיכטער. אפשר איז דאָס דערפאַר וואָס ער האָט אַ לאַנגע היסטאָריע הינטער זיך און וויל האַלטען צונויפגעקניפּט די פעדים פון אמאָל און היינט, כדי די וויכטיג־קייט און כבוד פון זיין נאַציע זאָל תמיד לעבען אין זיין געדאַנק.

בכלל אין רעגירונגס־זאַכען אין ענגלאַנד שפּילען פּרעצעדענ־טען און מנהגים אַ גרעסערע ראָל, איידער דאָס געשריבענע וואָרט.

דאָך איז לאָגיק העכער ווי אַלץ, און פּרעצעדענטען, וואָס מען קען פּאַרטייטשען: „דער און דער האָט אַזוי און אַזוי גע׳פּסק׳ענט און דערפאַר דאַרף מען זיך דערמיט רעכענען", מוזען זיין באַגרינדעט אויף לאָגיק. ווענען ענגלאַנד קען מען זאָגען, אַז אַ מנהג ברעכט אַ דין און אַ דין ברעכט אַ מנהג, אָבער אין רעגירונגס-ענינים, ווען די צייט און די מאַיאָריטעט פון פאָלק פאָדערט דאָס, ברעכט די לאָגיק ביידען.

טעאָרעטיש באַשטעהט די רעגירונג פון 1) דעם קעניג; 2) די „האַוז אָוו קאָמאָנס"; 3) די „האַוז אָוו לאָרדס". אָבער אין דער פּראַקטיק האָט דער קעניג פאַקטיש קיין דעה ניט, סיידען די רעגירונג וויל זיין קלוגע פּריוואַט-מיינונג רעספּעקטירען, אָבער די מיינונג מוז זיין אַ קלוגע און אַ פּראַקטישע. טעאָרעטיש איז די עקזעקוטיווע דער קעניגליכער ראַט, אָבער אין דער פּראַקטיק זיינען די מיניסטאָרען די עקזעקוטיווע. די פאַקטישע רעגירונג איז דער קאַבינעט, פון וועלכען דער פּרעמיער איז דער פאָרזיצענ-דער. טעאָרעטיש איז דער קעניג דער „סואַווערען" — די הער-שענדע מאַכט — אָבער אין דער פּראַקטיק הערשט דאָס פאָלק דורך זיינע פאַרטרעטער אין פּאַרלאַמענט, און יעדער מיניסטער באַזונדער און דאָס גאַנצע מיניסטעריום צוזאַמען זיינען צום פּאַרלאַמענט פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלע זייערע אינדיווידועלע און געמיינשאַפטליכע האַנדלונגען. די מאָנאַרכיע איז אַ טייל פון דער קאָנסטיטוציע, אָבער זי איז באַשרענקט (ניט אַבסאָלוט). טעאָרעטיש האָט דער קעניג אַ רעכט צו וועטאָאירען געזעצען, אָבער אין דער פּראַקטיק איז דאָס דאָזיגע רעכט זיינע שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבען. ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג מוז ער אונטער-שרייבען יעדען געזעץ, וואָסביידע געזעץ-הייזער נעהמען אָן, און מוז פאַקטיש צושטימען צו יעדען פּראָיעקט אָדער רעקאָמענדאַציע פון דעם פּרעמיער און זיין קאַבינעט. פאַראַן אַ טעאָרעטישער כלל אין דער קאָנסטיטוציע, אַז „דער קעניג קען קיין אומרעכט ניט טאָן". טעאָרעטיש קען מען אַלזאָ דעם קעניג ניט פּראָצע-סירען. אָבער אין דער פּראַקטיק קען מען דערלאַנגען אַ פּעטיציע

געגען דעם קעניג, אָדער דעם פּארלאמענט, אָדער א טייל פון דער רעגירונג, אויב מען וויל פאָדערען א רעכט.

דאָס לאָרדען הויז.

די מיטגלידער פון לאָרדען־הויז זיינען ניט קיין ערוועהלטע פון פאָלק און קריגען ניט קיין געהאלט. זיי באקומען דאָס רעכט צו זייער מיטגלידערשאפט אויף פאָלגענדען אופן: 1) דאָס רעכט נעהט איבער פון פאָטער צום עלטסטען זוהן בירושה; 2) ווען דער קעניג איז מכבד מיט דעם טיטעל „פּיר אָוו די רעלם“; 3) ווען מען ווערט אָפיציעל ערוועהלט צו א רעגירונגס־פּאָזיציע, וואָס פאָדערט אנוועזענהייט ביי די זיצונגען אין דעם לאָרדען־הויז. אָבער אחוץ די, וואָס באקומען זייער רעכט צו מיטגלידער־שאפט בירושה, ווערען די איבעריגע פאקטיש באשטימט אָדער רעקאָמענדירט צום קעניג פון דעם פּרעמיער און זיין קאבינעט. נאָטירליך רעקאָמענדירט דער פּרעמיער אָנגעזעהענע מענשען און כלל־טוער, אָדער באריהמטע בירגער, וואָס האָבען זיך אויסגע־צייכענט אין ליטעראטור, קונסט אָדער וויסענשאפט. טעאָרעטיש איז דאָס לאָרדען־הויז א טייל פון דער רעגירונג און יעדער געזעץ מוז פון די לאָרדען באשטעטיגט ווערען, אָבער אין דער פּראקטיק האָבען די לאָרדען העכסטענס די פּריווילעגיע אויף א געוויסע צייט צו פארציהען די ווירקונג פון א געזעץ. אין יאָהר 1911 האָט די רעגירונג פון פּרעמיער אסקוויטה זייער מאכט שטארק באשרענקט, ווי מיר וועלען דאָס זעהן אין א ווייטערען קאפּיטעל.

דאָס „האָוז אָוו קאָמאָנס“.

אין פארלויף פון נייינצעהנטען יאָהרהונדערט איז דאָס הויז פון די ערוועהלטע פארטרעטער ביסלאכווייז געוואָרען דער וויכ־טיגסטער טייל פון בריטישען פּארלאמענט. ביז דער צייט, ווען אירלאנד האָט באקומען זעלבסט־רעגירונג, האָט דאָס הויז גע־צעהלט אַן ערך 670 ביז 707 מיטגלידער, פון וועלכע 81 האָבען פארטראָטען אירלאנד. איצט באשטעהט דאָס „האָוז אָוו קאָ־

מאַנס" פון 615 מיטגלידער, וואָס ווערען ערוועהלט פון רעגיס־טרירטע וועהלער, מענער און פרויען. פרויען אונטער 30 יאָהר אלט האָבען דערוויל נאָך ניט קיין שטימרעכט. די איצטיגע וועהלער זיינען אַן ערך אַ דריטעל פון דער באַפעלקערונג. אין די לעצטע וואהלען האָבען איבער 19 מיליאָן וועהלער געהאַט אַ רעכט צו שטימען. געשטימט האָבען בלויז איבער 14 מיליאָן. די אָפּגעגעבענע שטימען פאַר דער ארבייטער־פּאַרטיי זיינען געווען 4,348,379. דער פּאַרלאַמענט ווערט ערוועהלט אויף ניט לענגער ווי פינף יאָהר, און די געהאַלט פון די מיטגלידער איז 400 פונט אַ יאָהר (לויט דער איצטיגער וואַליוטע אַן ערך 1,800 דאָלאַר).

ביז דעם יאָהר 1911 האָבען די פאָלקס־פאַרטרעטער קיין געהאַלט ניט באַקומען. כמעט אַלע ערוועהלטע פאַרטרעטער זיינען דעמאָלט געווען לאָיערס, געשעפטס־לייט און מענשען מיט פּריוואַטער הכנסה. יאָהרען־לאַנג האָבען די ראַדיקאַלע ליבעראַלען, די טרייד־יוניאָנס און סאָציאַליסטען שטאַרק אַגיטירט דערפאַר, אַז די ערוועהלטע פאָלקס־פאַרטרעטער זאָלען באַקומען געהאַלט. אין איהרע ערשטע יאָהרען האָט די ארבייטער־פּאַרטיי געזאַמעלט אַ ספּעציעלע קאַסע, פון וועלכער מען פלעגט איהרע ערוועהלטע מיטגלידער צאָהלען אַ יעהרליכען געהאַלט. די קאַסע איז געזאַ־מעלט געוואָרען דורך אַן אָפּצאָהל פּער קאָפּ פאַר יעדען מיטגליד פון די אָנגעשלאָסענע טרייד־יוניאָנס און סאָציאַליסטישע פאַר־איינען.

ווי אַזוי מען פאָדערט דין וחשבון.

דאָס „האַוז אָוו קאָמאָנס" האָט פאַקטיש די גאַנצע קאָנטראָל איבער דער רעגירונג פון לאַנד. זי האָט די אויסשליסליכע מאַכט אין דער אויסערער פּאָליטיק, די מאַכט צו ערקלעהרען קריג און שליסען פרידען. ווי שוין דערמאָנט, איז די עקזעקוטיווע — דער קאַבינעט אָדער מיניסטעריום — פאַראַנטוואָרטליך צו די פאָלקס־פאַרטרעטער. די דאָזיגע פאַראַנטוואָרטליכקייט דריקט זיך מיינ־

טענס אויס אין דעם אבסאָלוטען רעכט פון יעדען פארטרעטער צו שטעלען פראגען דער רעגירונג בכלל און אינדיווידועלע מיניסטאָרען בפרט. עס איז איינגעפיהרט שוין מכמה יאָהרען, אז פאר יעדער פארלאמענטארישער זיצונג פרעגט מען ביי די מיניסטאָרען אלערליי שאלות וועגען אינלענדישע, אויסלענדישע אָדער קאָלאָניאלע ענינים פון דער מדינה. אין די לעצטע יאָהרען באנוצען זיך די פארלאמענט־מיטגלידער אלץ מעהר מיט דער דאָזיגער פריווילעגיע. און די פראגען פארנעהמען אלץ מעהר צייט. איידער די פראגע ווערט געשטעלט, מוז מען וועגען דעם מעלדען מיט עטליכע טעג פריהער, און די פראגען ווערען פאר־עפענטליכט אין פארלאמענט גופא, סיידען די מעלדונג איז געווען א פריוואטע. אויב דער אָנפרעגער איז מיט דעם מיניסטער׳ס ענטפער ניט צופרידען, קען ער תוך כדי דבור א צווייטע פראגע שטעלען. אויב ער איז אלץ ניט צופרידען, מעג ער פרובירען די רעגירונג אָפשרעקען מיט דער ווארנונג, אז ער וועט אריינ־ברענגען א רעזאָלוציע און פאָדערען א דעבאטע איבער דעם ענין.

דער מיניסטער, אָדער זיין אָפיציעלער סעקרעטער, וואָס פאָרטרעט טיילמאָל זיין שטעל ביי די דעבאטען, איז ניט מחויב צו ענטפערען אויף א פראגע, וואָס ווערט, אין זיין מיינונג, נים געשטעלט מיט אן ערנסטען פארלאנג פאר אינפאָרמאציע. הומאָר און פערזענליכער „קיבעץ״ זיינען אין פארלאמענט שטענ־דיג אם פלאץ. מיניסטאָרען און באצאָהלטע רעגירונגס־באאמטע ווייסען, אז זיי מוזען זיך אונטערגאָרטלען און זיין גרייט אויס־צושטעהן די שאַרפסטע קריטיק, נאטירליך ניט קיין פערזענליכע באליידיגונג. אין ענגלאנד זיינען כלל־טוער ביי זיך ניט אזוי ציטעריג ווי אין אנדערע לענדער, און פערזענליכע קריטיק נעהמט טיילמאָל אָן די שאַרפסטע פאָרם. פארלאמענט־מיטגלידער נעה־מען זיך אָפטמאָל די פרייהייט איינער דעם אנדערען׳ס רעדעס צו אונטערברעכען מיט וויציגע באמערקונגען, וואָס רופען ארויס גרויס געלעכטער. אָבער „קיבעצדיגע״ פראגען צו די מיניס־טאָרען ווערען געוועהנליך איגנאָרירט.

דאָס רעכט פאָרצובריינגען געזעץ־פּראָיעקטען.

איך וועל דאָ מוזען אויסלאָזען אַ סך איינצעלהייטען וועגען פּאַרלאַמענטאַרישע מנהגים און באַציהונגען צווישען מיט־גלידער. אָבער מען טאָר ניט פאַרפעהלען צו דערמאָנען געוויסע פּריווילעגיעס פון די פאָלקס־פאַרטרעטער. אין באַצוג צו געזעץ־פּראָיעקטען ווערט דער פּאַרלאַמענט כלומרשט איינגעטיילט אין רעגירונגס־מיטגלידער און פּריוואַט־מיטגלידער. אין אָנפאַנג פון דער יעהרליכער זיצונג ברענגט די רעגירונג אריין איהר פּראָגראַם און פּריוואַט־מיטגלידער האָבען אַ רעכט צו מעלדען אייגענע פּראָיעקטען. די רעגירונגס־פּראָיעקטען האָבען דעם פאָרצוג, אָבער די רעגירונג טאָר ניט זיין צו עגאָאיסטיש און מוז באַשטימען ספּעציעלע טעג פאַר דיסקוסיעס איבער די פּראָיעקטען פון פּריוואַט־מיטגלידער. די פראַגע האָט אַ שייכות צו דעם קאַמף צווישען די פּאַרטייען. וואָרים אז די רעגירונגס־פּאַרטיי, אַז די אָפּאָזיציע זוכט זיך אויסצוצייכענען אין פּאַרלאַמענט כדי ביי די נעקסטע וואַהלען צו געווינען די וועהלער אויף איהר זייט און באַקומען די רעגירונגס־מאַכט. יעדער געזעץ־פּראָיעקט געהט דורך פאָלגענדען פּראָצעס איידער ער געהט ענדליך אריין אין קראַפט: 1) ערשטע פאָרמעלע פאָרלעזונג אָהן דעבאַטען; 2) צווייטע פאָרלעזונג און לאַנגע דעבאַטען, אויב דאָס איז אַ שטרייטיגע פראַגע; 3) אויב דער פּראָיעקט געהט דורך מיט אַ מאַיאָריטעט ביי דער צווייטער פאָרלעזונג, ווערט ער „געשניצט“ און „געהובלעוועט“ ביי אַן עקזעקוטיווער זיצונג. דער חילוק צווישען אַן עקזעקוטיווער זיצונג און געוועהנליכער זיצונג איז וואָס ביי דער לעצטער איז דער „ספּיקער“ דער פאָרזיצענדער און ביי דער ערשטער איז פאַראַן אַ באַזונדערער פאָרזיצענדער. די עקזעקוטיווע זיצונגען זיינען געהיים, אָבער יעדער פּאַרלאַמענט־מיטגליד מעג אַנוועזענד זיין. דאָ האָט די אָפּאָזיציע איהר געלעגענהייט דעם פּראָיעקט צו ענדערען לויט איהר וואונש, ווי־באַלד זי האָט נאָר אַן ענערגישע, אנטשלאָסענע פיהרערשאַפט. דערנאָך ווערט דער פּראָיעקט פאָרגעלעזען אַ דריטען מאָל, און ווי

באַלד ער ווערט אָנגענומען, געהט ער איבער צום לאָרדען־הויז, וואו ער געהט דורך דעם זעלבען פּראָצעס. און ווען דער געזעץ־פּראָיעקט ווערט אָנגענומען פון ביידע הייזער און אונטערגע־שריבען פון קעניג, טרעט ער אריין אין קראַפט.

4. דער קאמף פאר שטימרעכט.

מאַשינען באַשאַפען מחנות ארבייטסלאַזע. — ערשטער זיעג אין 1832. — די טשאַרטיסטען באַוועגונג. — פּראָפעסאָרען און פובליציסטען פאר־אינטערעסירען זיך מיט דער באַוועגונג. — יוניאָן פיהרער פאר־גרעסערען זייער אײַנפלוס.

איידער מיר קומען צום ענין, וואָס האָט א שייכות מיט'ן פרעמיער און דעם פארטיי־קאמף, איז נויטיג אפריהער צו ווארפען א בליק אויף דעם היסטאָרישען קאמף פאר שטימרעכט. ווייל הגם ענגלאנד האָט א פארלאמענט שוין הונדערטער יאָה־רען, הויבען זיך די אמת'ע דעמאָקראטישע אינסטיטוציעס ערשט אָן אין דעם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט. ביז דעם יאָהר 1832 איז דער פארלאמענט און די רעגירונגס־מאַכט געווען דורכאוים אין די הענד פון די אדעליגע, מייסטענס לאנד־באַזי־צער. ערשט אין יענעם יאָהר ווערט אָנגענומען א געזעץ, וואָס גיט שטימרעכט דעם נייעם מיטעל־קלאַס — פאבריקאנטען, סוחרים און אייגענטום באזיצער אין די אינדוסטריעלע שטעדט. און ביז דעם יאָהר 1867 איז דער ארבייטער קלאַס געווען לגמרי אויסגעשלאָסען פון דער פּאָליטיק.

פאר דעם פאָרשער פון געשיכטליכע פאסירונגען איז יעדער פּאָליטישער קאמף באגרינדעט אויף עקאָנאָמישע אינטערעסען. דער קאמף פאר פּאָליטישע מאַכט איז פאקטיש א קאמף פאר דעם קאָנטראָל איבער די גיטער פון לאנד, דעם האנדעל, און דאָס רייכ־טום און וואוילזיין וואָס דער האנדעל ברענגט. ווען מען פאָלגט נאָך די היסטאָרישע פאסירונגען אין ענגלאנד פון סוף אכצענטען יאָהרהונדערט ביז צו דער היינטיגער צייט, זעהט מען קלאָר, אז יעדער פּאָליטישער קאמף איז אין תוך געווען אן עקאָנאָמישער

קאמף. דער קלאסענקאמף איז שטארק בולט, טראצדעם וואס די ארבייטער־פארטיי האט, צוליב טאקטישע אורזאכען, קיינמאל דעם פאקט ניט באטאנט. די גרינדער פון דער ארבייטער־פארטיי — קיר הארדי, סידני וועבב, מעקדאנאלד און בערנארד שאו — האבען געגלויבט, אז דער צוועק פון דעם סאציאליזם איז צו באזייטיגען די קלאסען, כדי די געזעלשאפט זאל ווערען הארמאניש און אייניג מיט זיך אליין. זיי האבען דעם קלאסענקאמף געהאלטען פאר א דאגמע וואס שטערט דעם ערפאלג פון סאציאליזם.

יעדער עקאנאמישער קאמף דריקט זיך דארט סוף כל סוף אוים אויף דעם פאליטישען געביט — אין פארלאמענט. דערמיט וואס די טרייד־יוניאנס האבען פאראייניגט זייערע פאליטישע און עקאנאמישע אינטערעסען אין דער ארבייטער־פארטיי, און די ארבייטער־פארטיי האט ברייט געעפענט איהרע טירען פאר אלע בירגער וואס שטימען איין מיט איהר פראגראם, זיינען זיי נאר טריי דעם היסטארישען און פאליטישען גאנג פון זייער לאנד.

אין דעם קאמף פאר שטימרעכט איז דער מיטעל־קלאס אינדירעקט געשטיצט געווארען פון ארבייטער פאלק — פון דעם פראלעטאריאט. דעמאלט איז די ברענענדיגע פראגע פאר דעם ארבייטער פאלק געווען ארבייט און שכירות. אבער זיין עקאנאמישער קאמף, ווי מיר וועלען גלייך זעהן, ווירקט שטארק אויף דער רעגירונג און מאכט די פאדערונג פאר שטימרעכט בולט'ער און מורא'דיגער.

מאשינען באשאפען מחנות ארבייטסלאזע.

אין אנפאנג נייפצעהנטען יאהרהונדערט, ווען עס מעהרען זיך די פאבריקען און עס ענטוויקעלט זיך די מאשינעריע, באשאפען די נייע מאשינען מחנות ארבייטסלאזע. צווישען די יאהרען 1811 און 1814 וואנדערען ארום מחנות הונגעריגע ארבייטסלאזע איבערן לאנד. זיי זיינען דורכגענומען מיט'ן גלויבען, אז די מאשינען זיינען די הויפט־אורזאך פון זייער טרויעריגער לאגע און זיי צעברעכען די מאשינעריע וואו נאר זיי האבען א

געלעגנהייט. די רעגירונג ווערט צוטומעלט און כאפט זיך אָנ־וועגדען רעפּרעסיעס. זי גלויבט, אז די ארבייטער זיינען אין קאָנספּיראציע געגען דעם שטאאט, אז מיט זייער מאשין־ברעכעריי ווידערהאָלען זיי די מעטאָדען פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע.

נאָך דעם קריג מיט פראנקרייך, ווען נאפּאָלעאָן דער ערש־טער ווערט באזיימיגט, ווערט א גרויס יקרות אויף ברויט. מיליאָ־נען אקער לאנד זיינען ניט קולטיווירט, אָבער די לאנד ארבייטער האָבען ניט די מיטעל און מעגליכקייט צו באארבייטען דאָס לאנד פאר זייער נוצען. די רעגירונג פאלט אויף א פּלאן אָפּצו־נעהמען ביי די ארבייטער דאָס רעכט אויף לאנד. דאָס לאנד ווערט איבערגעגעבען צו די פּריצים, צו די אדעלינגע. אין דער־זעלבער צייט אנטשטעהט א גרויסע פאָדערונג אויף פאבריצירטע סחורות אין די קאָלאָניעס, אין אינדיע, אמעריקע און אנדערע ער־טער. עס אנטוויקעלט זיך א גרויסער עקספּאָרט האנדעל. די פאבריקען און שטעדט פאָדערען ארבייטער און די דאָרפישע באַ־פעלקערונג וואנדערט אויס אין די שטעדט. אין די פאבריקען ארבייט מען פּאקטיש טאָג און נאכט. פרויען און קינדער ווע־רען שרעקליך עקספּלואטירט. זיי ארבייטען עבודת פּרך, אָבער דער דלות אין זייערע צרה׳דיגע היימען קוקט ארויס פון אלע ווינקלען.

די באפעלקערונג אין די שטעדט הויבט אָן וואקסען ווי אויף הייוועז. דער קאפּיטאליזם צעבליהט זיך. עס קומט אויף די בורזשואזיע — דער נייער מיטעלקלאס — וואָס האָט שוין עשירות אָבער נאָך ניט קיין פּאָליטישע מאכט. אין יאָהר 1819 הויבט זיך אָן א קאָנפליקט צווישען די נייע פּאָלקס קרעפטען און דער רעגירונג. וואָרים עס הערשט דלות און דחקות איבעראַל און מען האלט די רעגירונג דערפאר פאראנטוואָרטליך. אין די אינ־דוסטריעלע שטעדט געהט אָן א געוואַלדיגע אגיטאציע פאר אַל־געמיינע שטימרעכט און יעהרליכע פּארלאמענטען. אין א טייל ערטער נעמען זיך די „נייע רייכע" אליין דאָס רעכט צו ערוועהלען פּארטרעטער פאר׳ן פּארלאמענט. מחנות מענשען מושטירען זיך

און באוואפענטערהייט האלטען זיי אפּ א מאסענפארזאמלונג אין מאנטשעסטער מיט דעם צוועק צו דערלאנגען א פעטיציע פאר רעפאָרמען צום פארלאמענט. סאָלדאטען און הוזארען צעטרייבען די פארזאמעלטע, טויטען זעקס מענשען און פארוואונדען א סך אנדערע. אָבער די רעפּרעסיעס זיינען ווי אויל אויף דעם פייער און גיבען א פרישען אָנשטויס צו דער רעפאָרם־באוועגונג. מען באשולדיגט די רעגירונג, אז זי זוכט צו אונטערדריקען די פאָלקס־פרייהייט, אָבער זי ענטפערט מיט נאָך שטרענגערע געזעצען.

ערשטער זיג אין 1832.

אין 1823 ברעכען אויס פרישע רייאָטס. די ארבייטער צעברעכען שוין ווידער מאשינעריע אין די פאבריקען. אין 1830 הערשט ביי די מאסען נויט און הונגער. די רעוואָלוציע אין פאריז באוועגט ענדליך די ענגלישע רעגירונג צו קלעהרען וועגען פּאָליטישע רעפאָרמען. די רעגירונג פון דער „וויהיג“ *) פארטיי פאָרמולירט א געזעץ־פּראָיעקט פאר דער אויסברייטונג פון שטימרעכט, אָבער א ספעציעלע קאָמיטע נעהמט דאָס געזעץ ניט אָן, און עס ברעכען אויס ווייטערע רייאָטס אין די גאסען. די רעגירונג פאראנשטאלטעט נייע וואהלען און איהר פארטיי ווערט

*) די ערשטע היסטאָרישע פּארטייען זיינען געווען „טאָריס“ און „וויהיגס“. די „טאָריס“, מייסטענס באראָנען און גוטס־באזיצער, האבען פאַרטיידיגט די אידעע, אז דעם קעניג׳ס רעכטען קומען דירעקט פון גאָט, און זיי האבען דעריבער ניט דערלאָזען קיין ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע.

די „וויהיגס“ האָבען זיך איינגעשטעלט פאר רעליגיעזע און אינדיווידועלע פרייהייט. זיי האבען געהערט צו דער פּראָטעסטאַנטישער קירך און האָבען געפאָדערט פולע מאכט פאר דעם פאַרלאַמענט. אין דעם אויבען־באשריבענעם קאמף איז די פארטיי פון די „וויהיגס“ אָפטמאָל געווען אין דער מאיאָריטעט. זיי זיינען געשטיצט געוואָרען פון די סוחרים און קליין־בירגערליכע עלעמענטען, וואָס מוזען דאָך האָבען פרייהייט, געזעץ און אָרדנונג פאַר זייער האנדעל און אינדוסטריע.

ערוועהלט מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט. זי לעגט פאַר אויף דאָס ניי איהר שטימרעכט פּראָיעקט, וואָס ווערט אָנגענומען ביי די „קאָמאָנס“, ווערט אָבער פאַרוואָרפען ביי די רעאַקציאָנערע „לאָר־דען“. די אַגיטאַציע ווערט אַלץ ברייטער און העפטיגער און דער עולם פאָדערט, אַז די רעגירונג זאָל געבען לאָרדישע טיטלען צו אַ גענוגענדע צאָהל ליבעראַלע מענשען, כדי אַריבערצואוועגען די רעאַקציאָנערע מאַכט פון די אַלטע לאָרדען. קעניג דזשאָרדזש דער פערטער האָט, משמעות, זיך דערשראָקען פאַר דעם גייסט פון רעוואָלוציע, פּועל'ט ער דעריבער ביי די לאָרדען, אַז זיי זאָלען ווערען ווייכער, און עס ווערט ענדליך אָנגענומען דאָס געזעץ פון יאָהר 1832, וואָס גיט שטימרעכט צו נייע דיסטריקטען. דאָס „האוז אָוו קאָמאָנס“ ווערט פאַרגרעסערט מיט 143 מיטגלידער פון די נייע קאַפּיטאַליסטען, און דער פּאַרלאַמענט ווערט ליבע־ראַלער.

אָבער די פּאָליטישע ענדערונג האָט די עקאָנאָמישע לאַגע נים געביטען. ווען קעניגין וויקטאָריא באַשטייגט דעם טראָן אין יאָהר 1839, איז די צייט זעהר שלעכט פאַר די מאַסען. מיזעראַבלע שכירות, אַ גרויס יקרות, דאָס אַרבייטער פאָלק פיהלט זיך געזונקען, האָפנונגסלאָז.

די טשאַרטיסטען באַוועגונג.

צום גרויסען טייל האָט די נייע בורזשואַזיע שוין געהאַט פּאָ־ליטישע רעכטען, אָבער די אַרבייטער זיינען נאָך אַלץ באַטראַכט געוואָרען פאַר נידריגע ברואים. ביז דעם יאָהר 1824 איז דער ענגלישער געזעץ־קאָדעקס געווען אָנגעפּיקעוועט מיט שטרענגע געזעצען געגען אַרבייטער־פאַראייניגונג. „קרימינעלע קאָנספּי־ראַציע געזעצען“ איז זייער אָפיציעלער היסטאָרישער נאָמען. די קלענסטע פאַרזאַמלונג, די מינדסטע צונויפריידונג פון איין אַרביי־טער מיט דעם צווייטען פלעגט אויסגעטייטשט ווערען אַלס קרי־מינעלע קאָנספּיראַציע. אויב עטליכע אַרבייטער האָבען אינ־איינעם געפאָדערט אַ העכערונג אויף זייער לוין, האָט דער באַלע־

באַם אָפּטמאָל געלאָזט זיי אַרעסטירען. הונדערטער פלעגען פון די ריכטער פאר׳משפט ווערען צו צאָהלען שווערע געלד־שטראָפען און זיצען לאַנגע טערמינען אין געפענגניש. אָבער די ארבייטער האָבען געהאט אונטערערדישע פאראיינען, אָדער זיי האָבען אין זייערע וואוילטעטיגע געזעלשאפטען, וואָס דאָס געזעץ האָט יע ערלויבט, בסוד אריינגעשמוגעלט פראגען און דיסקוסיעס וועגען שכירות און ארבייטס־באדינגונגען. אין 1824 זיינען ענדליך צוריקגערופען געוואָרען די אַלטע גזרות געגען „קאָמבינאציעס" פון ארבייטער.

ווי נאָר די גזרות זיינען אָפּגעשאפט געוואָרען האָט זיך באַלד אָנגעהויבען א גרויסע אָרגאניזאציאָנס־באוועגונג, ניט נאָר פאר טרייד־יוניאָנס, נאָר אויך פאר פּאָליטישע פרייהייט.

א מעכטיגען קאמף פאר פאָליטישע רעכטען האָט שפּעטער אָנגעפיהרט די היסטאָרישע טשארטיסטען־באוועגונג. דאָס רע־פאָרם־געזעץ פון יאָהר 1832, וואָס האָט נאָר פארמעגליכע מענ־שען שטימרעכט געגעבען, האָט די טשארטיסטען ניט צופרידענ־געשטעלט. „טשארטיסטען" האָט מען זיי גערופען דערפאר, וואָס זיי האָבען געפאָדערט דעם גרויסען „טשארטער" — א צעטעל פון פאָלגענדע פּאָליטישע רעכטען: שטימרעכט פאר דערוואקסענע מענער; מען זאָל די שטימען אָפּגעבען דורך א באַלאָט; יעהרליכע פארלאַמענטען; אָפּשאפונג פון דעם געזעץ, אז נאָר באַזיצער פון אייגענטום האָבען א רעכט צו זיין פארלאמענט מיט־גלידער; געהאַלט פאר פארלאמענט מיטגלידער, און גלייכע וואהל־דיסטריקטען. א טייל פון אָט די רעפאָרמען זיינען ערשט שפּעטער פארווירקליכט געוואָרען, נאָך א שטארקער אגיטאציע פון דער איצטיגער ארבייטער־פארטיי.

איהר העכסטע שטופע פון פּאָפּולאריטעט האָט די טשאר־טיסטען־באוועגונג דערגרייכט אין יאָהר 1848, ווען זי האָט ארויפגעוואָרפען א שרעק אויף דער רעגירונג און די לאַנד־באזיצער. איהרע פיהרער האָבען אנאָנסירט, אז זיי אָרגאניזירען א דעמאָנ־סטראציע פון א האַלבען מיליאָן מענשען און וועלען מארשירען

איבער די הויפּט־גאַסען פון לאָנדאָן. די רעגירונג האָט די פּראָצעסיע פאַרבאָטען, אָבער פופציג טויזענד מענשען האָבען זיך דאָך פאַרזאַמעלט אויף זייער רוף.

ליידער האָבען די טשאַרטיסטישע פיהרער ניט אַלעמאָל קלוג געהאַנדעלט, און דאָס האָט דער רעגירונג געגעבען אַן אורזאַך זיי צו פאַרפאָלגען. די באַוועגונג איז ביסלעכווייז אָפּגעשוואַכט געוואָרען, אָבער איהר אַרבייט איז ניט געוועזען אומזיסט. אַ צאָהל פון איהרע אַקטיווע טוער זיינען שפּעטער אריין אין דער באַוועגונג פון די אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטען אונטער ראָבערט אָווען, און ווען ראָבערט אָווענ׳ס פּלענער זיינען דורכגעפאַלען, האָט דער הויפּט־געדאַנק פון פּאָליטישער פרייהייט און אַרבייטער־רעכטען דערנאָך ווידער אויפגעלעבט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע (דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל), פון וועלכען קאַרל מאַרקס איז געוועזען דער פּרעזידענט, ווי מיר וועלען זעהן אין אַ ווייטערען קאַפּיטעל.

פּראָפעסאָרען און פּובליציסטען פאַראינטערעסירען זיך מיט דער באַוועגונג.

ביז דעם יאָהר 1859 זיינען די פיהרער און טוער פון דער אַרבייטער באַוועגונג געוועזען פאַרנומען מיט דעם עקאָנאָמישען קאַמף. אין אַ סך אינדוסטריען זיינען אנטשטאַנען טרייד־יוניאָנס. און זייערע פיהרער האָבען געהאַט די אויפגאַבע צו באַקעמפען די אַרבייטגעבער פון איין זייט און די פיינדליכע רעגירונגען פון דער אַנדערער זייט. די דעמאָלטיגע רעגירונג האָט געקוקט מיט פאַרדאַכט אויף דעם וואוקס פון די יוניאַנס און האָט כסדר געפּלאַנט רעפּרעסיעס. די אַרבייטער־פיהרער האָבען אַ סך צייט און ענערגיע אָפּגעגעבען אָפּצואוועגדען די אַלע אַטאַקעס. ארום יענער צייט איז אנטשטאַנען אַ באַוועגונג פאַר אַ ניין־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג און די יוניאָן־סעקרעטאַרען, וואָס די מייסטע פון זיי זיינען געוועזען טעטיג אין דער טשאַרטיסטען־באַוועגונג, האָבען זיך געפּרופט באַנוצען מיט דעם איינפלוס פון פּראָמינענטע ראַדיקאַל־געזאָנענע פּערזאָנען. אזוי האָט די ניין־שטונדען באַוועגונג צו־

נויפגעבראכט די פארשטעהער פון די יוניאנס מיט פראפעסארען, געלערטע, פובליציסטען, און שטאאטסלייט. עס איז כדאי צו דערמאנען דעם וועלט־באריהמטען דזשאהן סטוארט מילל, דעם פארפאסער פון דעם קלאסישען ווערק „אן ליבערטי" („וועגען פרייהייט") און „סאבדזשעקשאן אוו ווימען" („די אונטעריאכונג פון די פרויען")؛ פרעדריק הערריסאן, דעם באוואוסטען פאזי־טיוויסט און קריטיקער؛ גאלדווין סמיטה און פראפעסאר ביהז־לי, די באוואוסטע שרייבער און כלל־טוער؛ ברייט און קאבדען, די פיאנערען פון פרייען האנדעל, און גלעדסטאן, דעם באריהמטען שטאאטסמאן — אט די און אנדערע מענשען זיינען פון די יו־ניאן סעקרעטערען פאראינטערעסירט געווארען אין דער ארבייטער לאגע.

אזעלכע שלאג־ווערטער ווי פאליטישע פרייהייט, בירגער־רעכט, מענשענרעכט, גערעכטיגקייט פאר ארבייטער, האבען זיך דעמאלט אין אלע לענדער פאקטיש אין דער לופט ארומגעטראגען. אין אמעריקע האט מען דעמאלט שטארק אגיטירט געגען דער נעגער שקלאפעריי. אין איטאליע איז פארגעקומען דער קאמף פאר אומאפהענגיגקייט פון עסטרייך. אין אונגארן און פוילען — עהנליכע קאמפען. אט די אלע פאליטישע באוועגונגען אין אויס־לאנד האבען זיך אפגערופען אויף דעם ענגלישען ארבייטער פאלק, וואס האט מאראליש געשטיצט די פרייהייטס קעמפער אין אויס־לאנד און אין דערזעלבער צייט איינגעזעהן ווי פאליטיש נאקעט און ארים ער איז אליין. און עס האט זיך אנגעהויבען א נייע אגיטאציע פאר שטימרעכט.

יוניאן פיהרער פארגרעסערען זייער איינפלוס.

דער קאמף פאר פרייהייט און רעכטען אין אנדערע לענדער האט ניט פארפעהלט צו האבען זיין ווירקונג אויף די איבעריגע שיכטען פון דער געזעלשאפט אין ענגלאנד. די „וויהיג" פארטיי איז ביסלאכווייז געווארען די ליבעראלע פארטיי. דער צייטגייסט און די אומשטענדען האבען זי געטריבען צו שטעלען זיך אויף א

מעהר־וועניגער ראַדיקאַלער פּלאַטפאָרם. דערמיט איז די ליבע־ראַלע פּאַרטיי זעהר שטאַרק פּאָפּולער געוואָרען אין פאָלק. די „טאָרי“ פּאַרטיי ווידער האָט זיך דערשראָקען פאַר איהר עקזיס־טענץ און זי האָט זיך געזעהן געצוואונגען אָנצונעהמען אַ פּראָ־גרעסיווע שטעלונג.

בענדזשאַמין דיזראַעלי*) האָט אין יאָהר 1859 פאָרגעבראַכט אין פּאַרלאַמענט אַ פּראָיעקט פאַר ברייטערע פאָלקס שטימרעכט. זיין פּראָיעקט איז אין פּאַרלאַמענט דורכגעפאַלען, אָבער די אַגי־טאַציע פאַר „שטימרעכט פאַר דערוואַקסענע מענער און דער גע־היימער באַלאָט“ איז נאָך שטאַרקער געוואָרען. די מרידה אין איטאַליע אין יאָהר 1860, דער בירגער קריג אין אַמעריקע און לינקאָלנ׳ס באַפרייאונג פון די נעגער־שקלאַפען, — דאָס אַלץ האָט פיל בייגעטראָגען צו דער פּאָליטישער באַוועגונג אין ענגלאַנד. אַפילו דער דעמאָלט נאָך קאָנסערוואַטיווער גלעדסטאָן האָט זיך ארויסגעזאָגט דערפאַר, אַז יעדער מענש האָט אַ מאָראַלע באַרעכ־טיגונג צו שטימרעכט. גלעדסטאָנ׳ס עפענטליכע שטעלונג האָט אויפגעטרייסעלט די קעניגליכע פאַמיליע און די אַריסטאָקראַטיע. זיי האָבען דאָס באַטראַכט פאַר אַ שטרעבונג צו דעמאָקראַטישער גלייכהייט, וואָס וואָלט די הויך־געבוירענע דערנידריגט. די „וויגס“ און „טאָריס“ האָבען געברענט פון אויפרעגונג אויף גלעדסטאָנ׳ען, אָבער די ראַדיקאַלען האָבען געטאַנצט פאַר פרייד. אין יאָהר 1864 איז געגרינדעט געוואָרען דער „פאַרבאַנד פאַר פּאָליטישער רעפאָרם“, אין וועלכען די יוניאָן־טוער זיינען געוועזען שטאַרק אַקטיוו. אויף יוניאַן פאַרזאַמלונגען האָט מען כסדר

*) דיזראַעלי איז אַלס קינד פון זיין פאָטער אָפּגע׳שמד׳ט געוואָ־רען. ער האָט אָבער דאָס פינטעלע איד קיינמאָל ניט פאַרלאָרען. שפּע־טער איז ער געוואָרען איינער פון די באַרימטסטע שטאַאַטס־מענער פון ענגלאַנד. ער איז דאָס געוועזען דער מאַן, וואָס האָט באַלעבט די אָפּגע־שטאַנענע „טאָריס“ און „וויגס“ מיט ליבעראַלע אידעען און דערמיט באַשאַפען די מאָדערנע קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי. ער איז אויך באַ־וואוסט אין דער געשיכטע אַלס לאָרד ביקאָנספיעלד.

אגיטירט פאר פאליטישע רעכטען. ענדליך האט גלעדסטאן אין יאהר 1866 דורכגעפיהרט א געזעץ, וואס האט באוויליגט שטימרעכט פאר א גרויסער צאהל ארבייטער.

דאס דאזיגע געזעץ איז געווען דער ערשטער איינבראך אין דעם אייזערנעם מויער פון דעם פריווילעגירטען קלאס אין ענגלאנד. ביז דעמאלט האט בלויז א פופציגטעל פון דעם ארבייטער קלאס געהאט שטימרעכט און קיין ארבייטער האט אפילו ניט געקענט חלום'ען צו ווערען א פארלאמענט מיטגליד. דאס געזעץ פון 1866 האט געעפענט א וועג, אבער א שמאלען און א שווערען. אין די אלגעמיינע וואהלען פון 1868 זיינען טאקע געלאפען צוויי יוניאן פיהרער, אלס ליבעראלען, פארשטעהט זיך — קריהמער און האועל. זיי זיינען אבער ניט דערלאפען. אבער די יוניאן פיהרער האבען באקומען א גרויסען איינפלוס אין די וואהל־דיסטריקטען, און פאליטיקער פוןביידע פארטייען האבען מיטאמאל אנגעהויבען ארויסווייזען דרך ארץ פאר דעם ארבייטער־קלאס. זיי האבען דערזעהן א נייעם סארט וועהלער, די פראסטע ארבייטער, ביי די שטימקעסטלאך. די ערשטע צוויי ארבייטער פארטרעטער זיינען אלס ליבעראלען ערוועהלט געווא־רען אין 1874.

דאס ערשטע רעפארם געזעץ האט א האלב מיליאן מענשען געגעבען שטימרעכט.

דאס געזעץ פון 1866 האט באוויליגט שטימרעכט צו א מיליאן מיט 84 טויזענד ארבייטער, מייסטענס מעכאניקער און גוטע פארדינער ,און האט צוגעגרייט דעם וועג פאר דעם נעקסטען גרויסען רעפארם געזעץ פון 1887, וואס האט באפרייט א מיליאן מיט 300 טויזענד ארבייטער, ארימערע און פראסטערע. לויט דעם לעצטען געזעץ האט זיך בלויז געפאדערט, אז אן ארבייטער זאל צאהלען 4 שילינג א וואך דירה־געלד און זאל זיין רעגיסטרירט. צו דעם לעצטען געזעץ האבען שוין בייגעטראגען ניט נאר די טרייד־יוניאנס, וואס זיינען געווארען מיט יעדען יאהר אלץ מעכטיגער, נאר אויך די סאציאליסטישע באוועגונג,

וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט געלאָזט שטאַרק הערען אין לאַנד. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע הויבט אָן איהר קעמפע־רישע עקזיסטענץ אין יאָהר 1882, און די איינפלוסרייכע „פעי־ביען סאָסייעטי" אין 1883. וועגען די דאָזיגע און אנדערע פאַר־איינען און דער אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי וועט גערעדט ווערען באריכות אין א ווייטערען קאַפּיטעל.

5. דער פּרעמיער און דער פּאַרטיי־קאַמף.

ווערלער כמעט אלמעכטיג. — דער פּרעמיער איז דער פיהרער פון א זיגרייכער פּארטיי. — דעם קעניג'ס טראָן־רעדע. — ליבעראַל־ראַדיקאַלע קוואַליציע אין 1906. — פּאַרטיי־קאַמף ריין פון מאַטעריעלע אינטערעסען. — די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי. — די ליבעראַלע פּאַרטיי. — סאָציאַליזם אָדער כאַאָס, די הויפּט אישו. — פּאַרטיי־קאַמף טרייבט צו פּראָגרעס. — דער קאַמף מיט'ן לאָרדען־הויז. — וועטאָ־מאַכט פון די לאָרדען אפּגענומען.

ווי שוין פריהער דערמאָנט, ליגט די גאַנצע רעגירונגס מאַכט אין די הענד פון דעם פּרעמיער און זיין מיניסטעריום. יעדער מיניסטער מוז זיין א מיטגליד פון פּאַרלאַמענט. דער פּרעמיער באשטימט זיינע מיניסטאָרען, און ווי אין אַלץ, אזוי אויך אין דעם, מוז דער קעניג גוטהייסען דעם צעטעל פון די נייע מיניס־טאָרען, וואָס דער פּרעמיער רעקאָמענדירט. העכסטענס קען דער קעניג פּראָטעסטירען געגען א געוויסען נאָמען, אָבער דער פּרע־מיער האָט דאָס לעצטע וואָרט אין דער פראגע. אויב עס טרעפט, אז מען דאַרף נייע מיניסטאָרען אָנשטעלען אין מיטען טערמין, מוזען די נייע מיניסטאָרען נאָכאַמאָל ספּעציעל ערוועהלט ווע־רען, ווייל עס קען דאָך זיין, אז דאָס פּאָלק וויל ניט, אז זייערע פּאַרטרעטער זאָלען אָננעהמען מיניסטער־שטעלעס, און מען קען דעם פאָלקס ווילען ניט וויסען אַנדערש ווי דורך וואהלען. אָבער ווי אזוי דערגרייכט א פּאַרלאַמענט מיטגליד צו דער פּרעמיער שטעלע?

אין דער בריטישער ניט־געשריבענער קאָנסטיטוציע ווערט ניט דערמאָנט ווי אזוי מען ווערט א פּרעמיער. כלומר'שט ווערט דער קאַנדידאַט פאַר פּרעמיער פּאָררופען צום קעניג און, לויט אַן אַלטען מנהג, קושט ער דעם קעניג'ס האנד. דאָס איז מסתמא די מאָדערנע פאָרם פון דעם אמאַליגען כורעים פאַלען און קושען

זיך פאר דער קרוין. אָבער דער קעניג קען ניט פאררופען ווען ער וויל. ווילענדיג, ניט ווילענדיג, מוז ער פאררופען דעם פאָלקס ערוועהלטען.

ביז דעם יאָהר 1832 פלעגט דער קעניג טאקע אָנשטעלען דעם פרעמיער, געוועהנליך זיינס א מענש. אין אכטצעהנטען יאָהר־הונדערט, ווען א מעהרצאָל מיטגלידער אין פּאַרלאַמענט האָט נידערגעשטימט דעם פרעמיער'ס א וויכטיגען פאָרשלאַג, האָט דער פרעמיער ניט געדאַרפט רעזיגנירען, מחמת ער איז ניט געווען פאראנטוואָרטליך צום פאָלק נאָר צום קעניג. עס איז אויך דעמאָלט געווען אן אָנגענומענע זאַך, אז דער קעניג האָט געמעגט אראָפּזעצען די מיניסטאָרען און דאָך דעם פּאַרלאַמענט ניט אויפלעזען. אָבער נאָך דער רעפאָרם פון יאָהר 1832 אנט־שטעהט א נייער מנהג. אין יאָהר 1835 האָט א מיניסטעריום געמוזט רעזיגנירען צוליב אן אומדערוואַרטעטען רעזולטאט פון נייע וואַהלען. און אין די וואַהלען פון דעם יאָהר 1841 זאָגט זיך דאָס פאָלק באשטימט ארויס פאר א געוויסען פרעמיער — סער ראָבערט פּיל. די קעניגין וויקטאָריא און איהרע אריס־טאָקראַטישע אָנהענגער האָבען מורא געהאַט צו שטעלען זיך געגען דעם פאָלקס ווילען.

וועהלער כמעט אלמעכטיג.

מיט דער צייט, וואָס פעסטער די פּאַרטייען אָרגאַניזירען זיך, אַלץ שטאַרקער ווערט דער איינפלוס פון די וועהלער. דער פרעמיער הויבט אלזאָ אָן נעמען זיין מאכט ניט פון קעניג נאָר פון די וועהלער. אויב זיין מאַיאָריטעט אין פּאַרלאַמענט נידער־שטימט איהם צוליב וועלכער ס'איז אורזאַך, קען ער צו די וועהלער אַפּעלירען. אויב זיי גיבען זיין פּאַרטיי א מאַיאָריטעט ביי די וואַהלען, מיינט דאָס, אז זיי באשטעטיגען זיין פּאָליטיק, זיינע פּראָיעקטען.

אזוי איז אַנטשטאַנען דער מנהג פון דער צוטרויאונגס רע־זאָלוציע אָדער טאַדלונגס־רעזאָלוציע. דער סענטימענט פון פאר־

לאמענט ווערט אפט אויף אזא אופן צו דער פראבע געשטעלט. אויב דאס מיניסטעריום האט א קליינע מאיאריטעט, אויב א טייל מיטגלידער פון דעם פרעמיערס פארטיי זיינען אין רעוואלט געגען זיין פאליטיק אדער פיהרערשאפט, זוכט מען א געלע־גענהייט פארצוברענגען א טאדלונגס־רעזאלוציע. א מיטגליד האט דאס רעכט צו מאכען א פארשלאג, אבער פערציג מיטגלי־דער מוזען זיך אויפשטעלען און דעם פארשלאג אונטערשטיצען, אנדערש נעמט דער „ספיקער" (דער פארזיצענדער) דעם פאר־שלאג ניט־אויף צו א דעבאטע. אויב א רעזאלוציע, וואס דריקט אויס אומצוטרוי צו דער גאנצער רעגירונג אדער אפילו צו איינעם פון די מיניסטארען, מיט וועלכען די רעגירונג האלט, ווערט אנ־גענומען, מוז די רעגירונג גלייך רעזיגנירען. אין יאהר 1895 איז לארד ראזבערי'ס קאבינעט געפאלען צוליב א פארשלאג פון א מיטגליד, אז די געהאלט פון דעם קריגס מיניסטער זאל מיט הונדערט פונט רעדוצירט ווערען. אזא פארשלאג איז ניט מעהר ווי א פראבע מצד דער אפאזיציע די רעגירונג אראפצוא־ווארפען. דער פארשלאג וועגען רעדוצירען דעם מיניסטער'ס געהאלט איז בלויז אן אויסרייד. די רעגירונג האט דעמאלט געהאט א קליינע מאיאריטעט. און דער פארשלאג איז אנגע־נומען געווארען דערפאר, וואס ניט אלע איהרע פארטיי־מיט־גלידער זיינען דערביי אנוועזענד געוועז.

דער פרעמיער איז דער פיהרער פון א זיגרייכער פארטיי.

דער פרעמיער איז אלזא תמיד דער פיהרער פון דער זיג־רייכער פארטיי ביי די וואהלען. נאך דער רעפארם פון יאהר 1867, האט זיך דער דאזיגער מנהג שטארק באפעסטיגט. אין די אלגעמיינע וואהלען ווערט קלאר פארשטאנען, אז שטימענדיג פאר א מאיאריטעט פון א געוויסער פארטיי, שטימט מען צו דערזעלבער צייט פאר דעם פיהרער פון דער פארטיי אלס פרע־מיער. ווען די רעגירונגס פארטיי מוז אין מיטען טערמין רעזיג־נירען, אדער ווען זי ווערט ביי די וואהלען געשלאגען, מוז דער

קעניג אויפפאָדערען דעם פיהרער פון דער אָפיציעלער אָפּאָזיציע צוגויפצושטעלען א מיניסטעריום.

די רעגירונג קען דעם פארלאמענט אויפלעזען און באשטימען נייע וואהלען, מיט דעם קעניג'ס כלומר'שטיגער ערלויבניש, צוליב צוויי אורזאכען: 1) אויב זי דענקט פאָרצוברענגען א וויכטיגען פּראָיעקט, וואָס איז ניט געווען קיין אישו ביי די לעצטע וואהלען, דהיינו ווי באלדווין האָט לעצטענס פלוצים פאָרגעבראכט די „פּראָטעקשאָן" פראגע; 2) אויב זי זעהט, אז איהרע טעג זיינע געצעהלטע, ווען איהר מאיאָריטעט ווערט אלץ קלענער, ווייל אין פארלויף פון טערמין ווערען אָפּטמאָל אָפּגעהאלטען א היפּשע צאָל ספּעציעלע וואהלען פאר אינדיווידועלע מיטגלידער, און אויב דאָס פאָלק איז מיט דער רעגירונג ניט צופרידען, ערוועהלט עס געוועהנליך די קאנדידאטען פון דער אָפּאָזיציאָנס פארטיי. דאָס איז ווי א זייגער וואָס ווייזט אָן, אז דער רעגירונגס לעצטע שטונדע האָט געשלאָגען. אויב די רעגירונג פאלט דורך אין פארלאמענט איבער א פראגע, וואָס ווייזט קלאָר, אז זי האָט דעם צוטרוי פון דער מאיאָריטעט פארלאָרען, מוז זי גלייך רעזיגנירען. אויב זי פארשטעהט, אז עס האלט ביי אזא צושטאנד, איז פאר איהר גלייכער דעם פארלאמענט אויפצולעזען איידער עס קומט דערצו.

די רעגירונג האָט אויך די ברירה צו רעזיגנירען און דעם פארלאמענט ניט אויפצולעזען. אין דעם פאָל שיקט דער קעניג נאָך דעם פיהרער פון דער אָפיציעלער אָפּאָזיציע, וועלכער שטעלט צונויף א קאבינעט און נעמט איבער די רעגירונגס מאכט, אָבער ער מוז גלייך דעם פארלאמענט אויפלעזען און אָפּהאלטען נייע וואהלען, ווייל ער קען ניט זיין זיכער, אז ער האָט אין ד ע ם פארלאמענט א מאיאָריטעט. די רעזיגנאציע אליין פון דער פריהערדיגער רעגירונג איז ניט קיין קלאָרער באווייז, אז דאָס פאָלק איז מיט דער ניי־באשטימטער רעגירונג און איהר פּראָגראם צופרידען. דאָס איז א זאך, וואָס די וואהלען דארפען ערשט באווייזען. אויב די רעגירונג לעזט אויף דעם פארלאמענט

צוליב א נייער אישו, אָדער ווייל דער טערמין האָט זיך גע־ענדיגט, און איהר פארטיי ווערט ביי די וואהלען געשלאָגען, ווי עס האָט פּאסירט לעצטען דעצעמבער, רעזיגנירט זי ניט ביז וואנען דער נייער פּארלאמענט פארזאמעלט זיך, און די מיס־טרויאונגס רעזאָלוציע ווערט אָנגענומען.

דעם קעניג׳ס טראָן־רעדע.

דער פּארלאמענט ווערט, ווי תמיד, געעפענט מיט פּאָמפּ און פּאראד. דער קעניג אליין לעזט פאָר זיין רעדע פון זיין טראָן, וואָס ער באשטייגט נאָר ביי אָט דער געלעגענהייט און פאר דעם איינציגען צוועק *). זיין טראָן באשטייגונג איז ניט מעהר ווי א סימבאָל פון דער אמאָליגער קעניגליכער מאכט, א מנהג וואָס איז איבערגעבליבען פון קדמונים. און זיין רעדע איז אויך ניט זיינע. דאָס איז גאָר די פּראָגראם פון דער רעגירונג. זי לעזט זיך אימער כמעט מיט דעם זעלבען נוסח. דער ערשטער טייל איז אדרעסירט צו די „לאָרדען“ און הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „מיינע הערען! מיין לאנד איז אין פריידליכע באציהונגען מיט אלע לענדער“, אָדער אין קריג מיט דער אָדער יענער מדינה, ווי די זאך איז אין דעם געגעבענעם מאָמענט. דער צווייטער טייל איז אדרעסירט צו די „קאָמאָנס“: — „דזשענטעלמען אָוו דהי קאמאנס, די אָדער יענע געזעץ־פּראָיעקטען וועלען מיינע מיניסטאָרען פאר אייך פאָרברענגען. מען וועט פון אייך פאר־לאנגען צו באוויליגען אזוינע און אזוינע סומען געלד פאר געוויסע צוועקען“, א. אז. וו.

דעם קעניג׳ס רעדע אָדער רעגירונגס פּראָגראם ווערט דאַן פּאָרמעל דעבאטירט אין די „קאמאנס“. א נייע רעגירונג האָט געוועהנליך א מאַיאָריטעט וואָס גיט דער רעדע איהר צושטימונג. אָבער א רעגירונג, וואָס איז דורכגעפאלען ביי די לעצטע וואהלען, ווייסט שוין איהר ביטערען סוף, אז די רעדע וועט ניט גוטגע־

---

*) דער טראָן געפינט זיך אין דעם לאָרדען־הויז.

הייסען ווערען. יעדענפאלס ווערען די דעבאטען זעהר „איידעל און העפליך" געפיהרט. ניט גענוג, וואס די אלטע רעגירונג איז אין „איהר לעצטער גסיסה אויפ'ן טויטען־בעט", ווי מען רופט דאס דארט, מאכט מען איהר נאך ערנסטע פארוואורפען, אדער מען „קיבעצט" איהר אריין אויף וואס די וועלט שטעהט. און די גוסס'ע, נעבאך, נעהמט דאס אן אין גוטען מוט, פרואווט זיך פאר־ענטפערען און צוריקגעבען מאס פאר מאס. ענדליך ווערט פאר־געשלאגען די מיסטרויאונגס־רעזאלוציע, וואס לעזט זיך אימער במעט מיט אט די ווערטער: „אבער מיר ווילען אבטונגספול ערקלעהרען אייער מאיעסטעט (מען רעדט דאס כלומר'שט צום קעניג) אז אייער מאיעסטעט'ס רעגירונג האט ניט דעם צוטרוי פון אט דעם הויז".

די ליבעראל־ראדיקאלע כוואליע אין 1906.

די רעגירונג, וואס רעזיגנירט און לעזט ניט אויף דעם פארלאמענט, מוט עס צוליב סטראטעגישע אורזאכען. זי מעג זיך מיינען, אז זי האט א נייע אישו, וואס וועט ביים פאלק אויסנעהמען, און איהר פארטיי וועט ביי די וואהלען ווידער א מאיאריטעט קריגען. אדער זי מעג זיך טראכטען, אז ביי די וואהלען ווילען איהרע קאנדידאטען זיין אימשטאנד צו באוויי־זען, אז די אפאזיציע איז מאראליש באפלעקט — ניט פאטריא־טיש גענוג אדער צו־ראדיקאל. אין דעם יאהר 1906 האט באלפור'ס *) קאנסערוואטיווע רעגירונג רעזיגנירט אהן דעם פאר־לאמענט אויפצולעזען. דער פיהרער פון דער ליבעראלער אפא־זיציע איז דעמאלט געווען סער קעמפבעל בעננערמאן, א געגנער פון דעם בורן־קריג, און אמת'ער ראדיקאל, וואס דערפאר האט מען איהם אין די קענגליכע און אריסטאקראטישע קרייזען פאר קיין פולשטענדיגען פאטריאט ניט געהאלטען. באלפור מיט זיינע קאלעגען האבען גערעכענט, אז ביי די וואהלען וועט דאס פאלק

---

*) איצט לארד באלפור, דערזעלבער לארד באלפור פון דער פא־לעסטינא דעקלאראציע.

בעננערמאנ'ס פּארטיי דורכוואַרפען. באַלפור'ס פּארטיי האָט אויך דעמאָלט פאַרגעבראכט די „פּראָטעקשאָן" אישו. און ווען בעננערמאן האט זיין קאבינעט צונויפגעשטעלט און געגעבען מי־ניסטער־שטעלען צו אזוינע ראדיקאַלען ווי דזשאהן בערנס, א באוואוסטער סאָציאַליסט און יוניאָן פיהרער, און לאָיד דזשאָרדזש, דעמאָלט א „פארברענטער" ראדיקאל, איז די האָפנונג פון באַלפור'ס סוויטע אויף איהר זיג פארשטארקט גע־וואָרען.

אויסגעלאָזען האט זיך אָבער מיט א מורא'דיגער מפלה פאר דער קאָנסערוואטיווער פּארטיי. אזא מפלה האט אין ענגלאנד ביז דאַן קיין פּאָליטישע פארטיי נים געהאט. באַלפור אליין און א צאָל פון זיינע מיניסטאָרען זיינען מיאוס דורכגעפאלען. פון די 670 מיטגלידער האט די קאָנסערוואטיווע פארטיי ערוועהלט ניט מעהר ווי 167 און מיט פארקלענערטע שטימען. די ליבעראל־ראדיקאַלע כוואליע, וואָס האט פארפלייצט באַלפור'ס פארטיי, האָט אויך מיט זיך דעמאָלט אריינגעבראכט די נייע ארבייטער־פארטיי, וועלכע האט אין יענעם יאָהר שוין צום צווייטען מאָל אנטייל גענומען אין די וואהלען, און 29 פון איהרע סאָציאַליסטישע און טרייד יוניאָן קאנדידאטען זיינען ערוועהלט געוואָרען מיט דער פארפליכטונג צו גרינדען אַן אומאָפּהענגיגען ארבייטער בלאָק אין פּארלאמענט, מיט א באשטימטער פּאָליטיק, אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם באוואוסטען און ענערגישען קוילען־גרעבער קיר הארדי. א געוואלדיגע איבערקעהרעניש איז יענעם יאָהר אין דעם בריטישען פּארלאמענט פאָרגעקומען. א גרויסע צאָהל פון דעם עלטערען דור זיינען ארויסגעפאלען און אויף זייער אָרט איז א פרישער שטראָם פון יונג בלוט אריינגע־פלאָסען, רעמזיי מעקדאָנאַלד און פיליפּ סנאָודען זיינען געווען צווישען די ערוועהלטע.

פּארטיי־קאמף — ריין פון מאטעריעלע אינטערעסען.

ווי אזוי די סאָציאַליסטען און אָרגאניזירטע ארבייטער האָ־בען אין די ניינצעהן יאָהר צייט, וואָס זיינען פארלאָפען פון דעם

דריטען רעפאָרם געזעץ, געקאָנט אוועקשטעלען אויף אַ פעסטען, פּערמאַנענטען באָדען אַ זעלבסטשטענדיגע פּאָליטישע פּאַרטיי, ווערט דערצעהלט אין וויטערע קאַפּיטלען. עס האָט נאַטירליך געפאָדערט אַ סך ערנסטע, אָנגעשטרענגטע ערציהונגס־אַרבייט און פּערזענליכע אויפאָפּפערונג מצד די פיהרער. אָבער פאַר דעם פאָרשער איז יעדענפאַלס קלאָר, אַז די פּלאַסטישע בריטישע קאָנ־סטיטוציע און די אייגענאַרטיגע, איינגעוואָרצעלטע באַגריפען פון פּערזענליכער פרייהייט און טאָלעראַנץ זיינען געווען די הויפּט־גינסטיגע אומשטענדען פאַר אַזאַ ערפאָלג. עס נעהמט אַ לאַנגע צייט אין ענגלאַנד איידער די פּאָליטישע און סאָציאַלע מיינונגען בייטען זיך אין די מוחות פון דעם דאָרטיגען פלעגמאַטישען פּאָלק. אָבער ווען די מיינונגען האָבען זיך שוין געביטען אין פּאָלק, האָבען זיי זיך אויך געביטען אין פּאַרלאַמענט, און קיין קאָנסטי־טוציאָנעלע פראַזע אָדער מנהג איז ניט אימשטאַנד דעם שטראָם אָפּצוהאַלטען אָדער פאַרשטעלען דעם וועג פאַר דער פּראַקטישער פאַרווירקליכונג פון אַ פּאָלקס־אידעאַל.

דער פּאַרטיי־קאַמף איז געווען איינער פון די ווירקזאַמסטע מיטלען פאַר דער פּאָליטישער ערציהונג פון דעם אַרבייטער־קלאַס אין ענגלאַנד. דער דאָרטיגער פּאַרטיי קאַמף איז ריין פון גראָבע מאַטעריעלע אינטערעסען און סקאַנדאַלען. זעלטען ווען עס פּאַ־סירט דאָרט אַ סקאַנדאַל אין פּאָליטישע קרייזען. דער „פּאָליטי־שער באָס“ און דאָס גאַנצע סיסטעם פון פּאָליטישע טובות און גוט־באַצאָהלטע עמטער, מיט וועלכע די זיגרייכע פּאַרטיי זאָל איהרע טוער באַלוינען — פון דעם ווייסט מען דאָרט ניט. כבוד און טיטלען שפּילען דאָרט אַ גרעסערע ראָל, איידער פּשוט'ע געלט־באַלוינונג. איןביידע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען זיינען פאַראַן אידעאַליסטען, וואָס ווידמען זייער צייט און געלט צו דער זאַך. דער פּרעמיער קען אויסטיילען כבודים און טיטלען אין הסכם מיט זיין מיניסטעריום. אָבער די, וואָס קריגען טיטלען, מוזען זיי האָבען כשר פאַרדינט דורך איבערגעבענע פּאָליטישע טעטיג־קייט אָדער אַנדערע אַרבייט פאַר'ן כלל. אַלע באַצאָהלטע רע־

גירונגס באמטע ווערען אָנגעשטעלט פאר זייער פעהיגקייט, א חוץ אפשר די אָנגעשטעלטע פאר דעם קעניגליכען הויף. אויף דעם געביט גיבען אַלע צו, אז ס'איז נאָך פאראן א סך צו רע־פאָרמירען.

ניט מיט וועלכען ס'איז געלט־אינטערעס אין הינטערגרונד ווערט דער פארטיי קאמף געפיהרט, נאָר מיט אן אמת'ער לאָ־גישער אָפשאצונג פון סאָציאַלע ווערטען. נאטירליך האָט יעדע פארטיי איהר שטאנדפונקט, וואָס איז באגרינדעט אויף די אינ־טערעסען פון איהר קלאַס. ווי שוין פריהער אָנגעצייגט, שטעלט יעדע פארטיי מיט זיך פאָר א באשטימטען קלאַס. און די רעד־נער און פארטיידיגער פון יעדער פארטיי אין קאמפיין צייט ווילען באווייזען, אז אויב זייער קלאַס זאָל אויפהערען צו זיין דער הערשענדער, וועט דאָס לאַנד געהן קאפוט. פאר אונזער אַלגעמיינעם ענין איז כדאי צו אנאַליזירען דעם שטאנדפונקט פון די פאָליטישע פארטייען אין ענגלאַנד.

די קאָנסערוואטיווע פארטיי.

מיר האָבען שוין אין פאָריגען קאפיטעל אָנגעוויזען ווי אזוי די מאָדערנע קאָנסערוואטיווע פארטיי איז רעפאָרמירט געוואָרען פון בענדזשאמין דיזראעלי. אָט די פארטיי פאראייניגט אין ענג־לאַנד אַלע עלעמענטען, וואָס זיינען געגען ענדערונגען. דאָס רוב לאַנד־באזיצער, פראָצענטניקעס, אַלערליי רעאקציאָנערען, באנקי־רען, מאנופעקטשורערס און די גרעסטע מערהייט פון די לאָרדען געהערען צו איהר. אויפגעקומענע גבירים און סתם ניט־דענקענדע בעלי גאוות שטיצען זי ביי די וואהלען. דער אייביגער אר־גומענט פון איהרע פארטיידיגער איז, אז רעפאָרמען און אַלע רעגירונגס מיטלען, וואָס האָבען פאר זייער צוועק די ארבייטער און די אָרימע צו דערהויבען, פארניכטען זייער „מוז“ צו ארביי־טען און מאכען זיי אָפהענגיג פון דעם שטאאט. יעדע אגיטאציע פאר א גרויסע רעפאָרם ווארפט אָן אן אימה אויף די קאפיטא־ליסטען, וואָס סטראשען איבערצופעקלען זיך קיין אויסלאַנד מיט זייער קאפיטאַל. פאר די קאָנסערוואטיווע פיהרער איז

דאָס דער בעסטער באַווייז, אַז רעפאָרמען און סאָציאַלע ענדע־רונגען זיינען אַן אומגליק פאַר׳ן לאַנד. זיי האַלטען זיך אויף ביי זייערע אַן אַלטען כּלל, אַז נאָר מענשען פון דעם אַריסטאָ־קראַטישען בלוט זיינען פּאַסיג צו זיין מיניסטאָרען און געזעצ־געבער. כמעט ביז דעם סוף פון נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט איז די רעגירונג פון ענגלאַנד און איהרע קאָלאָניעס געווען אויס־שליסליך אין זייערע הענט. די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי איז דער נאַטירליכער שונא פון דער אַרבייטער־באַוועגונג, און זי וועט קעמפען פאַר דער אַלטער אינסטיטוציע פון פּריוואַט־אייגענטום אין לאַנד און פאַר׳ן פּריוואַטען באַזיץ פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען ביז די לעצטע כחות.

די ליבעראַלע פּאַרטיי.

א גרויסע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין דער ליבעראַלער פּאַרטיי. אין די לעצטע 50—60 יאָהר איז איהר שלאָגוואָרט געווען פרייהייט אויף יעדען געביט, באַזונדערס פרייער האַנדעל און פרייע קאָנקורענץ. איהר פילאָזאָפיע איז אַמאָל געווען די שיטה פון דער „מאַנטשעסטער שולע“. מאַנטשעסטער איז א וויכטיגער האַפען, דער צענטראַלער האַנדעלס־פּונקט פון ענגלאַנד. מאַנטשעסטער׳ס אַמאָליגע פאַרטרעטער אין פּאַרלאַמענט האָבען שטאַרק באַטאָנט די פילאָזאָפיע פון „לאָז געהן, לאָז לויפען“ — וואָס איז פאַרטייטשט געוואָרען, אַז דער שטאַט טאָר זיך ניט אַריינמישען אין סאָציאַלע אַנגעלעגענהייטען. עס איז ניט זיין עסק צו רעגולירען פרייזען אָדער געשעפטס באַציהונגען בכלל. ער דאַרף ניט זאָגען קיין דעות אין די סכסוכים צווישען קאַפּי־טאַל און אַרבייט. ער טאָר ניט פיהרען קיין געשעפטען אויף זיין אייגענעם חשבון. געשעפט און פּראָפיט זיינען הייליג, זיי באַ־לאַנגען צום קרייז פון פּריוואַט אונטערנעמונג. דער שטאַט איז ניט מעהר ווי דער שומר פון פּריוואַט אייגענטום, דער באַשיצער פון קאַפּיטאַל, דער פּאָליצמייסטער, דער היטער פון געזעץ און אָרדנונג.

לאנגע און היציגע דעבאטען זיינען צום סוף פון נייצעהנ־טען יאהר־הונדערט אנגעגאנגען אין דער פרעסע און אפילו אין פארלאמענט גופא פאר און געגען דער דאזיגער פילאזאפיע. מיט באזונדערער ענערגיע האבען די סאציאליסטען די שיטה באקעמפט, אבער די צייט גופא האט זי אן א זייט פאררוקט. אונטער דעם דרוק פון סאציאליסטישער אגיטאציע און דרינגענדע אומשטענדען איז די רעגירונג געווען געצוואונגען צו רעגולירען און אריינמישען זיך אין אלערליי מענשליכע באציהונגען און אננעמען געזעצען געגען דעם גייסט פון דער מאנטשעסטערער פילאזאפיע.

דערפאר וואס א גרויסע צאל מענשען באטראכטען די ליבע־ראלע פארטיי נאך היינט פאר דער פארטיי פון פראגרעס, ציהט זי צו די אינטעליגענץ — די פראפעסארען און ראדיקאלען. אבער זי איז אויך די פארטיי פון די קליינבירגערליכע עלעמענ־טען, און זי האט נאך א היבשע צאהל פון די צום בעסטען באַ־צאהלטע ארבייטער אין איהרע רייהען. ביי די וואהלען גיבען זיך איהרע קאנדידאטען אן פאר ארבייטער־פריינד. האבען זיי דען ניט דורכגעפיהרט די און יענע רעפארם פאר די ארבייטערס טובה? דערפאר האלט מען די ליבעראלע פארטיי אין ארבייטער־קרייזען פאר אן ערגערע געפאהר ווי די קאנסערוואטיווע פארטיי. אין די לעצטע וואהלען האט די פאראייניגטע ליבעראלע פארטיי (פון אסקוויטה און לאיד דזשארדזש צוזאמען) געצויגען 4,251,573 שטימען, בלויז מיט עפעס איבער א הונדערט טויזענד שטימען ווענינער, איידער די ארבייטער־פארטיי. דאס באווייזט ווי שטארק זי איז נאך איינגעפונדעוועט.

סאציאליזם אדער כאאס — די הויפט־אישו.

די טראדיציעס פון דער ליבעראלער פארטיי זיינען שטרענג קאפיטאליסטיש. זי האט שטענדיג פארטיידיגט דעם קאפיטא־ליסטישען קלאס געגען דער אריסטאקראטיע און די גוטס־באזיצער פון איין זייט און געגען די טרייד יוניאנס פון דער אנדער'ער זייט, און אלץ וואס זי האט געטאן פאר די טרייד יוניאנס איז

אויף איהר ארויפגעצוואונגען געוואָרען. איהר גאַנצע געזעצגע־בונג איז געווען לטובה די פאַבריקאַנטען און געשעפטסלייט. אין די לעצטע יאָהרען האָט זיך באַקומען אַ צושטאַנד, וואו די עקאָ־נאָמישע אינטערעסען פון די גוטס באַזיצער, די קאַפּיטאַליסטען און פּראָפיט־זוכער זיינען כמעט דיזעלבע, און די טענדענץ פון דער צייט איז גינסטיג פאַר צוויי געגענגעזעצטע פּאַרטייען מיט קלאָר־באַשטימטע פּראָגראַמען: דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, וואָס איז אַנטי־סאָציאַליסטיש, קעמפענדיג פאַר די פּריווילעגיעס פון פּריוואַט־אייגענטום, פּריוואַט־אונטערנעהמונג און פּראָפּיטען פון האַנדעל און אינדוסטריע, און דער אַרבייטער־פּאַרטיי, וואָס איז סאָציאַליסטיש, שטופּענווייז צושטערענדיג די פעסטונג פון קאַפּיטאַליזם. אין דער ליבעראַלער פּאַרטיי זיינען פאַראַן אַ סך ראַדיקאַלען, וועמעס נאַטירליכער פּלאַץ איז אין דער אַרבייטער־פּאַרטיי, און אַ צאָהל רעאַקציאָנערען, וואָס זייערע פּאָליטישע שטרעבונגען נעגען פּראָגרעס זיינען אין הסכם מיט דער קאָנסער־וואַטיווער פּאַרטיי.

די ברענענדיגע פּאָליטישע אישוס, וואָס ליגען פאַר דעם ענגלישען פאָלק, קאָנצענטרירען זיך אַלץ מעהר אויף דער אַל־זייטיגער סאָציאַלער פראַגע. זיי זיינען, אין גרונד, עקאָנאָמישע אישוס — פראַגען וועגען נאַציאָנאַליזירען די מינען, די פאַבריקען, דאָס לאַנד און די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, און פאָלקס־פאַרוואַלטונג פון דער אינדוסטריע; מיט איין וואָרט — סאָציאַליזם. „אַלע וועגען פיהרען קיין רוים". אַלע רעפאָרמען פון די לעצטע צוואַנ־ציג יאָהר זיינען געגאַנגען אין דער סאָציאַליסטישער ריכטונג. די פּראָבלעמען וואָס באַשעפטיגען היינט אַלעמענס געדאַנקען זיינען: „סאָציאַליזם, אָדער רעוואָלוציע און כאַאָס?" דאָס לעבען אַליין ברענגט אָט די הויפּט־אישו אַרויס אַלץ קלאָרער, און אַ גרינדליכע לעזונג פון דעם פּראָבלעם וועט מוזען געגעבען ווערען אין דעם ענגלישען פּאַרלאַמענט אין דער גאָר נאָהענטער צוקונפט.

פּאַרטיי־קאַמף טרייבט צו פּראָגרעס.

דער פּאַרטיי קאַמף האָטביידע פּאַרטייען געטריבען צו

פראגרעס. דערמיט וואס די ליבעראלע פארטיי האלט זיך פאר א פראגרעסיווע מוז זי דאך וועניגסטענס מאכען א פראגרעסיווען אנשטעל און קאקעטירען מיט רעפארמען. מען האט א סך מאל באשולדיגט די קאנסערוואטיווע פארטיי, אז זי האט גע׳גנב׳עט פונקטען פון דעם ליבעראלען פראגראם. זי האט טאקע א פאר מאל דורכגעפיהרט ראדיקאלע געזעצען. די ליבעראלע פארטיי פון איהר זייט האט גע׳גנב׳עט גאנצע שטיקער פון דעם פראגראם פון דער ארבייטער־פארטיי. אין דעם קאמף האט איין פארטיי די אנדערע פארווערטס געטריבען. אין א לאנד וואו מען רעספעקטירט דאס געזעץ און מען גלויבט באמונה שלימה, אז די געזעצגעבער און דער פארלאמענט שטעלען מיט זיך פאר די שטרעבונגען און ווינשען פון גרעסטען טייל פון פאלק, איז דער פראגרעס פארזיכערט. אויב דאס פאלק ווערט אויפגעקלערט און בייט זיינע מיינונגען, מוז זיך אויך בייטען די סאציאלע ארדנונג. דערמיט ערקלערט זיך טיילוויז דער ערפאלג פון דער ארבייטער פארטיי.

דער קאמף מיט׳ן לארדען־הויז.

צוליב דעם פארטיי קאמף זיינען אין יאהר 1911 פארווירקליכט געווארען צוויי רעפארמען פון גרויס וויכטיגקייט, רעפארמען, וואס האבען פאר דער ארבייטער־פארטיי אפגערייניגט דעם וועג פון די שטעכיגסטע דערנער.ביידע רעפארמען זיינען מיט איין קלאפ, אין איין געזעץ־פראיעקט, דורכגעפיהרט געווארען. פון דעם לארדען־הויז איז פאקטיש אפגענומען געווארען די וועטא־מאכט און ס׳איז באשטימט געווארען פאר די פארלאמענט־מיטגלידער א יעהרליכער געהאלט. אהן די דאזיגע צוויי רעפארמען האט די ארבייטער־פארטיי ניט געקענט פאר זיך דורכשלאגען א וועג צו איהר היינטיגער פאזיציע. אין יענעם גרויסען קאמף האט זי געמוזט געהן האנד אין האנד מיט דער ליבעראלער פארטיי און אויסשטעהן די קריטיק פון אלע סאציאליסטישע פארטייען אין אויסלאנד. „אפארטוניסטען״, „עק פאליטישענס״, „פארוואסערטע״ און ענליכע ווערטער האבען קאבינעטנע טעארע־

טיקער דער ארבייטער פּארטיי אין פּנים אריין געשליידערט פאר איהר טאַקטיק אין יענע יאָהרען. אָבער די טאַקטיק איז געוועזן אַ קלוגע, אַן אויסגערעכענטע.

ווי מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, זיינען די מייסטע מיט־גלידער פון לאָרדען־הויז דער סאַמע רוקענביין פון דער קאָנסער־וואַטיווער פּארטיי. אין משך פון הונדערטער יאָהרען האָבען זיי זיך ביסלאַכווייז ארויפגעאַרבייט אויף דער פריווילעגיע צו וועטאָ־אירען יעדען געזעץ, מיט וועלכען זיי זיינען ניט געווען איינשטי־מיג. אַלס קאָנסערוואַטיווען זיינען זיי נאַטירליך געווען געגען יעדען ראַדיקאַלען פּראָיעקט פון דער ליבעראַלער פּארטיי. כל זמן די ליבעראַלע פּארטיי האָט געהאַט אַ קליינע מאַיאָריטעט אין פּאר־לאַמענט, האָבען די לאָרדען געפונען אַ בארעכטיגונג אין דער טענה, אַז דאָס פאָלק איז ניט ראַדיקאַל געשטימט. אָבער ווען פּרעמיער בעננערמאַן האָט אין יאָהר 1906 באַקומען אַ פּאַראיי־ניגטע מאַיאָריטעט פון ליבעראַלען און ארבייטער דעפּוטאַטען פון 503 געגען 167, און די לאָרדען האָבען צוקאַליעטשעט אַ רעפאָרם־פּראָיעקט פאר בילדונג, וואָס האָט באַוואָרענט, אַז רעליגיע פאר קינדער זאָל ארויסגענומען ווערען פון די עפענטליכע שולען, איז די פּאָליטישע אַטמאָספערע, די פּרעסע און די עפענטליכע מיינונג, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט אין פאָלקס־פארזאַמלונגען, אָנגעפילט געוואָרען מיט׳ן געשריי: „נידער מיט׳ן לאָרדען־הויז!“ ווייל יעדער ראַדיקאַלער געזעצפּראָיעקט איז געווען אין געפאַהר וועטאָ־אירט צו ווערען פון די לאָרדען, און זיי האָבען טאַקע געגעבען אָנצוהערענישען, אַז דאָס איז זייער פּריווילעגיע, און זיי וועלען אַזוי טאָן.

פּרעמיער בעננערמאַן האָט שאַרף דערקלערט, אַז מען טאָר ניט דולדען, אַז אַ צווייטער קאַמער זאָל דינען בלויז דער קאָנ־סערוואַטיווער פּארטיי, ווען אָט די פּארטיי איז אין אמט; אַז דאָס לאָרדען־הויז זאָל דורכלאָזען נאָר איהרע געזעץ־פּראָיעקטען; און נאָכדעם ווי די דאָזיגע פּארטיי איז פון פאָלק אבסאָלוט דורכ־געוואָרפען געוואָרען, זאָל דער קאַמער פּאָרט שטערען און פאר־

ניכטען די פראָגראַם וואָס די וועהלער האָבען גוטגעהייסען. „די רעסורסען פון דער קאָנסטיטוציע זיינען נאָך ניט אויסגעשעפּט, און זי מוז אונז פון דער צרה באפרייען", האָט בענערמאַן דער־קלעהרט. די דאָזיגע רעדע האָט דעמאָלט געמאַכט אַ גרויסען רושם.

ס'איז כדאי צו ציטירען פאָלגענדע באַמערקונג פון פּרעמיער בענערמאַן, אין אַ רעדע אין מאַנטשעסטער אין יאָהר 1907, אום צו ווייזען, ווי אַזוי די קאָנסטיטוציע ווערט אין ענגלאַנד פּאַרטייטשט, און ווי אַזוי לאָגיק מוז סוף כל סוף ברעכען אַלע אַלטע מנהגים:

„די קערפּערשאַפט פון די פאָלקס פאַרטרעטער אין לאַנד איז ניט, ווי אין אַנדערע לענדער, דאָס שפּילצייג פון דער קאָנסטיטוציע. עס איז דאָס האַרץ און דער צענטער פון דעם גאַנצען רעגירונגס־סיסטעם. אויב די פיהרער פון אַ פּאַרטיי, וואָס האָט געליטען אַ מורא'דיגע נידערלאַגע ביים פאָלק, זאָלען ערלויבט ווערען צו פאַרבלייבען, דירעקט אָדער ניט־די־רעקט, אין דער העכסטער קאָנטראָל פון דער געזעצגעבונג, דאַן איז דאָך דאָס רעגירונגס סיסטעם ניט מעהר באַגרינדעט אויף פאָלקס פאַרטרעטער־שאַפט. מיר ווילען ניט זיין אַ רעגירונג מיט אומיצענס ערלויבניש... דאָס פאָלק מוז הערשען אין זיין אייגענעם הויז!"

וועטאָ־מאַכט פון די לאָרדען אָפּגענומען.

די שטילע וואַסערען פון דעם פלעגמאַטישען ענגלישען פאָלק האָבען גענומען זעהר טיף לויפען. דער פּאָליטישער קעסעל האָט געקאָכט און געזידט. די ראַדיקאַלע עלעמענטען, פריש פון דעם וואַהל שלאַכטפעלד און אָנגע'שכור'ט מיט אַ גרויסען זיג, האָבען גע'טענה'ט, אַז דאָס לאָרדען־הויז מאַכט פון פאָלקס־ווילען אַ חוזק. די לאָרדען פון זייער זייט האָבען געענט־פערט, אַז זיי זיינען דער וואַכהונט פון דער קאָנסטיטוציע, אַז זיי באוואַכען נאָר געזעץ און אָרדנונג געגען רעוואָלוציע. אויף דעם האָט לאָיד דזשאָרדזש געענטפערט מיט אַ וויץ: „דער וואַכ־הונט פון דער קאָנסטיטוציע נאָר לפנים; אין דער אמת'ן איז דאָס נאָר מר. באַלפור'ס הינטעלע". מיט דעם האָט ער געמיינט צו זאָגען, אַז דער וואַכהונט, דאָס לאָרדען־הויז, בילט נאָר אויף

דער ליבעראַלער פּאַרטיי, און היטען היט ער נאָר די אינטערעסען פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי...

פינף יאָהר האָט דער קאַמף געפלאַקערט, ביז ענדליך, אין יאָהר 1910, האָט פּרעמיער אַסקוויטה דורכגעפיהרט אַ רייה רעזאָלוציעס. דער פּונקט, וואָס נעמט אָפּ דאָס רעכט פון די לאָרדען צו וועטאַאירען אָדער אַמענדירען אַ פינאַנץ געזעץ, לויטעט: „ווען דער בודזשעט (די יעהרליכע הוצאות פון דער רעגירונג) ווערט אָנגענומען אין „האַוז אָוו קאמאנס“, איז אויב ער ווערט פון די לאָרדען ניט באַשטעטיגט, אָהן אויסבעסערונגען, אין פאַרלויף פון אַ מאָנאַט, פּאָדערט זיך בלויז דעם קעניג׳ס אונטערשריפט, און דער בודזשעט גילט אָהן דער צושטימונג פון די לאָרדען. אין דעם בודזשעט פון יענעם יאָהר איז אריינגעשטעלט געוואָרען דער פּונקט, וואָס באַוואָרענט אַ יעהרליכען געהאַלט פאַר די מיטגלידער פון די „קאָמאָנס“. אין באַצוג צו אַנדערע געזעץ־פּראָיעקטען לויטעט די רעזאָלוציע, אַז „אויב דאָס „האַוז אָוו קאָמאָנס“ האָט אָנגענומען און באַשטעטיגט אַ געזעץ דריי מאָל נאָכאַנאַנד, אויף דריי זיצונגען, אין דעמזעלבען פּאַרלאַמענט, גילט דאָס געזעץ אָהן דער צושטימונג פון „לאָרדען הויז“, אַזוי שנעל ווי דער קעניג גיט זיין אונטערשריפט“. די דאָזיגע רעזאָלוציעס זיינען איצט אַ טייל פון דער קאָנסטיטוציע.

אַזוי איז געפאַלען די אויסערליכע פעסטונג פון דער רעאַקציאָנערסטער פּאַרטיי אין ענגלאַנד, און דאָס האָט געגעבען דער אַרבייטער־באַוועגונג נייע האָפנונגען און פרישען מוט, האָט באַפרייט די יונגע אַרבייטער פּאַרטיי פון נאָגענדיגע פינאַנציעלע דאגות און געעפענט אַ קלאָרען וועג פאַר איהר ווייטערדיגען פּראָגרעס און גרויסע זיגען. אַ גרויסע צאָהל וויכטיגע רעפאָרמען פאַר דער טובה פון דעם אַרבייטער קלאַס, לטובה די טרייד־יוניאָנס און דער אַרבייטער פּאַרטיי, זיינען זינט יענעם יאָהר אָנגענומען געוואָרען. אויף די אַלע פאַקטען וועלען מיר זיך אָפּשטעלען אין דעם צווייטען טייל פון אונזער געשיכטליכען איבערבליק.

צווייטער טייל.

1. דער געשיכטליכער גאַנג פון די טרייד יוניאָנס.

1. די פּיאָנערען און ערשטע פּאראיינען. שמיץ, בראַנדציייבענס, צוואַנג. — שוץ געזעץ אָפּגעשאַפט. — קאַפּיטאל׳ס אייזערנער קנאַפּעל. — 2. די רעוואָלוציאָנערע, קאַכעדיגע צייטען ביז 1848. ראָבערט אָוען׳ס פּלענער. 3. די צייט פון די קאָנסערוואטיווע יוניאָנס, ביז 1875. קריסטליכע סאָציאליסטען. — ערשטע קאָאָפּעראטיווע קראָם אין ראטש־דעיל. — קאַפּיטאל האָט אַ זיסען חלום. — דער אָנפאַנג פון צענטראליזאציע אין די טרייד יוניאָנס. — דער אָנפאנג פון קאָלעקטיווען אָפּמאך. — דאָס בענעפיט סיסטעם. — פּאָליטישע אגיטאַציע ווערט אָפּגעפרישט. — דאָס פּאַרטיאישע „האַר און דינער" געזעץ. — די „טרייד קאונסילס" און דער „טרייד יוניאָן קאָנגרעס". — סטרייקען און „פּיקעטען" אַ פּאַרברעך, זאָגען די לאָרדען. — די פּעריאָדישע האנדעלס קריזיסען. — 4. דער נייער יוניאָניזם, ביז 1890. אַ קאַפּיטאַליסט באַשרייבט די טרויעריגע לאַגע פון די ארבייטער מאסען. — פלאַם־פייערדיגע אגיטאַטאָרען. — דער סטרייק פון די דאָק־ארבייטער.—שארפע סאָציאליסטישע לאָגיק ווירקט.

ווען מען רעדט פון דער איצטיגער „לייבאָר פּארטי", דאַרף מען ניט פארגעסען, אַז זי האָט אַ שטארקען, מאסיווען פונדאַ־מענט — די טרייד־יוניאָנס. די סאָציאליסטען, ראַדיקאַלען און די אינטעליגענץ פון די פרייע פּראָפעסיעס, וואָס זיינען מיטגלידער אין דער פּארטיי, ווייל זיי שטימען איין מיט איהר פּראָגראם, זיינען זעהר אַ קליינע צאָהל לגבי די מיליאָנען אָרגאַניזירטע ארבייטער, פון וועלכע זי באַשטעהט. און אַזוי ווי די טרייד־יוניאָנס זיינען די ערשטע און די עלטסטע ארבייטער־אָרגאַניזאַציעס אין ענגלאַנד, וועלען מיר דאָ מוזען איבערגעבען בקיצור זייער וואוקס און די וויכטיגסטע פּאַסירונגען אין זייער אנטוויקלונג, וועניגסטענס ביז צו דער צייט, ווען זיי האָבען מעג־ליך געמאַכט די גרינדונג פון דער ארבייטער־פּאַרטיי.

די ענגלישע טרייד־יוניאָנס האָבען אַ לאַנגע געשיכטע היג־

טער זיך, קלאָרע 250 יאָהר, און זייערע וואָרצלען ציהען זיך נאָך ווייטער צוריק, אין מיטעלאַלטער אריין. די גאַנצע געשיכטע פון די ענגלישע טרייד־יוניאָנס קאָן איינגעטיילט ווערען אומגעפעהר אין פינף באשטימטע פעריאָדען: 1) די צייט פון די פיאָנערען ביז דעם יאָהר 1824; 2) די קאָכעדיגע רעוואָלוציאָנערע צייט ביז דעם יאָהר 1848; 3) די צייט פון קאָנסערוואטיווע יוניאָנס ביז דעם יאָהר 1875; 4) דער נייער יוניאָניזם און די פּאָליטישע אגיטאציע ביז דעם יאָהר 1890; 5) פּאָליטישע אַקציע אונטער דער ארבייטער־פּארטיי פון 1890 ביז אונזער צייט.

1. די פיאָנערען און ערשטע פאראיינען.

עס איז שוין פריהער דערמאָנט געוואָרען, אַז אין ענגלאנד זיינען הונדערטער יאָהרען לאַנג געווען אין קראפט קרימינעלע קאָנספּיראציע געזעצען, געריכטעט אויסשליסליך געגען וועלכער ס'איז פאראייניגונג אָדער צונויפריידונג פון ארבייטער פאר העכערע שכירות און בעסערע ארבייטס־קאָנדיציעס. סידני וועבב, דער באריהמטער היסטאָריקער פון די טרייד־יוניאָנס, גיט אָן דעם פאקט, אַז נאָך אין יאָהר 1387 האָט די לאָנדאָנער שטאָדט־רעגירונג פארבאָטען פארזאמלונגען, און מען פלעגט זיי דעמאָלט רופען קאָנספּיראציעס. ווען די לעדער־ארבייטער, פיהלענדיג זיך געקריוודעט געגען זייערע אויפזעהער, האָבען געגרינדעט אַ פּערמאַנענטען ברידערליכען פאראיין, איז זייער אַקט באטראכט געוואָרען פאר אַ קאָנספּיראציע.

פון שטאָדטישע און אַנדערע דאָקומענטען ווייזט וועבב אָן אויף אַ לאַנגער קייט פון פאראיינען אין פארשיידענע פאכען: זאָטעל־מאכער, שניידער, שוסטער, מולארעס, דרוקער, הוט־מאכער, באוועל־שפּינער, גאָלד־ארבייטער, וועבער, זאָקען־מאכער, שיף־בויער, שפּילקע־מאכער, הענטשקע־נייהער א. אז. וו., און די קייט ציהט זיך פון דעם פערצעהנטען יאָהרהונדערט ביז דער ענדליכער אַנטוויקלונג פון דער אמת'ער טרייד־יוניאָן אין אָנפאנג נייני־צעהנטען יאָהרהונדערט. די דאָזיגע פאראיינען האָבען עקזיס־

טירט און געווירקט, טראָצדעם וואָס זיי זיינען געווען געזעצליך פארבאָטען. אין יאָהר 1417, למשל, איז דאָס געזעץ אזוי ווייט פארגאנגען, אז שניידער האָט מען פארבאָטען צו וואוינען אָפּגע־זונדערט פון זייערע באַלעבאָטים, מחמת זיי האָבען אַ טבע אָפּצוהאַלטען פארזאמלונגען. די ארבייטער פון אַ פאַך פלעגען זיך צונויפקומען ביי אַ גלעזעל משקה און שמועסען וועגען לוין־ און ארבייט־קאָנדיציעס און ווי אזוי דורך איינינקייט צו שיצען זייערע אינטערעסען. דערפון זיינען אנטשטאנען כטרייקס, וואָס מען פלעגט דעמאָלט אָנרופען מרידות. אָט אזא צושטאנד האָט עקזיסטירט פאר דער צייט פון די גילדעס,*) ביז צו דער אנטוויקלונג פון מאשינעריע.

שמיץ, בראַנדצייכענס, צוואַנג.

די קאָנספּיראַציע־געזעצען זיינען ארויסגעוואקסען פון אַ באפעהל פון קעניג עדוואַרד דעם דריטען אין יאָהר 1348. יענעם יאָהר האָט געהערשט אַ גרויסע מגפה אין ענגלאנד (די שווארצע פעסט), וואָס האָט אומגעבראכט גרויסע מאסען פון דער באפעלקערונג. אזוי ווי די מגפה האָט פאראורזאכט אַ מאנגעל אין ארבייטס־קראפט, האָבען די לאַנד־ארבייטער געפאָדערט העכערע שכירות. איז אנטשטאנען אַ ביטערער קאַמף צווישען די פּריצים און זייערע ארבייטער. די פּריצים האָבען פארלאַנגט די שווערסטע ארבייט פאר פינף־זעקס סענט אַ טאָג, און דער קעניג האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די פּריצים און שטרענג פארבאָטען וועלכע ס'איז פאָדערונג פאר שכירות העכער ווי די, וואָס מען האָט געצאָהלט פאר דער מגפה. אין יאָהר 1351 ווערט דעם קעניג'ס באפעהל אַ געזעץ, און פאר עובר זיין דאָס געזעץ ווערען ארבייטער באשטראָפט מיט געפענגנים און

*) אַ סאָרט פאַראיין פון אַ בעל הבית מיט זיינע ארבייטער אין אַ פאַך אונטער דער קליין אינדוסטריע, פאַטענטירט פון דער רעגירונג, וואו די ארבייטער האָבען געהאַט אַ געוויסע מאָס פּראָטעקציע.

באלעבאטים מיט שווערע סומען געלט. דערנאך ווערט דאס געזעץ פארשטארקט. ארבייטער, וואס בעטען מעהר געלט, קריגען שמיץ און אויסגעברענטע צייכענס אויפ'ן קערפער. די פריצים ווערען באפולמעכטיגט צו כאפען געזונטע ארבייטער־וואנדערער אין גאס און שטעלען זיי צו דער ארבייט מיט צוואנג. אין א סך ערטער איז דאס געזעץ געבליבען א טויטער בוכשטאב, מחמת די ארבייטער זיינען געווען צו גרויס אין צאהל און פלעגען זיך מיט געשייטקייט דערפון ארויסדרעהען. אבער מאסען ארבייטער האבען געליטען געברענטע צרות פון אט די געזעצען ביז דעם יאהר 1824. קיין וואונדער ניט, וואס זיי האבען גאנץ אפט רעוואלטירט.

ווען די גרויס־אינדוסטריע אנטוויקעלט זיך, און ריזיגע מאסען ארבייטער, אמת'ע פראלעטאריער, וואס פארמאגען ניט מעהר ווי זייער ארבייטס־קראפט, ווערען צונויפגעבראכט אין גרויסע פאבריקען, הויבט זיך אויך אן אנטוויקלען די מאדערנע טרייד־יוניאן, אבער פאר א צייט פון 70 יאהר קומט איהר אויס צו פיהרען א שרעקליכען קאמף פאר עקזיסטענץ. וועגען די אפטע סטרייקס איז דא איבעריג צו דערציילען. דער ווארט סטרייק ווערט צוערשט געברויכט אין ענגלאנד אין יאהר 1768, ווען די הוט־מאכער האבען געסטרייקט פאר א העכערען לוין. אבער גלייכצייטיג מיט'ן עקאנאמישען קאמף האלטען די ארבייטער אן זייערע פאליטישע שטרעבונגען. נאך אין אנפאנג פון 18טען יאהרהונדערט זיינען שוין די וואל־ארבייטער, די פיאנערען פון דער מאדערנער יוניאן, פאראייניגט און זיי אפעלירען צו דער רעגירונג און צום פארלאמענט, זיי זאלען ראטעווען די ארבייטער פון דער נייער מאדע, וואס די פאבריקאנטען האבען זיך געמאכט, צו קויפען ארבייטער אויף דעמזעלבען אופן, ווי זיי פלעגען קויפען רויהע מאטעריאלען צו די ביליגסטע פרייזען. פון דעמאלט אן ווערט אלץ שטארקער איינגעווארצעלט ביי די יוניאן־פיהרער דער געדאנק, אז דער פארלאמענט און די רעגירונג זיינען פארפליכטעט צו באשיצען די ארבייטער געגען קאפיטאל.

שוץ־געזעץ אָפּגעשאַפט.

ביז צום מיטען 18טען יאָהרהונדערט איז פּאַקטיש געווען איינגעפיהרט, אַז ווען ארבייטער פיהלען זיך געקריוודעט, דאַרפען זיי אַפּעלירען צום קעניג, צום פּאַרלאַמענט, אָדער צו די לאָקאַלע ריכטער. אין אַ סך ערטער באַשטימען די לאָקאַלע ריכטער דעם לוין און די צאָהל לערנער, ווען עס אַנטשטעהט אַ סכסוך. אָבער די גרויס־פאַבריקאַציע ברייננט אריין אַ שאַרפע קאָנקורענץ צווישען די קאַפּיטאַליסטען, וואָס זוכען צו פּראָפיטירען אויף די ארבייטער'ס חשבון. צוליב די שטענדיגע, ביטערע סכסוכים צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט באַפעסטיגט זיך ביסלאַכווייז דער געדאַנק פון דער מאַנטשעסטערער שיטה: „לאָז געהן, לאָז לויפען", און אין יאָהר 1756 שאַפט אָפּ דער פּאַרלאַמענט די אַלטע מנהגים פון רעגולירען שכירות און אַנדערע שוץ־געזעצען.

אין אָנפאַנג פון נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט האָט דער עקאָנאָמיסט אַדאַם סמיט פאַרעפענטליכט זיין ווערק „דאַס רייכטום פון נאַציאָנען" *), וואו ער פאַרטיידיגט די „פרייהייט פון קאָנטראַקט", וואָס מיינט פּאַקטיש, אַז דער שטאַאַט דאַרף זיך ניט אריינמישען אין האַנדעל און אינדוסטריע אָדער אין שטרייטיגקייטען צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט. דאָס גיט צו דער מאַנטשעסטערער שיטה נאָך מעהר האַפט. דער פּאַרלאַמענט נעהמט דעם געדאַנק אָן פאַר זיין פּרינציפּ. די קאַפּיטאַליסטען דערקלעהרען אָפען, אַז זיי זיינען מסכים מיט'ן נייעם שטאַנדפּונקט, אַז „די פרייע, גוטע קאָנסטיטוציע פון לאַנד גיט יעדען מענש אַ רעכט צו באַשעפטיגען דאָס קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט גע'ירש'ענט אָדער אָנגעזאַמעלט, לויט ווי ער פאַרשטעהט, און קיינער טאָר איהם אין דעם ניט שטערען אַזוי לאַנג ווי ער שטערט ניט די אייגענטומס־רעכטען פון אַנדערע".

קאַפּיטאַל'ס אייזערנער קנאַפּעל.

דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז דער פּאַרלאַמענט האָט

---

*) Adam Smith, *Wealth of Nations.*

אײנגאַנצען אויפגעהערט צו באַשיצען די אַרבייטער. די קאַפּיטאַליסטען האָבען באַקומען יעדע פרייהייט זיי צו עקספּלואַטירען און דריקען. לאַ די, וואָס די אַרבייטער זיינען געריכטליך פאַרפאָלגט געוואָרען אונטער די אַלטע קאָנספּיראַציע־געזעצען, ווערט נאָך אין 1800, אונטער דעם איינפלוס און טעראָר פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אָנגענומען אַ ספּעציעלער געזעץ, וואָס דערקלעהרט אַרבייטער־פאַראייניגונג פאַר אַ פאַרברעכען. אַרבייטער ווערען באַטראַכט פאַר די ערגסטע, ניט־מאָראַלישע מענשען, צו וועלכע מען דאַרף ניט האָבען קיין יושר און קיין רחמנות. זיי דאַרפען אויסשטעהן יעדע באַליידיגונג, און מאַגיסטראַטען ווילען זיי אפילו ניט אויסהערען.

אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל, וואָס באַווייזט די גרויזאַמקייט פון יענער צייט, האָט פּאַסירט אין יאָהר 1812. די וועבער, וואָס זיינען געווען באַשעפטיגט ביי פערציג טויזענט מאַשין־שפּינדלען, זיינען אַרויסגעגאַנגען אין סטרייק פאַר אַ העכערען לוין. די באַלעבאַטים, דערפיהלענדיג דעם דרוק, האָבען דורך דעם שעריף שוין געוואָלט קומען צו אַן אויסגלייך און נאָכגעבען די פאָדערונגען, אָבער דאָ האָבען די רעגירונגס־אַגענטען זיך אַריינגעמישט און אַרעסטירט די סטרייק־קאָמיטע. דער סטרייק איז ניט געלונגען און די יוניאָן איז באַלד צופאַלען.

אָט אַזוי האָט דער קאַפּיטאַליזם געמאַכט זיין אַריינטריט אין דער מאָדערנער וועלט, רייטענדיג איבער די אָרימע מאַסען מיט זיין אייזערנעם קנאַפּעל, און פאָכענדיג מיט דער בייטש פון שטרענגע געזעצען איבער זייערע קעפּ. אַ גליק איז געווען, וואָס ניט אין אַלע פאַלען איז דאָס געזעץ דורכגעפיהרט געוואָרען. די רעפּרעסיעס ווידער האָבען די סטרייקס ניט אָפּגעשטעלט. די פאַרפאָלגונגען, אומדערבאַרמליכע געלט־שטראָפען און געפענגניס־אורטיילען זיינען געוואָרען אַזוי סקאַנדאַליעז, אַזוי הימעל־שרייענד, אַז דער פּאַרלאַמענט האָט אין יאָהר 1824 די קאָנספּיראַציע־געזעצען אָפּגעשאַפט.

2. די רעוואָלוציאָנערע, קאָכעדיגע צייטען, ביז 1848.

דער פיהרער אין פארלאמענט פון דער באוועגונג פאר דער אָפּשאפונג פון די קאָנספּיראציע־געזעצען, מיט'ן נאָמען פּ ע י ס, אליין אַ מאנופעקטשורער, האָט אין זיין באריכט פון דער אונטערזוכונגס־קאָמיטע פארזיכערט, אַז די דערמאָנטע געזעצען האָבען פאראורזאכט די סטרייקס און מרידות. זאָל מען די געזעצען אָפּשאפען, וועט באלד אינדוסטריעלער פרידען איינ־טרעטען. אָבער פּעיס האָט ניט פארשטאנען, אַז די ביטערע שטרייטען האָבען געהאַט אַ טיפערען וואָרצעל. דער טיפער אָפּגרונד צווישען די קאפּיטאנען פון דער אינדוסטריע און די מאסען ארבייטער, וואָס האָבען געמוזט לעבען פון האנט צום מויל; די שרעקליכע אומגלייכהייט צווישען די רייכע און די אָרימע, — אָט דאָס איז געווען דער אייביגער קוואַל פון אומ־צופרידענהייט און סאָציאַלער אומרוה. ווי נאָר די קאָנספּיראציע־געזעצען זיינען אָפּגעשאפט געוואָרען, זיינען די אינדוסטריען גלייך פארפלייצט געוואָרען פון אַ כוואַליע לאָקאַלע סטרייקס. אָבער אזוי ווי די יוניאָנס זיינען געווען אויפגעבלאָזענע, ניט קיין שטאנד־האפטיגע, פארשטעהט זיך, אַז דאָס רוב סטרייקס האָבען זיך ניט איינגעגעבען.

אין יאָהר 1829 אנטשטעהט אַ באוועגונג פאר פעדעראטיווע, פאראייניגטע יוניאָנס. דעלעגאטען פון די שפּינערס פון ענגלאנד, שאָטלאנד און אירלאנד זיינען געווען די ערשטע צו גרינדען אזא פעדעראציע, וואָס האָט באשטימט דריי נאציאָנאַלע קאָמיטעס אין די דערמאָנטע דריי לענדער. זייער ציל איז אויך געווען צו גרינ־דען פאר פרויען־ארבייטער אַ באזונדערע יוניאָן, וואָס זאָל זיין פארבונדען מיט דער אלגעמיינער אָרגאניזאציע און זאָל געשטיצט ווערען אין דעם קאַמף פאר דיזעלבע ארבייטס־פּרייזען און לוין, ווי מענער. מעהר ווי אַ יאָהר אָבער האָט די פעדעראציע ניט עקזיסטירט.

אַ יאָהר שפּעטער גרינדעט ד אָ ה ע ר ט י, דער סעקרעטער פון די באוועל־שפּינערס אין מאנטשעסטער, אַ נאציאָנאַלע יוניאָן

פון אלע פאכען אין לאנד. די יוניאן הויבט אן מיט 20 טויזענט מיטגלידער און האט בכלל א בעסערען מזל. איהר ציל איז צו קעמפען געגען לוין־רעדוקציעס און פאר קורצע שטונדען, אבער ניט ארויסצורופען קיין סטרייקס פאר לוין־העכערונג. זי איז די ערשטע ארויסצוגעבען א וועכענטליכען זשורנאל, וואס באקומט אין א קורצע צייט א צירקולאציע פון 30 טויזענט, און די יוניאן וואקסט אויס ביז א מיטגלידערשאפט פון 100 טויזענט. האבען אבער באלד אויסגעבראכען אינערליכע, פערזענליכע מחלוקות, וואס האבען די יוניאן צושטערט.

ראבערט אוענ׳ס פלענער.

אין 1833 גרינדעט דער ענערגישער דאהערטי א נייעם גרויסען פאראיין,*) וואס הויבט אן אן אגיטאציע פאר אן אכט־שטונדען טאג. מענער, פרויען און עלף־יאהריגע קינדער האבען דעמאלט געארבייט 69 שטונדען א וואך. דער פאראיין פאדערט, אז דער לוין פאר די 69 שטונדען זאל זיין דער מינימום לוין פאר 48 שטונדען, און פלאנט פאר דעם צוועק צו ארגאניזירען א סטרייק. אינטערעסאנט איז, אז דער באוואוסטער ראבערט אוען און א פאר אויפגעקלערטע באלעבאטים זיינען אריינגע־טראטען אין דער אגיטאציאנס־קאמיטע. די אגיטאציע האט ארויסגערופען גרויסע סטרייקס און די מאנופעקטשורערס האבען זיך פאראייניגט אין האבען אויסגעשלאסען די ארבייטער פון די פאבריקען. יוניאן־מיטגלידער זיינען צו דער ארבייט ניט צוגע־נומען געווארען. אבער די סטרייקערס זיינען געשטאנען פעסט און האבען די יוניאן ניט געוואלט אויפגעבען.

עס איז גאנץ ווארשיינליך, אז דער דאזיגער געפערליכער צושטאנד האט דאס ארויפגעבראכט דעם געניאלען ראבערט אוען אויף זיינע אוטאפיסטישע פלענער. בטבע איז ער געווען פון דעם סארט ענגלענדער, וואס טראגט זיך ארום מיט דעם ביבלישען אידעאל „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד“ (ווי גוט און ווי

*) Society for National Regeneration

זים איז, ווען ברידער זיצען צוזאמען). אזוי ווי מיר האָבען אַלע איין פאָטער אין הימעל, און איין נאָט האָט אונז באשאפען, זיינען מיר דאָך אַלע ברידער און דארפען פרידליך צוזאמענארבייטען. דער פאראיין איז הפּנים באשטאנען פון ארבייטער און באַלע־באטים. ראָבערט אָוען ווערט דער הויפּט־פיהרער און קרוינט דעם פאראיין מיט א נייעם נאָמען.*) ער גרינדעט, אָדער זוכט צו גרינדען, קליינע נאציאָנאַלע פאבריקאנטען און פאַך־גרופּעס, כּדי די קאָנקורענץ אָפּצושאפען, אָבער די גרופּעס זאָלען זיין פעדערירט און אַלע ארבייטער פאראייניגט. אינערליך נעמט די אָרגאניזאציע אָן די פאָרם פון לאָקאַלע „לאדזשען" פאר מענער און פרויען, מיט ספּעציעלע קאַסעס פאר קראנקען און טויטען בענעפיט. אויף דעם געביט פון ארבייט פּלאנט אָוען צו דינגען לאנד, וואָס זאָל טיילווייז באארבייט ווערען פון אנטזאגטע ארבייטער, און אין די שטעדט — עפענען קאָאָפּעראטיווע פאב־ריקען.

דער פאראיין ווערט אזוי אַקטיוו און פּאָפּולער, אַז אין עטליכע וואָכען צעהלט ער שוין א האלב מיליאָן מיטגלידער, צווישען וועלכע עס געפינען זיך אויך צעהנדליגער טויזענטער מענער און פרויען לאנד־ארבייטער. ווי עס שיינט, איז די אָרגאניזאציע געוואקסען פיל שנעלער, ווי די קראפט און פעהיג־קייט די מאסען צו קאָנטראָלירען. הפּנים, די ארבייטער קאָנען זיך אויף קיין פארשפּראָכענע גליקען ניט דערוואַרטען. ווייל דער געוואלדיגער ערפאָלג פון דעם פאראיין איז געווען דער סיגנאל פאר א פרישען אויסברוך פון סטרייקס, וואָס האָבען ווידער אָנ־געוואָרפען א שרעק אויף די קאפּיטאַליסטען און דער רעגירונג. די צערעמאָניע פון איינשווערען מיטגלידער אין דעם פאראיין האָט געגעבען דער רעגירונג א געלעגענהייט צו מאכען ארעסטען פאר קאָנספּיראציע. זעקס ארבייטער זיינען פאראורטיילט גע־וואָרען פאר איינשווערען מיטגלידער און פארשיקט געוואָרען אויף

---

*) Grand National Consolidated Trade Union.

זיבען יאָהר שווערע ארבייט. די רעגירונג פרישט אָפּ דאָס אַלטע געזעץ, וואָס ווערט אויסגעטייטשט אין דעם זין, אַז יוניאָנס זיינען אומגעזעצליכע פאראיינען, און ווידער הויבען זיך אָן רעפרע־סיעס געגען אַלע יוניאָנס אין לאַנד. בלויז איין מיטעל בלייבט פאר די ארבייטער — אָרגאַניזירטער פּראָטעסט דורך אַ דעמאָנסטראציע אין די גאסען. די גאסען־דעמאָנסטראציע ווערט פון דאַן אָן אַן אַלגעמיינער פּראָטעסט־מיטעל. אונטערשריפטען ווערען געזאַמעלט אויף אַ לאַנגער פּעטיציע וואָס ווערט דורך דעלעגאַטען געשיקט צום פּאַרלאַמענט און דער רעגירונג. אַזוי ווי פּראָטעסטען האָבען העכסטענס אַ מאָראַלישע ווירקונג, זיינען זיי אַ קנאַפּע פעולה. זיי קאָנען בלויז אביסעל אָפּקיהלען דעם אָנגעזאַמעלטען צאָרן. דערווייל גיבען די רעפּרעסיעס ראָבערט אָוען׳ס פּלענער אַ טויט־קלאַפּ; די יוניאָן־באוועגונג מוז אין די נעקסטע פּאָר יאָהר געהן מיט לאַנגזאַמע טריט. נאָך זעקס יאָהר פיבערישער טעטיגקייט קומען אָן זעקס יאָהר פון אָפּגעשטאַנענ־קייט. די סיטואציע ענדערט זיך. עס אנטשטעהט אַ מעכטיגע פּאָליטישע באוועגונג, אַן אָרגאַניזירטער געשריי פאַר שטימרעכט און רעפאָרמען אונטער די טשארטיסטען־פיהרער. דעם רעזולטאַט פון אָט דער באוועגונג האָבען מיר שוין געזעהן אין אַ פריהעריגען קאַפּיטעל.

3. די צייט פון די קאָנסערוואַטיווע יוניאָנס, ביז 1875.

דער רעוואָלוציאָנערער פּעריאָד, וואָס האָט אָנגעהאַלטען אַ פערטעל יאָהרהונדערט, פון 1824 ביז 1850, איז געווען רייך אין אידעען און אין פיבערישער טעטיגקייט. יוניאָנס אנטשטעהען און פארגעהען יעדען יאָהר אָדער יעדע פּאָר יאָהר. די פיהרער ווילען דערגרייכען שנעלע רעזולטאַטען. אי די פעדעראציעס, אי ראָבערט אָוען׳ס גראנדיעזער פאראיין, אי די טשארטיסטען־באוועגונג, זוכען אַ קורצען וועג צו דער סאָציאַלער גאולה. אָבער זיי פארשטעהען ניט, אַז אויב מען וויל האָבען אַ פעסטען בנין, וואָס זאָל ווידערשטעהן ווילדע שטורעמס, מוז מען בויען

לאַנגזאַם, פאַרזיכטיג, אַ ציגעל צו אַ ציגעל לייגען און בויען מיט גוטע מאַטעריאַלען. אין אַנדערע ווערטער, זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען די וויכטיגקייט פון אַ סטאַביליזירטער יוניאָן.

נאָך דער רעוואָלוציע קומט רעאַקציע. אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער פיבער פאַר'שיכורט דעם גייסט און פאַרבלענדט די אויגען. אין צייט פון קריג אָדער רעוואָלוציע לעבט מען צו האַסטיג. דער אָטעם לויפט צו גיך. מען טאַפּט אין דער פינסטער. מען פאַרנעמט זיך דורכאויס מיט קלעפּ געבען, פאַרניכטען. מען קאָן ניט בויען קיין דויערהאַפטע זאַך. אפילו דאָס וואָס מען בויט איז אויך מיט דעם צוועק עפּעס אַנדערש צו פאַרניכטען. אום צו בויען עפּעס דויערהאַפטעס, מוז מען זיין ניכטער, קיהל, געלאַסען.

קריסטליכע סאָציאַליסטען.

נאָך דעם פאַלען פון דער טשאַרטיסטען־באַוועגונג קומט אַ לאַנגער פּעריאָד פון אויסניכטערונג אין דער ענגלישער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג. די רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק איז דיסקרעדיטירט און ווערט אויפגעגעבען. די סטרייקס פון ראָבערט אָוען'ס צייטען און דער פּאָליטישער טומעל פון די טשאַרטיסטען האָבען געגעבען אַזוי פיל פּעפער צו שמעקען, אַז דער ענגלישער אַרבייטער אין די נעקסטע צעהן יאָהר קוקט אויף סטרייקס און פּאָליטיק אין דער יוניאָן מיט מיסטרוי. די אַקטיווע עלעמענטען עמיגרירען מעבר לים אָדער ציהען זיך צוריק אין פאַרצווייפלונג. אויף זייער אָרט אנטשטעהט אַנאַנדער סאָרט טוער — „קריסטליכע סאָציאַליסטען”, אונטער דער פיהרערשאַפט פון אַ געוויסען מאָרים און אַ געוויסען קינגזלי. אָבער זייער סאָציאַליזם באַשטעהט מייסטענס אין מאָראַל פּרעדיגען. צו די רייכע זאָגען זיי, אַז זיי זאָלען אויף דעם אַרבייטער מעהר רחמנות האָבען. צו די אַרבייטער דרשה'נען זיי, אַז זיי זאָלען זייערע באַלעבאַטים עהרליך דינען. אפשר האָבען זיי דורך זייערע שריפטען און קריטיק איבער די טרויעריגע אומשטענדען פון יענער צייט

דערגרייכט א קלאס מענשען, צו וועלכע די יוניאן פיהרער האבען קיין צוטריט נים געהאט. דערפאר פארדינען זיי דערמאנט צו ווערען אין א געשיכטליכען איבערבליק.

ערשטע קאאפעראטיווע קראם אין ראטשדעיל.

אין יענער צייט אנטשטעהט אויך די קאאפעראטיווע באוועגונג אין ענגלאנד. א גרופע פיאנערען אין ראטשדעיל לייגען צונויף א סומע פון 28 פונט (140 דאלאר) און עפענען די ערשטע קאאפעראטיווע קראם. זיי חלום'ען ניט לכתחילה וועגען גרויסע געשעפטען, זיי ווילען בלויז עטוואס פארבעסערען זייער לאגע, און זיי האנדלען פארזיכטיג. אבער די קראם איז ערפאלגרייך, און עס גרינדען זיך עהנליכע פאראיינען אין אנדערע שטעדט. מיט דער צייט פעדערירען זיי זיך און וואקסען און וואקסען ביז זיי באטרייבען אין אונזער צייט געשעפטען אויף הונדערטער מיליאנען, האבען געשעפט־פארבינדונגען אין די קאלאניעס און אין אויסלאנד, האבען אייגענע שיפען אויפ'ן ים און מיהלען און פאבריקען. דאס ארבייטער פאלק געניסט פון די קאאפעראטיוועו א סך אין פארשידענע בענעפיטס. אפילו ווען זיי דערגרייכען שוין די העכסטע שטופע פון אנטוויקלונג, באטראכט מען זיי נאך אלץ פאר א גליד פון דער ארבייטער באוועגונג, וואָרום זיי באטייליגען זיך אין אלע איהרע ליידען און פריידען.

קאפיטאל האט א זיסען חלום.

דער פעריאד צווישען די 50גער און די 70גער יאהרען פון נײַנצעהנטען יאהרהונדערט ווערט כמעט באטראכט פאר א גאלדענע צייט אין דער אינדוסטריע פון ענגלאנד. צוליב דער אויסברייטונג פון די אייזענבאהנען, דער פארמעהרונג פון האנדעלס־שיפען און די גאלד־אנטדעקונגען אין אמעריקע, אויסטראליע און ניי־זעעלאנד, דערגרייכט די אינדוסטריע פאקטיש דעם העכסטען שטאפעל פון איהר אנטוויקלונגס־לייטער. קאפיטאל נוי־

טיגט זיך אין ארבייט. די מאַסען זיינען רעגעלמעסיג באַשעפטיגט און פיהלען זיך צופרידען.

אָט דעמאָלט טאַקע אנטשטעהט דער געדאַנק, אַז קאַפּיטאַל און ארבייט האָבען געמיינשאַפטליכע אינטערעסען און דאַרפען קיין שונאים ניט זיין. די יוניאָן ווערט פון קאַפּיטאַל ניט באַקעמפּט. מען האַלט איהר פאַר אַ בייטש אויף איינצועלנע אַזעלכע קאַפּיטאַליסטען, וואָס זיינען פון דער נאַטור שלעכט. אָבער דעם קלאַסענקאַמף האַלט מען פאַר לחלוטין איבעריג. אַ טייל קאַפּיטאַליסטען האַלטען עס פאַר נויטיג צו פיהרען זיך דיפּלאָמאַטיש און צו זיין פריינדליך צו די ארבייטער. זיי געהען נאָך ווייטער. זיי אַגיטירען אליין פאַר פּאָליטישע רעפאָרמען און שטימרעכט פאַר'ן ארבייטער־פאָלק. אָבער בעת די ליבעראַלע קאַפּיטאַליסטען ווילען זיך פאַרשלעפּערען מיט אָט דעם זיסען שלאָף־געטראַנק, פיהלען די ארבייטער־טוער אינסטינקטיוו, אַז די גאָלדענע צייט וועט ניט אייביג אָנהאַלטען, און זיי נעהמען זייערע פּאָזיציעס באַפעסטיגען. זיי בויען אויס גרויסע, דויערהאַפטע יוניאָנס און די לאַנגע אויפבוי־ארבייט גיט זיי אַ סך ערפאַהרונג.

דער אָנפאַנג פון צענטראַליזאַציע אין די טרייד־יוניאָנס.

די פיהרער באַגרייפען, אַז אַזוי ווי מען קען שנעל בויען, קאָנען די אָרגאַניזאַציעס אויך שנעל צופאַלען, איבערהויפּט ווען מען לאָזט זיך אריין אין אַ העפטיגען קאַמף מיט קאַפּיטאַל. חוץ דעם מיינט אַ גרויסער קאַמף גרויסע געלט־פאַרלוסטען און פאַרשוועגדונג פון כחות. זיי פּרואווען די קרעפטען פאַראייניגען. זיי גרינדען אַ יוניאָן פון יוניאָנס, אָדער ווי מען רופט דאָס אין היינטיגען לשון, „אַ פאַראייניגטער פראָנט“. אָבער דער פאַרזוך האָט אַ מיאוס'ען דורכפאַל. די „פאַראייניגטער פראָנט“ באַוועגונג ווערט דיסקרעדיטירט, און די פיהרער קומען צו דער איבערצייגונג אַז א י י ן נאַציאָנאַלע יוניאָן אין יעדען פאַך אָדער אינדוסטריע איז די בעסטע אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרם. נאָר וואָס דען—מען דאַרף אויסמיידען לאָקאַלע סטרייקס. בכן ווערט די נאַציאָנאַלע יוניאָן צענטראַליזירט, און אויב אַן אָנגעשלאָסענע

לאָקאלע יוניאָן וועט דערקלערען אַ סטרייק אויף איהר אייגענעם חשבון, וועט די נאַציאָנאַלע יוניאָן פון איהר קאַסע קיין סטרייק בענעפיט ניט צאָהלען. אין אַ צענטראַליזירטער אָרגאַניזאַציע מוז זיין אַ צענטראַל־מאַכט, אַן עקזעקוטיווע און גענעראַל־בעאַמטע. אַט אַזוי אַנטשטעהט די מאָדערנע יוניאָן מיט איהר גאַנצער אָרגאַניזאַציאָנס־מאַשינעריע.

דער אָנפאַנג פון קאָלעקטיווען אָפּמאַך.

קרעיק, איינער פון די היסטאָריקער פון דער ארבייטער באוועגונג אין ענגלאַנד, באַמערקט, אַז די מאַכט פון דער יוניאָן האָט אַ שייכות צו איהר אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרם. דאָס קאָן מיינען, אַז אויב די יוניאָן איז פעסט אָרגאַניזירט און דיסציפּלינירט, קאָן זי ערווערבען מאַכט און איינפלוס. טאָמער אָבער איז זי לויז אָרגאַניזירט, מוז זי בלייבען אוממעכטיג. אין די רעוואָלוציאָנערע צייטען איז די יוניאָן געוועז גרויס אין דער צאָהל פון מיטגלידער, אָבער שוואַך אין דיסציפּלין און לויז אין דער אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרם. די פאָדערונג פון אַ קאָלעקטיווען אָפּמאַך און דינגען זיך קאָלעקטיוו מיט די באַלעבאַטים איז דאַן קיינעם אויפ'ן געדאַנק ניט געקומען. רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס גלויבען אין דעמאָנסטראַציעס, פּראָטעסטען, שאַרפע קריטיק און סאָציאַלע איבערקעהרענישען. אָבער זיי האַלטען ניט פון דעם קאָלעקטיווען אָפּמאַך אַלס אַן אָרגאַניזאַציאָנס מיטעל, ווייל זיי זיינען ניט קאָנסטרוקטיוו, און דערפאַר קאָנען זיי לאַנג ניט עקזיסטירען. מיר זעהען דעם דאָזיגען שטריך פון די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס כמעט אין אַלע לענדער.

דאָס בענעפיט סיסטעם.

אין ענגלאַנד באַקומט דער קאָלעקטיווער אָפּמאַך אַ באַדייטונג אין יאָהר 1851 און מאַכט די יוניאָנס שטאַרק און פעסט. עס ווערט שוין געפאָדערט דיפּלאָמאַטישע, געניטע פיהרערשאַפט כדי צו קענען פאַרהאַנדלען מיט די באַלעבאַטים. עס גרינדען זיך קאָמיטעס פאַר פרידליכע פאַרהאַנדלונגען

(„קאָנסיליאיישאָן באָארדס") און פאר „ארביטריישאָן", און דאָס איז א וויטערע אורזאך פאר צענטראליזאציע. צוליב דעם וואוקס און אנטוויקלונג פון'ם בענעפיט סיסטעם ווערט די צענטראליזאציע נאָך מעהר פארשטארקט. די יוניאָן ווערט א גרויס געשעפט מיט א גרויסען קאָנטאָר, מיט א גרויסער צאָהל באאמטע און אָנגעשטעלטע. פאר א צייט ווערט דאָס בענעפיט־סיסטעם וויכטיגער ווי דער קאמף פאר ארבייטס־באדינגונגען. פאר א ביישפיל קאָן מען ברענגען די אינזשינירען יוניאָן. אין איהר גרינדונגס־יאָהר, 1851, צעהלט זי פינף טויזענט מיטגלידער. מיט'ן בענעפיט סיסטעם ווערט זי באלד די רייכסטע יוניאָן אין ענגלאנד. אין יאָהר 1894, ווען זי צעהלט 67 טויזענט מיטגלידער, באטרעפט איהר הוצאה אויף בענעפיטס א קארגען פערטעל מיליאָן פונט און איהר הוצאה אויף סטרייקס און „לאקאוטס" בלויז 1568 פונט. די טישלער, שניידער, באוועל־ארבייטער און אנדערע פאכען אָרגאניזירען זיך אויף דעמזעלבען סיסטעם מיט דעמזעלבען ערפאָלג. פאר א לענגערע צייט האָט עקזיסטירט א קוילענגרעבער יוניאָן אָהן בענעפיטס. אָבער ווען די קוילענגרעבער פעדעראציע אָרגאניזירט זיך, אין יאָהר 1888, לויט דעם בענעפיט־סיסטעם, צעפאלט די עלטערע יוניאָן, און די פעדעראציע צעהלט אין יאָהר 1891 פיר מאָל אזוי פיל מיטגלידער. אונטער דער צייט, ווען די בענעפיט־אינסטיטוציעס דערגרייכען זייער העכסטע אנטוויקלונגס־שטופע, אנטשטעהט די טאקטיק פון „קיין פאָליטיק אין די יוניאָנס", וואָס ווערט געפרעדיגט פון א טייל יוניאָן־באאמטע.

פּאָליטישע אַגיטאַציע ווערט אָפּגעפרישט.

סך הכל צעהן ביז פופצעהן יאָהר האָט די גאָלדענע צייט אנגעהאלטען. דערנאָך שטעהען קאפיטאל און ארבייט אויף ווי פון א זיטען שלאָף און נעהמען די אויגען אויסרייבען. עס הויבט אָן פארשווינדען דער געדאנק וועגען זייערע געמיינ־שאפטליכע אינטערעסען און די אטמאָספערע ווערט ווידער־

עלעקטריזירט פון קאמף און קריגס־געשרייען. די פאבריקאנטען זיינען געווען גוט צו די ארבייטער כל זמן די זון פון פראספעריטי האט געשיינט און געוואַרימט. אָבער אין יענע יאָהרען זיינען אנדערע נאַציאָנען, איבערהויפּט דייטשלאנד און אמעריקא, שוין אויך געווען אינדוסטריעל אנטוויקעלט, און ענגלאנד'ס מאָנאָפּאָל אויף געוויסע פּראָדוקטען ווערט שוואכער. ווען עס פּארקלענערט זיך די פּאָדערונג אויף ארבייטער און אלס רעזולטאט אויך די פּראָפיטען, ווערען די ארבייטער אוים יחסנים. פאר דער מינדסטער פאָדערונג פון רעכט שליסט מען זיי מאסענווייז אוים פון די פאבריקען, און די יוניאָנס ווערען אריינגעצויגען אין א רייהע ביטערע שטרייטען. דערפאר וואָס די פאבריקאנטען באַנוצען זיך מיט אן אלטען געזעץ געגען די ארבייטער, נעהמט דער עקאָנאָמישער קאמף טיילווייז אן א פּאָליטישע פאָרם און ענדיגט זיך ענדליך מיט א זיג פאר דער ארבייטער באוועגונג. א פּאָר פאקטען זיינען נויטיג וועגען אָט דער ענדערונג.

דאָס פּארטייאישע „האר און דינער" געזעץ.

די שוין דערמאָנטע „מאנטשעסטער פילאָזאָפיע", אַז דער שטאאט דארף זיך ניט מישען אין די שטרייטען צווישען קאפיטאל און ארבייט, און די אידעע פון דעם „פרייען הייליגען קאָנטראקט" האָבען געבראכט צו דעם „האר און דינער" געזעץ. דער שטאאט דארף זיך ניט מישען, אָבער די רעגירונג האָט זיך פאָרט געמישט מיט געזעצען צו באשיצען אייגענטום און קאפיטאל. לויט דעם „האר און דינער" געזעץ האָבען די צדדים ניט געטאָרט ברעכען דעם קאָנטראקט וואָס זיי האָבען צווישען זיך געשלאָסען. אזוי פּארטייאיש איז אָבער געווען דאָס געזעץ, אַז ווען א „האר" האָט דעם קאָנטראקט געבראָכען, האָט מען איהם געהייסען צאָהלען שאדענערזאַץ און מען האָט איהם ערלויבט צו זיין אַן עדות פאר זיך אליין, נאָר ווען ארבייטער האָבען דעם קאָנטראקט געבראָכען, זיינען זיי פאר'משפט געוואָרען צו דריי מאָנאַטען געפענגניס, און מען האָט ביי זיי אָפּגענומען

דאָס רעכט צו זיין עדות פאר זיך, אָדער צו צאָהלען א געלט־שטראף, אָדער גנגען דעם אורטייל צו אפעלירען. מיט דעם אורטייל איז דער ארבייטער ניט אפגעקומען זיין געלט־חוב, און ווען ער איז דעם טערמין אפגעזעסען, האָט מען איהם פאר דעם חוב נאָכאמאָל געקענט ארעסטירען און איינזעצען.

אין די גוטע צייטען איז דאָס דאָזיגע געזעץ כמעט פארגעסען געוואָרען. אָבער מיט דעם אָנהויב פון די שלעכטע צייטען אין די זעכציגער יאָהרען קומט דאָס „האר און דינער" געזעץ שטארק צוניץ די באַלעבאטים. אין איין יאָהר צייט זיינען געווען איבער צעהן טויזענט אזעלכע משפטים. א סך יוניאָן־פיהרער הויבען אָן איינזעהן, אז שטימרעכט און פאָליטישע אקציע איז וויכטיג פאר דעם ארבייטער קלאַס. זיי שטיצען די אגיטאציע פאר דער פאָליטישער רעפאָרם, וואָס ווערט א געזעץ אין 1867 און גיט באשרענקטע שטימרעכט צו די ארבייטער פון די שטעדט. אין דעמזעלבען יאָהר ווערט אויך אומשעדליך געמאכט אויף א געזעצליכען אופן דאָס „האר און דינער" געזעץ.

די „טרייד־קאָונסילס" און דער „טרייד־יוניאָן קאָנגרעס".

א וויכטיגע ראָל אין דער אגיטאציע האָבען געשפילט די צענטראַלע יוניאָנס („טריידס קאָונסילס"). ביז דעם יאָהר 1860 האָבען זיי קיין שטענדיגע עקזיסטענץ ניט געהאַט. דעלעגאַטען פון פארשיידענע יוניאָנס פלעגען זיך פארזאמלען ווען ס'האָט זיך דרינגליך געפאָדערט. אין יאָהר 1861 גרינדעט זיך דער לאָנדאָנער „טריידס קאָונסיל". אין אָט דער צענטראַלער יוניאָן האָבען פון אָנפאנג אָן פיגורירט באריהמטע יוניאָן פיהרער. א סך פאָליטישע אגיטאציעס זיינען אויף זיינע זיצונגען געפלאַנט און דורכגעפיהרט געוואָרען. עהנליכע צענטראַלע יוניאָנס גרינדען זיך נאָכדעם אין אנדערע שטעדט. דער ערפאָלג פון די צענטראַלע יוניאָנס אין די שטעדט ברענגט ענדליך אויף דעם געדאנק צו גרינדען די נאציאָנאַלע צענטראַלע יוניאָן, דעם „טרייד־יוניאָן קאָנ־

גרעס", *) אדער ווי מען רופט דעם קאנגרעס אין ענגלאנד, דעם „פארלאמענט פון די ארבייטער". דער קאנגרעס האלט אפ זיין ערשטע וויכטיגע דעלעגאטען־פארזאמלונג אין יאהר 1871, ווען ער ווערט ספעציעל פאררופען צו העלפען אין דער פאליטישער אגיטאציע, וואס ווערט דא ווייטער באשריבען. פון דאן אן וואקסט דער קאנגרעס אין מאכט און איינפלוס, ביז ער ווערט דער וויכטיגסטער טייל פון דער ארבייטער פארטיי, וואו ער שטעלט מיט זיך פאר מיליאנען ארגאניזירטע ארבייטער.

א נייער פאליטישער קאמף אנטשטעהט ארום אנאנדער צרה, פון וועלכער די יוניאנס האבען שטארק געליטען ביז דעם יאהר 1875. די גרעסערע יוניאנס האבען רייכע קאסעס, אבער זייער פארמעגען איז ניט געזעצליך געשיצט און כמעט הפקר. אירגענד וועלכער שווינדלער, א באאמטער צי אנאנדערער, קאן פארכאפען יוניאן געלט און די יוניאן קאן אזא פערזאן צום געריכט ניט שטעלען. אויף דעם גרונד פון אן אלטען געזעץ, האלטען די ריכטער, אז א טרייד־יוניאן איז אן אומגעזעצליכע קערפערשאפט. די שטעלונג פון די ריכטער שרעקט איבער די ארבייטער און זייערע פיהרער. א גרויס געפאהר דראהט זייערע אנגעזאמעלטע געלטער, די שטיצע און צוקונפטיגע בענעפיטס פון הונדערטער טויזענטער ארבייטער און זייערע ארימע פאמיליעס, און עס אנטשטעהט א געוואלדיגע אגיטאציע.

אין דער דאזיגער אגיטאציע העלפען זעהר פיעל די לייטענדע גייסטער פון דעם ערשטען אינטערנאציאנאל, **) ווי אויך די פאזיטיוויסטען, פרעדריק העררימאן און פראפעסאר ביהזלי. אויף ארבייטער פארזאמלונגען, וואו זיי זיינען די בעסטע רעדנער, ווייזען זיי אן אויף דער נויטווענדיגקייט פון פאליטישער אקציע און ארבייטער־שוץ געזעצען. א טייל יוניאנס געהען אפיציעל אריין אין דעם אינטערנאציאנאל. די פאליטישע אגיטאציע ברייט זיך

---

*) עהנליך אין זיין צוזאמענשטעלונג צו דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר.

**) אינטערנאציאנאלע ארבייטער אסאציאציע, זעה נעקסטען קאפיטעל.

אויס איבער'ן לאַנד און צווינגט דעם פּאַרלאַמענט צו זעצען אַן אונטערזוכונגס־קאָמיסיע. די פיהרער פון דער אַגיטאַציע, מיט זייערע פאַקטען און שאַרפער לאָגיק, מאַכען אויף דער קאָמיסיע אַ גוטען איינדרוק. די פאַבריקאַנטען פון זייער זייט באַקעמפּפען די אויסבעסערונג אָדער אָפּשאַפונג פון דעם געזעץ געגען די יוניאָנס. זיי זאָגען, אַז יוניאָן־לייט זיינען שלעכטע אַרבייטער. זיי באַקעמפּפען די נייע איינפיהרונג פון דינגען זיך קאָלעקטיוו און זיינען איבערהויפּט געגען אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע. זיי טענה'ן, אַז אַ יוניאָן פון אַרבייטער מיט איהר קאָלעקטיווער האַנדלונג שטערט זייערע רעכטען אַלס אַרבייטסגעבער.

סטרייקען און „פּיקעטען" אַ פאַרברעך — זאָגען די לאָרדען.

צוליב דער אַגיטאַציע איז די ליבעראַלע רעגירונג פון יענער צייט געצוואונגען געווען אריינצוברענגען אַ פּראָיעקט־געזעץ אין יאָהר 1871. אָבער זי מיינט ניט ערנסט די לאַגע צו פאַרבע־סערען. פון איין זייט גיט דאָס געזעץ די יוניאָנס אַ געזעצליכען שטאַנד, און פון דער אַנדערער זייט שמוגעלט דאָס לאָרדען־הויז אריין אַ פּונקט, לויט וועלכען פּיקעטען און סטרייקען ווערט אַ פּשוט'ער פאַרברעכען. דאָס געזעץ ווערט פון די יוניאָנס אויפ־גענומען מיט גרויסע פּראָטעסטען, און די אַגיטאַציע ווערט נאָך שאַרפער.

פאַר די נעקסטע פיער יאָהר פאַרנעמט די אַגיטאַציע דעם אויבענאַן אויף אַרבייטער פאַרזאַמלונגען. מען איז איצט אַנט־שלאָסען, אַז אַלע געזעצען, וואָס זיינען שעדליך פאַר די יוניאָנס, מוזען אָפּגעשאַפט ווערען. יעדער אורטייל אויף אַרבייטער איז ווי אויל אויף דעם פייער פון דער אַגיטאַציע. די גרויזאַמקייט, מיט וועלכער די ריכטער האָבען די אַרבייטער באַהאַנדעלט, קאָן מען זעהן פון דעם אורטייל אויף אַ צאָהל גאַז־אַרבייטער אין יאָהר 1872. בלויז פאַר גרייטען זיך צו אַ קאַמף ווערען זיי פאַרמשפּט צו צוועלף מאָנאַטען תּפיסה.

ניט נאָר האָט די אַגיטאַציע געוועקט די אַרבייטער אין

באצוג צו פּאָליטישער טעטיגקייט, נאָר זי האָט אויך טויזענדער ארבייטער אין די יוניאָנס אריינגעבראכט. אפילו די לאנד־ און ערד־ארבייטער אָרגאניזירען זיך דעמאָלט אין מאסען. אויף דעם ערשטען „טרייד יוניאָן קאָנגרעס" זיינען געווען פארטראָטען איבער 118 טויזענט ארבייטער, און זעקס יאָהר שפּעטער צעהלט שוין דער קאָנגרעס א מיליאָן מיט הונדערט טויזענט מיטגלידער. די ארבייטער און פּראָגרעסיווע עלעמענטען זיינען שטארק דערצאָרנט געגען דער ליבעראלער רעגירונג פאר איהר האנדלונג אין פּארלאמענט, און איהר פארטיי כאפּט א מפּלה ביי די וואהלען. די באוועגונג פאר א „דריטער פארטיי" פאנגט זיך פאקטיש אָן אין יענעם יאָהר. א טייל יוניאָנס זאמלען געלט און שטעלען ארויס דרייצעהן אייגענע קאנדידאטען און צוויי ווערען ערוויילט. ס'איז כאראקטעריסטיש, אז טאקע אין דעם ניי־ערוויילטען פּארלאמענט, אונטער א קאָנסערוואטיווער רעגירונג, ווערען אין יאָהר 1875 אָפּגעשאפט די שעדליכע געזעצען.

די פּעריאָדישע האנדעלס־קריזיסען.

נאָך דער אָפּשאפונג פון די דערמאָנטע געזעצען ווערט די טרייד־יוניאָן וועלט ווידער פארוויגט אין צופרידענהייט און אָפּגע־לאָזענקייט אויף נאָך א צעהנדליג יאָהר. איינער פון די פאק־טאָרען זיינען דאָ געווען וואהרשיינליך די גוטע צייטען, וואָס זיינען דעמאָלט ווידער אָנגעקומען. דאָ איז נויטיג צו זאָגען א וואָרט וועגען די פּעריאָדישע האנדעלס־קריזיסען אין די אינדוס־טריעלע לענדער, מיט וועלכע עס צייכענט זיך אוים די צווייטע העלפט פון ניינצעהנטען יאָהרהונדערט, און וואָס האלטען אָן פאקטיש ביז צום וועלט־קריג. סאָציאליסטען און פאָרטגעשרי־טענע פּאָליטישע עקאָנאָמיסטען דערקלעהרען די דאָזיגע קריזיסען מיט דער שטענדיגער איבער־פּראָדוקציע. די פאבריקאנטען אר־בייטען אָן סחורות אויף ספּעקולאציע, אָהן א וויסענשאפטליכער אויסרעכענונג וועגען דער גרויס פון דער פאָדערונג. צוליב דער קאָנקורענץ, וואָס טרייבט יעדען פאבריקאנט צו פּרובירען אריבער־

יאָגען אַנדערע אין בילינקייט און אין פּאַרקויף. און הויפּטזעכליך צוליב דעם, וואָס יעדער פּראָדוצירט פאַר זיך, ניט וויסענדיג וואָס דער אַנדערער טוט, קאָן דאָך אַזאַ וויסענשאַפטליכע אויס־רעכענונג ניט זיין. דער רעזולטאַט איז, אַז ווען עס אַנטשטעהט אַ גרויסע פאָדערונג אויף סחורות, אַרבייט מען מיט פיבערישער האַסט, מען יאָגט אַרויס די נשמה, ביז וואַנען מען אַרבייט אָן אַ סך מעהר ווי דער וועלט־מאַרק פאָדערט. די מאַגאַזינען ווערען איבערגעפילט מיט סחורות, וואָס קיינער קויפט ניט; אַ טייל פאַבריקאַנטען קענען זייערע חובות ניט צאָהלען און באַנק־ראָטירען. עס אַנטשטעהט אַ האַנדעלס־קריזיס און אַרבייטס־לאָזיגקייט, ביז וואַנען די איבערפּראָדוקציע ווערט ביסלאַכווייז פאַרצערט און עס טרעט אַריין אַ נייע פאָדערונג אויף סחורות. אַזוי דרעהט זיך איבער דאָס רעדעל פון אינדוסטריעלען פיבער אַלע אַכט, צעהן יאָהר.

אין דעם צעהנדליג יאָהרען, פון 1875 ביז 1885, האָבען די אינדוסטריעלע רעדער זיך פיבעריש געדרעהט, און די טרייד־יוניאָן וועלט פאַרגעסט זיך כמעט אָן איהרע פּראָבלעמען. דער טרייד־יוניאָן קאָנגרעס, שרייבט סידני וועבב, איז אין יענער צייט אַ פאַרזאַמלונג פון יוניאָן באַאַמטע, וואָס פאַרנעמען זיך דורכאויס מיט דיסקוסיעס וועגען פּאָליטיק און אַרביטער געזעצגעבונג. די היסטאָרישע שטרייט־פראַגע צווישען ליבע־ראַליזם און קאָנסערוואַטיזם ווערט אויף די קאָנגרעס זיצונגען אויסגעפאָכטען. ס'איז אַ צייט ווען דער אינטעליגענטערער אַרבייטער טראַכט פיעל וועגען פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגען: מען דאַרף רעפאָרמירען די וואַהל־דיסטריקטען, די געריכט־הייזער, די רעגירונגס־אַדמיניסטראַציע, די גאַנצע שטאַאַטס־מאַשינעריע. די יוניאָן פיהרער געהען האַנט אין האַנט מיט דער ליבעראַלער פּאַרטיי. זיי ווערען פּאַקטיש בורזשואַזע פּאָליטיקער, מיט בורזשואַזע מיינונגען. אַזעלכע ערנסטע פראַגען, ווי היים־אַרבייט, דאָס שוויץ־סיסטעם אין שניידער פאַך און אומדערטרעגליכע איבלען אין אַנדערע אינדוסטריעס אינטערעסירען זיי גאָרניט.

דער פארלאמענט שאפט דאן אפ די „טראק" געזעצען, וואס ערלויבען פאבריקאנטען צו צאהלען זייערע ארבייטער מיט סחורות אדער שנאפס און ביער אנשטאט געלט. אבער דער קרעדיט דערפאר קומט ניט דעם יוניאן קאנגרעס, נאר דעם באוואוסטען אטהעאיסט און פריידענקער, טשארלס ברעדלא.*)

4. דער נייער יוניאניזם, ביז 1890.

אין די אכציגער יאהרען אנטשטעהט א נייער גייסט אין דער ארבייטער באוועגונג. א שווערער אינדוסטריעלער קריזיס ברענגט מיט זיך א רעוואלט געגען דעם שרעקליכען דלות פון די מאסען, און די סאציאליסטישע פראפאגאנדע כאפט דאן ארום דאס גאנצע לאנד. דער נייער יוניאניזם קומט אויף דער סצענע. דעם אנהויב און אנטוויקלונג פון דער סאציאליסטישער באוועגונג אין ענגלאנד וועלען מיר באשרייבען אין נעקסטען קאפיטעל. דא דארף אבער דערמאנט ווערען, אז דער נייער יוניאניזם, מיט זיין געוואלדיגער אגיטאציע צווישען די פראסטעסטע, ארימסטע הארעפאשניקעס, זיינע גרויסע סטרייקס און פראפאגאנדא פאר פאליטישער טעטיגקייט, איז פאקטיש ארויסגעוואקסען פון דער סאציאליסטישער באוועגונג. קאמפלוסטיגע סאציאליסטען, הגם אליין ארבייטער, ווערען זיינע פיהרער און באאמטע. אין יענער צייט ווערט געלעגט דער פונדאמענט פאר דער מעכטיגער פאליטישער ארבייטער־באוועגונג און דער איצטיגער ארבייטער־פארטיי. א פאר וויכטיגע געשעהענישען פארדינען א פלאץ אין אונזער געשיכטליכען איבערבליק.

דער קריזיס פון יענער צייט ברענגט די פאבריקאנטען אויף דעם שכל צו גרינדען א נאציאנאלע פעדעראציע, מיט דעם צוועק די יוניאנס צו באקעמפען, און דער קאמף צעשמעטערט אלע קלענערע יוניאנס. עס באשאפט זיך א מורא'דיגע ארמיי

*) ברעדלא איז געווען דער ערשטער פארלאמענטס מיטגליד, וואס האט זיך אנטזאגט צו נעמען די פארלאמענטארישע שבועה מיט דער ביבעל אין האנט, און דער מנהג איז צוליב דעם אפגעשאפט געווארען.

פון ארבייטסלאָזע און הונדערטער טויזענטער ארבייטער פאמי־
ליעס זינקען אין א זומפּ פון דלות און נויט, אָהן וועלכער
ס'איז מעגליכקייט דערפון זיך ארויסצוראַטעווען. די ליידען
פון די אָרימע גיבען צו פייער דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַ־
גאַנדע, וואָס פאַרשפּרייט זיך מיט בליץ־שנעלקייט איבער'ן לאַנד.
אפילו ערנסטע ניט־סאָציאַליסטען ווערען פון זייער פילאָזאָפישער
רוהיגקייט ארויסגעריסען און הויבען אָן פרעגען אלערליי שאלות.
די רעגירונג באשטימט איין אונטערזוכונגס־קאָמיסיע נאָך א צוויי־
טער, און ביי די קאָמיסיעס רעדט מען א סך, אָבער עס ווערט
גאָרניט געטאָן. מען פרעגט, למשל, אזא פראגע: „פאַרוואָס
זאָל א געוויסער לאָרד דאַדלי ירשה'נען לאַנד און קוילענמינען,
וואָס שאפען פּראָדוקטען אין דעם ווערט פון פינף טויזענט
דאָלאַר א טאָג, בעת זיינע קוילענגרעבער מוזען שקלאפען א
גאַנצע וואָך און ניט האָבען גענוג צום לעבען?” די סאָציא־
ליסטען גיבען אויף אזוינע פראגען דעם איינציגען לאָגישען
ענטפער: דאָס איז דערפאַר, וואָס די קוילען־גרעבער פאַרמעגען
קיין זאַך ניט מעהר ווי זייער ארבייטס־קראַפט.

א קאַפּיטאַליסט באשרייבט די טרויעריגע לאַגע פון די ארבייטער־מאַסען.

א רייכער קאַפּיטאַליסט, מיט'ן נאָמען טשאַרלס בוט, פאַר־
אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט דעם פאָלקס־לעבען און דלות
אין די גרויסע שטעדט און נעמט אונטער אויף זיינע אייגענע
הוצאות א ברייטע אויספאָרשונג. אין יאָהר 1889 ערשיינט זיין
ערשטער בוך,*) וואָס באשרייבט מיט גענויע איינצעלהייטען,
מיט שטוינענדיגע פאַקטען און ציפערען, דאָס צרה'דיגע לעבען
פון דעם ארבייטער פאָלק אין לאָנדאָן. דער בוך ווערט ווייט
און ברייט געלעזען און האָט א געוואַלדיגע ווירקונג אויף אלע
שיכטען פון דער געזעלשאַפט. ער ווייזט אָן, אז א מיליאָן
און א פערטעל פון דער באַפעלקערונג זיינען טיף אין דלות

---

*) Charles Booth, *Labor and Life of the People of London*, in 18 volumes; 1889-1913.

געזונקען, אז די שקלאפען־טרייבער פון שוויץ־סיסטעם זיינען אליין קרבנות פון דעם סיסטעם פון קאנקורענץ און נשמה־יאגעניש. און שכרות און גייסטיגע געפאלענקייט זיינען דער רעזולטאט פון דלות און ניט דער דלות דער רעזולטאט פון שכרות. אז א גרויסער סוחר, א שיף־אייגענטימער און קאפי־טאליסט, זאל אויף אזא אופן אונדירעקט געבען א טרייב פאר־ווערטס די סאציאליסטישע באוועגונג און סאציאלע רעפארמען, איז א זאך וואס קאן נאר פאסירען אין ענגלאנד.

פלאם־פייערדיגע אגיטאטארען.

מיר ווילען זיך דא ניט ארייגלאזען אין א חקירה צי די אומשטענדען רופען ארויס די גרויסע פיהרער, אדער די פיהרער די אומשטענדען. עס איז גענוג צו דערציילען, אז די צייט האט דעמאלט צום פראנט ארויסגערוקט באגאבטע, מוטיגע פיהרער און פלאם־פייערדיגע אגיטאטארען, וואס האבען געמאכט היסטאריע. פיר פון די באריהמטעסטע צווישען זיי זיינען ארויס־געקומען פון דעם פראסטען ארבייטער־פאלק — דזשאהן בערנס, טאם מענן, בען טילעט און קיר הארדי. די ערשטע דריי האבען געארבייט אין דער באוועגונג אין לאנדאן, און קיר הארדי — אין דער פראווינץ.

דזשאהן בערנס, אן אינדזשיניר, וועלכער איז צוערשט געווען א מיטגליד אין דער מארקסיסטישער סאציאל־דעמאקראטישער פעדעראציע, הויבט אן זיין קאריערע אלס א שארפער קריטיקער פון די גרויסע רייכע יוניאנס, וואס האבען, לויט זיין מיינונג, דעם אמת'ן יוניאניזם אוועקגעשטופט אן א זייט און גיבען זיך אפ אויסשליסליך מיט דעם בענעפיט־סיסטעם. א באלעזענער, מיט א בריליאנטענער רעדענסקראפט און שטארקער שטים, בלייבט ער יאהרען לאנג דער הויפט־רעדנער אויף אלע גאסענפארזאמ־לונגען, דער פיהרער פון די ארבייטסלאזע און דער ליבלינג פון פאלק. אין יאהר 1888 ווערט ער ארעסטירט אויף דער קלאגע פון אויפהעצען צו אן אויפשטאנד, און ביים משפט אין קרימינאל געריכט האלט ער אין זיין פארטיידיגונג א פייערדיגע

סאָציאַליסטישע רעדע, וואָס ווירקט אויף די ריכטער, און ער ווערט באפרייט. די רעדע ווערט דערנאָך ארויסגעגעבען אַלס א בראָשורע מיט'ן נאָמען „דער מאַן מיט דער רויטער פאָהן". א צייט שפּעטער אדרעסירט ער א פאַרזאַמלונג אין טראַפאַלגאַר סקוועער להכעיס דער פּאָליציי, און ווערט ארעסטירט אינאיינעם מיט קאַנינגהעם גרעהעם (א רייכער מאַן און באגייסטערטער סאָציאַליסט), און ביידע ווערען פאַראורטיילט צו זעקס מאָנאַטען געפענגניש. אָבער די ווייטערדיגע געשיכטע נעהמט פאַר זיי ביידען נקמה. קאַנינגהעם גרעהעם ווערט גלייך ערוויילט פאַר א מיטגליד אין פּאַרלאַמענט. דזשאָהן בערנס ווערט ערוועהלט אין יאָהר 1892, און אין יאָהר 1906 ווערט ער דער ערשטער ארבייטער קאַבינעט־מיניסטער אין באַנערמען'ס רעגירונג.*)

דער סטרייק פון די דאָק־ארבייטער.

אין יאָהר 1899 ברעכט אויס דער היסטאָרישער סטרייק פון די דאָק־ארבייטער אין לאָנדאָן, וואָס רודערט אויף דאָס גאַנצע לאַנד, און דזשאָהן בערנס, טאָם מענן און בען טילעט דערפיהרען דעם סטרייק צו א גלענצענדען זיג, וואָס ווירקט שטאַרק אויף די מאַסען ארבייטער ביי די האַפענס, ביי די שיפען און אייזענבאַהנען, טרעגער א. אז. וו. זיי אָרגאַניזירען זיך אין יוניאָנס און געווינען בעסערע קאָנדיציעס. כאַראַקטע־ריסטיש איז דער פאַקט וואָס דער סטרייק ווערט ארויסגערופען אָהן א יוניאָן און אָהן געלט. פאַר פיער וואָכען צייט איז דער לאָנדאָנער האַפען פּאַראַליזירט. די פייערדיגע רעדעס פון די פיהרער האָבען א שטאַרקע אַלגעמיינע ווירקונג. קיינער וויל די סטרייקערס פּלעצער ניט פאַרנעמען, און טויזענטער אַנדערע סטרייקען אויס סימפּאַטיע. דער סטרייק ווערט אויפגעהאַלטען פון פרייוויליגע ביישטייערן. סך הכל א סומע פון 243,680 דאָלאַר

---

*) ער רעזיגנירט אין יאָהר 1914, ווייל ער שטימט ניט איין מיט דער קריגס־פּאָליטיק פון דער רעגירונג, און ציהט זיך צוריק פון פּאַר־לאַמענט אין יאָהר 1918.

ווערט געזאמעלט. עס קומט אריין געלט אפילו פון אויסטראליע. סאָציאַליסטען שטעהען אויף גאַנץ פריה און פאָהרען צום האפען די פארזאמלונגען צו אדרעסירען די ארבייטער צו דער־מונטערען. די ארבייטער געווינען אלע זייערע פאָדערונגען.

די נייע אָרגאַניזאציאָנס־כוואליע פארשפרייט זיך איבער'ן לאַנד. עס אָרגאַניזירען זיך די גאַז־ארבייטער אונטער דער פיהרערשאַפט פון וויל טהאָרן, וועלכער ווערט שפּעטער א וויכטיגע פערזאָן און א מיטגליד אין פּארלאמענט. זיי געווינען דעם אכטשטונדען טאָג און א לוין־העכערונג אָהן א קאמף. עס אָרגאַניזירען זיך די מאטראָזען און פייערלייט. די יוניאָן פון אייזענבאהן־ארבייטער צעהלט שוין 65 טויזענט מיטגלידער. די אגריקולטורעלע ארבייטער אָרגאַניזירען א יוניאָן פון 14 טויזענט מיטגלידער. צווישען די באוואוסטע סאָציאַליסטען פון דער צייט זיינען הערבערט בעררואָהס און עני בעזאנט.*) א קורצער לייט־ארטיקעל פון עני בעזאנט אין א לאָקאלע וואָכענ־שריפט ברענגט ארויס אין סטרייק 672 פרויען־ארבייטערינס פון א גרויסער שוועבעל־פאבריק. בעררואָהס און מרס. בעזאנט אָר־גאַניזירען זיי אין א יוניאָן און פארבעסערען זייערע ארבייטס־באדינגונגען.

די שארפע סאָציאַליסטישע לאָגיק ווירקט.

עס איז געוועזן נאטירליך, אז די קאָנסערוואטיווע פיהרער פון די גרויסע רייכע יוניאָנס זאָלען אויף דער נייער באוועגונג קוקען מיט קנאה און פיינדשאפט. ערשטענס דערפאר, וואָס די נייע יוניאָנס זיינען אָרגאַניזירט אויף קליינע וועכענטליכע ביישטייערן (4 סענט א וואָך) און קיין בענעפיט־סיסטעם. צווייטענס, פאר זייערע סאָציאַליסטישע טענדענצען און אַפּאָ־

*) הערבערט בערראָהס איז יאָהרען לאנג געוועזן דער בעסטער פריינד פון די אידישע יוניאָנס אין לאָנדאָן. עני בעזאנט איז געוועזן די פּיאָנערין פון געבורט קאָנטראָל אין ענגלאַנד און אַן אָנציהענדע פערזאָן אלס סאָציאַליסטישע רעדנערין.

זיציע צו דער ליבעראַלער פּאַרטיי. אַלס פיהרער פון יוניאָנס פון געניטע מעכאַניקער האַלטען זיי אפשר זייערע יוניאָנס פאַר יחסנים. יעדענפאַלס רעדט מען פון זיי מיט איראָניע אַלס די אַריסטאָקראַטיע פון דער ארבייטערשאַפט. אַ לאַנגע צייט געהט אָן אַ קאַמף צווישען די קאָנסערוואַטיווע פיהרער און די סאָציאַליסטען. די ערשטע האַלטען דעם טרייד־יוניאָן קאָנגרעס אין זייערע הענט און זיינען מייסטענס ליבעראַלען אין פּאָליטיק, אָדער באַקעמפען אינגאַנצען פּאָליטישע אַגיטאַציע אין די יוניאָנס. זיי באַטיטלען די סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרען אַלס אינטריגאַנטען און קאָכלעפעל, וואָס קאָנען אַ סך ריידען אָבער גאָרניט טאָן.

ביז דעם יאָהר 1889 לאָזט מען אין טרייד־יוניאָן קאָנגרעס ניט דורכגעהן קיין ראַדיקאַלע רעזאָלוציעס. אָבער די סאָציאַליסטען מיט זייער שאַרפער לאָגיק און טיפע ידיעות, דרינגען בּיסלאַכווייז פאָרט אַהין אריין. אַ סך יוניאָן־לייט ווערען סאָציאַליסטען און וועהלען זיי אַלס דעלעגאַטען. אינטערעסאַנט איז, אַז נאָך דעמאָלט שליסען די נייע יוניאָנס ברידערשאַפט מיט די גייסטיגע ארבייטער. עלעאָנאָרא מאַרקס עיוולינג (קאַרל מאַרקס'עס טאָכטער), דר. עיוולינג, דזשאָרדזש לענסבורי און אַנדערע אינטעליגענטען זיינען געוועזן מיטגלידער פון דער יוניאָן פון גאַז און אַלגעמיינע ארבייטער.*) די קאָנסערוואַטיווע אָפּאָזיציע הויבט אָן צוזאַמענברעכען ווען די סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרען בויען אויס און ווערען די פיהרער פון אַ מעכטיגער יוניאָן־ארמיי פון אַן ערך צוויי הונדערט טויזענט מיטגלידער, ווען זיי ווערען די פּאָליטישע אויפקלערער פון פאָלק און הויבען אָן ארייננדרינגען אין די שטאָדטישע און דאָרפישע רעגירונגס־קערפּערשאַפטען. דער באַריהמטער קיר האַרדי הויבט דאַן אָן זיין באַוועגונג פאַר אַן אומאָפּהענגיגער ארבייטער פּאַרטיי. און דאַן הויבט זיך אָן אַ צונויפמישונג פון קרעפטען און

*Gas Workers and General Laborers' Union.

א פאראייניגטע טעטיגקייט פון אלע ריכטונגען, און עס ווערט שווער צו שילדערן דעם ווייטערען גאנג פון די טרייד־יוניאנס אהן דער סאציאליסטישער באוועגונג אדער אהן דער ארבייטער פארטיי. מוזען מיר אלזא דעם פינפטען טרייד יוניאן פעריאד איינשליסען אין דעם קאפיטעל „דער אנהויב פון דער ארבייטער פארטיי". אין די נעקסטע צוויי ארטיקלען וועלען מיר באשרייבען בקיצור די וויכטיגסטע פאסירונגען און טוער אין אט דיביידע באוועגונגען. און דעם איצטיגען קאפיטעל שליסען מיר מיט טרייד־יוניאן ציפערען.

מיר ברענגען דא די צאהל דעלעגאטען און מיטגלידער, וואס זיינען געווען פארטראטען ביי די טרייד־יוניאן קאנגרעסען זינט דעם ערשטען צוזאמענפאהר אין יאהר 1868. די ציפערען ביז 1898 זיינען פאר צעהנדליגער יאהרען:

	דעלעגאטען	צאהל מיטגלידער
1868	34	118,367
1878	36	623,957
1888	165	816,944
1898	522	1,688,531
*1913	..	4,000,000
1917	876	5,287,522
1922	(אינטערנאצ. יאהר־בוך)	6,559,933

*Gilbert Stone, *History of Labor*.

2. די אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די ווירקונג פון קאַרל מאַרקס. — די צילען פון ערשטען אינטערנאַציאָנאַל. — פערדינאַנד לאַסאַל'ס ווירקונג. — אַ שטים פון אמעריקע דער־גרייכט ענגלאַנד. — די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע. — די סאָציאַליסטען ליג. — דער פאַביאַנער סאָציאַליסטען פאַראיין. — בלוט־און־באַריקאַדען רעדעס. — אייניגע פיהרער און טוער אין דער פאַביאַנער געזעלשאַפט. — די ספּעציעלע אויפקלערונגס אַרבייט פון דער געזעל־שאַפט. — וואו האָט בערנשטיין געלערנט דעם רעוויזיאָניזם? — די „קלאַריאָן" גרופּע.

ווען די קלינגענדיגע ווערטער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט" האָבען אָפּגעהילכט איבער אייראָפּא, האָט מען זיי צוערשט דער־הערט אין ענגלאַנד און אַמעריקע. אין פאַרלויף פון ניינצעהנטען יאָהרהונדערט איז דאָס קערענדעל פון סאָציאַליזם דאָרט מעה־רערע מאָל פאַרזייט געוואָרען. שוין די אוטאָפּיסטישע אידעען פון ראָבערט אָוען רופט מען סאָציאַליזם, אָבער די ערשטע באַשטימטע דערקלערונג וועגען דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם ווערט געגעבען אין קאָמוניסטישען מאַניפעסט דורך קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס — דער מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער ליג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין לאָנדאָן אין 1847. מיט אָט דעם קליינעם ווערק האָבען מאַרקס און ענגעלס אוועקגעשטעלט די אַרבייטער־באַוועגונג אויף אַ פּאָליטישען באָדען און צוקלאַפּט די שעהנע אוטאָפּיעס פון ראָבערט אָוען אין ענגלאַנד און שאַרל פוריע און די איבעריגע אוטאָפּיסטען אין פראַנקרייך.

אַ חוץ דער ניט־דירעקטער ווירקונג פון דעם מאַניפעסט, זיינען אין ענגלאַנד אַרום יענער צייט געווען שריפטשטעלער,

וואס האבען דעם קאפיטאליזם קריטיש צוגלידערט און אנגע־וויזען אויף זיינע איבלען. אייגענע לאנדסלייט האבען אהן צווייפעל געהאט א דירעקטע ווירקונג. די ענגלענדער זיינען פראקטישע מענשען. זייערע סאציאלע טעאריעס און פילאזאפיעס באגרינדען זיי אויף דער פראקטיק. עס איז ניט אין זייער נאטור צוצופאסען די פראקטיק צו דער טעאריע. א קליין ווערק פון אן אומבאוואוסטען שרייבער, אנטאן מענגער, מיט׳ן נאמען „דאס רעכט צו דער גאנצער פרוכט פון זיין ארבייט״, געשריבען פון א פראקטישען שטאנדפונקט, איז געווען דירעקט „צום פונקט״. *)

אן עהנליכען געדאנק האט אויסגעדריקט דער באריהמטער ענגלישער פילאזאף דזשאהן סטוארט מילל אין דער לעצטער אויסגאבע פון זיין בוך „פאליטישע עקאנאמיע״, נאך לאנג איי־דער דער סאציאליזם האט געפונען אויסדרוק אין ענגלאנד, הגם ער איז ניט געווען קיין סאציאליסט. ער זאגט:

„אויב מענשען זאלען קענען בעסער און בעסער ווערען, מוז מען ערווארטען, אז עס וועט ענדליך הערשען ניט אזא פארם פון געזעלשאפט, וואו א קאפיטאליסט איז דער הויפט און די ארבייטער האבען ניט קיין דעה אין דער פארוואלטונג, נאר א געזעלשאפט פון ארבייטער גופא, וואו אלע זאלען זיין גלייך. דער קאפיטאל פון זייערע געשעפטען זאל זיין זייער אייגענטום און זיי זאלען ארבייטען אונטער פארוואלטער, וואס זאלען ווערען ערוועהלט און אראפגעזעצט פון זיי אליין״.**)

די ווירקונג פון קארל מארקס.

דער באריהמטער קיר הארדי פלעגט באמערקען, אז ער האט אין אנפאנג געלערנט מעהר סאציאליזם פון דעם שאטלענ־דישען פאסטוך־פאעט, ראבערט בוירנס, ווי פון קארל מארקס׳עס „קאפיטאל״. אבער ווען מארקס האט דעם סאציאליזם אוועק־

---

*) מענגער׳ס ווערק ווערט דערמאנט אין רעמזיי מעקדאנאלד׳ס בוך „די סאציאליסטישע באוועגונג״.

**) ציטירט פון ראמזיי מעקדאנאלד׳ס בוך „די סאציאליסטישע באוועגונג״.

געשטעלט ניט נאָר אַלס טעאָריע, נאָר אַלס אַ געזעלשאַפטליכע אַנטוויקלונג, ווערט דער סאָציאַליזם זעהר נאָהענט צו דעם ווירקליכען, טעגליכען לעבען און די פּראַקטישע ענגלענדער קאָנען איהם שוין באַגרייפען. עס ווערט נאַכהער קלאָר פאַר די וואָס שטודירען און פּאָפּולאַריזירען מאַרקס'עס אידעען, אַז די געזעלשאַפט איז אַ זאַך, וואָס וואַקסט. זי וואַקסט אַרויס פון דער אַמאָליגער פאַמיליע, קאָמונע און שבט און וואַקסט אַריין אין דער שקלאַפעריי. פון דער שקלאַפעריי וואַקסט זי אַריין אין דער פאַנטאַזיע און קליין־אינדוסטריע, פון דאַנען אין דער גרויס־אינדוסטריע און קאַפּיטאַליזם, און פון דעם קאַפּיטאַליזם מוז זי בּיסלאַכווייז אַריינוואַקסען אין דעם סאָציאַליזם. עס פאָדערט זיך בלויז, אַז די אַרבייטער פון אַלע לענדער זאָלען זיך פאַראייניגען, וועט דאָס גיכער פאַרווירקליכט ווערען. דער קאַמף צווישען די קלאַסען האָט געבראַכט צו אָט די אַלע ענדערונגען און וועט ענדליך ברענגען צו סאָציאַליזירטער אינדוס־טריע, וואו „דעם אַרבייטער'ס רעכט צו דער גאַנצער פרוכט פון זיין אַרבייט“ וועט זיין דער וויכטיגסטער יסוד פון דעם סאָציאַלען סיסטעם. אָט דאָס אַלץ לייגט זיך אויף דעם פּראַקטישען שכל. ס'איז, דאַכט זיך, דאָס לעבען אַליין.

קאַרל מאַרקס האָט געלעבט אין לאָנדאָן. דאָ האָט ער מיט זיין פאַמיליע געהונגערט און געליטען נויט. אין דער לאָנדאָנער ביבליאָטעק פון דעם בריטישען מוזעאום שאַפט ער אַ סך מאַטעריאַל פאַר זיין באַריהמט ווערק „דאָס קאַפּיטאַל“. דאָ פאַרענדיגט ער דאָס ווערק און געפינט צייט פאַר פּאָליטישער אַגיטאַציע. דאָ העלפט ער גרינדען דעם ערשטען אינטערנאַ־ציאָנאַל, פון וועלכען ער ווערט פּרעזידענט. דאָ איז ער נאָך זיין עפּאָכע־מאַכענדער אַרבייט געשטאָרבען אין יאָהר 1883. זיינע ביינער רוהען אויף דעם בית עולם אין האַיגעיט, לאָנדאָן. און זיין בעסטער פריינד ענגעלס פאַרענדיגט זיין לעבענס־טעטיגקייט אין דערזעלבער שטאָדט. די דאָזיגע פאַקטען האָבען עד היום אַן אומגעהייערע ווירקונג אויף דער בריטישער אַרבייטער־באַווע־

גונג. עס איז כדאי צו דערמאָנען, אז קארל מארקס איז געוועז באגייסטערט פון די ענגלישע ארבייטער, וועלכע ער האָט עפענט־ליך דערקלערט אלס די קעמפער פאר דעם ארבייטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט. אויף ארבייטער־פארזאמלונגען אין אנדערע לענדער פלעגט ער אָנווייזען אויף די ארבייטער אין ענגלאנד און זייער קאמף פאר א געזעצליכען ארבייטס־טאָג אלס דעם מאָדעל פון אָרגאַניזאַציע און סאָלידאַריטעט.

די צילען פון ערשטען אינטערנאַציאָנאַל.

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל, געגרינדעט אין לאָנדאָן דעם 28טען סעפטעמבער, 1864, האָט געהאַט א גאַנץ באַזונדערע ווירקונג אויף די יוניאָן פיהרער פון זיין צייט. דערמיט וואָס די ארבייטער פארטיי שטעלט ניט ארויס אין פראָנט דעם וואָרט סאָציאַליזם, נעמט זי אפשר איהר ביישפיל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער אסאָציאַציע — דעם ערשטען אינ־טערנאַציאָנאַל. זיינע אויסגעשפּראָכענע הויפּט־צילען זיינען גע־ווען: פּאָליטישע, אינדוסטריעלע און בירגער־רעכטען; ציווילע, רעליגיעזע און פאראייניגונגס פרייהייט; ארבייטער רעכט; די פארברידערונג פון די נאַציאָנען; ארבייטער סאָלידאַריטעט; א העכערער לוין, קירצערע שטונדען און בעסערע ארבייטס־קאָנדיציעס; אָפּשאַפונג פון קינדער־ארבייט; מעהר געלע־גענהייטען פאר בילדונג. דאָס זיינען אַלץ צייט־פאָדערונגען. סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם ווערט גאָרניט דערמאָנט. קארל קאוטסקי האָט לעצטענס דערקלערט, אז אָהן דעם איניציאַטיוו פון די ענגלענדער און זייערע יוניאָן־פיהרער וואָלט דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל ניט געקענט געגרינדעט ווערען.

קארל מארקס'עס א מיטארבייטער אין דעם אינטערנאַ־ציאָנאַל *) באַמערקט, אז מארקס'עס טעאָריעס זיינען זיינע קאָלעגען ניט געוועזען באוואוסט. אין דעם אינטערנאַציאָנאַל'ס פּרינציפּען־ערקלערונג זאָגט זיך: „די אונטערוואָרפענקייט פון

*) George Howell, *Conflicts of Capital and Labour.*

דעם ארבייטער צום קאַפּיטאַליסט איז די גרונט־אורזאַך פון יעדער שקלאַפעריי, יעדען סאָציאַלען עלענד און יעדער פּאָלי־טישער אָפּהענגיגקייט". אַזאַ פּשוט'ען געדאַנק דערזעהט דער פּראַקטישער ענגלענדער מיט איין בליק. צוליב אינערליכער קריגעריי צווישען די אָנהענגער פון פּאָליטישער אַקציע, פון איין זייט, און די אַנאַרכיסטען, אונטער באַקונינ'ס פיהרערשאַפט, פון דער אַנדערער, לעזט זיך דער אינטערנאַציאָנאַל אויף אין יאָהר 1873, אָבער זיין ווירקונג אויף די מוחות פון דער ארבייטער־אינטעליגענץ אין ענגלאַנד בלייבט.

פערדינאַנד לאַסאַל'ס ווירקונג.

פון דייטשלאַנד דערטראָגט זיך לאַסאַל'ס פייערדיגע שטימע. זיין רעדע אין יאָהר 1862, וואָס איז נאַכהער פאַרעפענטליכט געוואָרען אונטער דעם נאָמען „לאַסאַל'ס ארבייטער פּראָגראַם", ווירקט שפּעטער אין ענגלאַנד, באַזונדערס אויף דעם פאַביאַנער סאָציאַליסטען פאַראיין,*) וועגען וועלכען מיר וועלען באַלד ריידען באַריכות. לאַסאַל'ס הויפּטגעדאַנק איז, אַז דורך איי־ניגקייט און פּאָליטישע אַקציע ווערט דער ארבייטער קלאַס דער הערשענדער קלאַס אין דער געזעלשאַפט און דאַן פאַרשווינדען די קלאַסען און דער קאַמף צווישען זיי. די געזעלשאַפט ווערט אייניג און האַרמאָניש און ארבייט פאַר דער טובה פון כלל. דאָס איז ווידער אַ פּראַקטישער געדאַנק, וואָס דער פּראַקטישער ענגלענדער באַגרייפט אין אַ רגע און דאַרף ניט פיעל דעם מוח ברעכען. און ווען עס אנשטעהט ענדליך די פאַראייניגטע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און וואַקסט אויס אין אַ משך פון צעהן יאָהר, פון 352,000 שטימען אין 1874 ביז 1,472,000 אין 1884, ווערט דער ענגלענדער ארויסגעטרייסעלט פון זיין פלעגמאַטישער קאַלטקייט און הויבט אָן רייבען די אויגען.

אַ שטים פון אַמעריקאַ דערגרייכט ענגלאַנד.

אין יאָהר 1880, ווען הענרי דזשאָרדזש פאַרעפענטליכט

---

*) Fabian Society.

זיין ווערק „פּראָגרעס און דלות"(*) נעמט דאָס ווערק דעם דאַרטיגען עולם מיט שטורם. דאָס איז אַ שאַרפע קריטיק איבער דער היינטיגער אָרדנונג, באזונדערס אַ קלאָרע דערקלערונג וועגען „רענט", די הכנסה פון די הויז און לאַנד אייגענטימער, ווי אזוי זיי טראָגען פּאקטיש איבער אַנדערע מענשענס פאַר־דינסטען אין זייערע קעשענעס אריין. עס ווערט איבער דעם בוך דאַן זעהר פיל געשריבען אין דער פּרעסע און זיינע מיינונגען ווערען דיסקוטירט און פּאָפּולאַריזירט אויף אַלע ראַדיקאַלע און ארבייטער־פארזאמלונגען. און כאָטש די הויפּט־דענקער פון מאָדערנעם סאָציאַליזם, קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס, וועלכע האָבען דאַן געוואוינט אין ענגלאַנד, האָבען ניט שטארק געהאַלטען פון הענרי דזשאָרדזש'ס טעאָריעס, פונדעסט־וועגען האָט די הענרי דזשאָרדזש־באוועגונג געגעבען די ענגלישע ראַדיקאַלען נייע אַרגומענטען, אַז דלות איז ניט אַ זאַך וואָס דאַרף געלינדערט ווערען דורך פּריוואַטע צדקה און נדבות, נאָר דורך אַ גרינדליכער ענדערונג אין דער געזעלשאַפטליכער געביידע.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע.

ענדליך קריסטאַליזירען זיך די ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע מיינונגען אין 1882 אַרום אַ קליינער גרופּע, די „דעמאָקראַטישע פעדעראַציע", און אין 1884, אַ יאָהר נאָך קאַרל מאַרקס'עס טויט, נעמט די דאָזיגע גרופּע אָן דעם נאָמען „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע", פּראָפּאַגאַנדירט אָפען מאַרקס'עס אידעען, סאָציאַליזם און קלאַסענקאַמף, און פּרופּט זיך איבער'ן לאַנד פאַרצווייגען. דער פיהרער פון דער נייער אָרגאַניזאַציע איז געווען ה. מ. היינדמאַן, אַן ענערגישער קעמפער, אַ שריפט־שטעלער, אַ גוטער רעדנער אָבער אַ מענש וואָס האָט לאַנג קיין פריינדשאַפט ניט געקאָנט אָנהאַלטען, סיידען מען האָט אָנגענומען זיין ממשלה אָהן שום פראַגע אָדער קריטיק.

היינדמאַן'ס קאַמף־מעטאָדען ווערען די מעטאָדען פון דער

---

*) Henry George, *Progress and Poverty.*

פעדעראציע. די לעצטע ציהט צו מענשען מיט געוויסע טעמפּע־ראמענטען, וואָס ווילען, אז די באוועגונג זאָל אזוי געפיהרט ווערען, און טרייבט אָפּ מענשען, וואָס מיינען, אז מיט אזעלכע מעטאָדען קאָן מען אין פאָלק ניט אריינדרינגען. די אינטעלי־גענץ פון יענער צייט קאָן זיך אין א סך הינזיכטען פארגלייכען, עס איז אָבער זעהר שווער צו זאָגען, ווער ס'איז געוועזען העכער פון וועמען אין גייסטיגע מעלות. היינדמאַן, דער פּאָעט וויליאם מאָריס, בערנארד שאָו — יעדער פון זיי איז געוועזען אן אייגענ־ארטיגער דענקער. זיי האָבען אָפט עפענטליך דעבאטירט איבער רעוואָלוציע און עוואָלוציע, סאָציאַליזם און אנארכיזם, פאר און געגען פּאָליטישער אַקציע; יעדער פון זיי איז געוועזען זעהר וויציג, סאַטיריש, בריליאַנט. אָבער די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדע־ראציע פארלאַנגט שטרענגע דיסציפּלין, אונטער וועלכע די אנ־דערע דענקער קאָנען זיך ניט אונטערווארפען. אין ענגלישען פאָלק גילטען ניט אזעלכע מעטאָדען. די אינטעליגענץ איז איינגעוואוינט צו געדאנקען־פרייהייט און טאָלעראַנץ. דערפאר האָט די פעדעראציע דאָס פאָלק ניט דערגרייכט און איז אָלע איהרע יאָהרען געבליבען אויף איין שטאנד.

די סאָציאַליסטען־ליג.

אין די ערשטע יאָהרען ארבייטען די סאָציאַליסטען און אנארכיסטען צוזאמען. די אמת'ע אורזאך דערפאר, באמערקט בערנארד שאָו, איז, „וואָס ניט די ערשטע און ניט די צווייטע האָבען א באשטימטען באגריף צו וואָס זיי שטרעבען, און ווי אזוי עס צו פארווירקליכען". אָט ווי שאָו שילדערט יענע צייטען אויף זיין כאַראַקטעריסטישען אופן: *)

אין 1883 האָבען מיר געוואָלט ניט װעניגער ווי דעם באַלדיגען איבערבוי פון דער געזעלשאַפט לויט די העכסטע מאָראַלישע פּרינציפּען. אין 1884 האָבען מיר דיסקוטירט, צי עס מעג זיין געלד אין אַ סאָציאַ־ליסטישער געזעלשאַפט, אָדער צי עס וואָלט ניט געווען בעסער איינצו־

*) אין אַ רעדע פאַר די מיטגלידער פון דער „פעיביען סאָסייעטי" אין 1892.

פיהרען ארבייטס־קוויטלאך אָנשטאָט געלד. דערנאָך, ווען מרס. ווילסאָן, אונזערע א מיטגליד (א רייכע פרוי), איז אין דער זעלבער צייט געוואָרען איינע פון די הויפּט־מיטגלידער פון די קראָפּאָטקינער אַנאַרכיסטען, האָט זיך דער אנארכיזם ביי אונז פארשפּרייט ווי די אינפלוענצע. שפּעטער, ווען מיר האָבען אַרויסגעגעבען די פּערטע בראָשורע „וואָס הייסט סאָציאַליזם?״ האָבען מיר די בראָשורע צעטיילט אין צוויי טיילען: איין טייל האָט די פראַגע באַהאַנדעלט פון א קאָלעקטיוויסטישען שטאַנדפּונקט און דער צווייטער טייל — פון אַן אַנאַרכיסטישען שטאַנדפּונקט. די גאַנצע אָפּהאַנדלונג האָט ניט געהאַט קיין גרויסען ווערט, מחמת דער באַריהמטער קאָמוניסטישער מאַניפעסט פון מאַרקס און ענגעלס האָט די פראגע פיל בעסער באַהאַנדעלט.

אין 1884 פארלאָזט וויליאם מאָררים די פעדעראציע און גרינדעט די סאָציאַליסטען ליג. אלס א פּאָעט איז מאָררים ניט קיין פּאָליטיקער און אפשר דערפאר איז ער געגען פּאָליטישער אקציע און איז טיילווייז אַנאַרכיסטיש געזאָנען. „פּארעווע סאָציאַליסטען״ פלעגט מען אזעלכע דאַן אָנרופען, און די ליג באַשטעהט פון פּאָליטישע און ניט־פּאָליטישע. אָבער קיין לאַנגען לעבען קאָן זי ניט האָבען. די אַנאַרכיסטישע גרופּע ציהט צו די אנאַרכיסטיש־געזאָנענע און די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאציעס ציהען צו די, וואָס פיהלען די נויטווענדיגקייט פון דעם פּאָליטישען קאַמף פאר דער עראָבערונג פון פּאָליטישער מאַכט.

דאָס ענגלישע פאָלק באזיצט א שאַרפען פּאָליטישען אינסטינקט, הגם, אין וואהל צייט, דאַכט זיך, אז מען איז ניט אזוי שטאַרק פארקאַכט, ווייל מען באנוצט געלאָסענערע מעטאָדען ווי אין אמעריקא. זינט עס איז איינגעפיהרט געוואָרען אַלגעמיינע בילדונג און דאָס ארבייטער פּאָלק האָט זיך אָנגעהויבען באַקענען מיט דער געשיכטע פון לאַנד, איז די פּאָליטיק פאר איהם געוואָרען א קוואַל פון האָפנונג. ער עפענט די אויגען און זעהט, אז עס ליגט אין זיין אייגענעם כח ארויסצוהויבען זיין גאַנצען קלאַס פון זיין שפּל'דיגער מדרגה דורך פּאָליטישע טעטיגקייט. וואָס אינטעליגענטער ער ווערט, אַלץ מעהר קלייבט ער איבער צווישען די קאַנדידאַטען פאר פּאָליטישע עמטער. אפילו א טייל אַנאַרכיסטען באנוצען זיך מיט זייער שטימרעכט.

היינט ווי אזוי זשע האָט די סאָציאַליסטען ליג געקענט עקזיס־טירען?

דאָך האָט וויליאַם מאָררים בייגעטראָגען צו דער סאָציאַ־ליסטישער באוועגונג אויף זיין אייגענער אָרט, ערשטענס, דורך אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל, פּראָלעטאַרישע לידער און אַ שעהנער אוטאָפּיסטישער דערצעהלונג „נייעס פון ערגעץ־ניט״ *); צווייטענס דורך זיין מאַגנעטישער פּערזענליכער ווירקונג אויף דער בורזשואזער אינטעליגענץ. די ליג איז אונטערגעגאנגען. אָבער דער „העמערסמיט׳ער״ סאָציאַליסטישער פאראיין, וואָס פאראנשטאַלטעט לעקציעס און גיט ארויס שריפטען, האָט נאָך עקזיסטירט אַ לענגערע צייט.

דער פאַביאַנער סאָציאַליסטען פאראיין.

ניט קענענדיג אָראָפּשלינגען די מעטאָדען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע, גרינדעט די סאָציאַליסטישע אינ־טעליגענץ די „פעיביען סאָסייעטי״. **) מען קאָן דעם פאראיין כאַראַקטעריזירען אַלס רעוויזיאָניסטיש אָדער עוואָלוציאָניסטיש. ארויסגעקומען איז ער לכתחילה פון אַ גרופּע אידעאַליסטען, וואָס האָט געשטרעבט איבערצובויען די ראַסע דורך דער קולטיווירונג פון יעדענס כאַראַקטער צו פּאָלקאָמענהייט. אין אָנפאַנג האָבען זיינע מיטגלידער ניט קלאָר פאָראויסגעזעהן די גרויסע אויפגאַבען, וואָס דער פאראיין האָט ענדליך דורכגעפיהרט. אָבער אין אַ פּאָר יאָהר אָרום נעמט ער אָן אַ באַשטימטען כאַראַקטער. זיינע מיטגלידער הויבען אָן באַגרייפען, אַז ס׳איז ניט גענוג וואָס זיי אַליין פאַרשטעהען דעם סאָציאַליזם. עס איז זייער פליכט און אויפגאַבע צו שאַפען אַן אויפקלערונגס־צענטער פאַר דער גאַנצער נאַציאָן. ניט נאָר דאַרפען זיי אויפקלערען דאָס

*) William Morris, *News from Nowhere.*

**) פאַביוס איז געווען אַ רוימישער גענעראַל, וואָס האָט באַנוצט טאַקט און פאַרזיכטיגקייט אין מלחמה און האָט דערמיט געוואונען דעם מאַרצוג איבער זיין שונא.

ארבייטער פאלק, נאר אויך די בורזשואזיע. מיר וועלען באלד זעהן, אז זיי האבען אין דעם געהאט דעם גרעסטען ערפאלג וואס א סאציאליסטישער פאראיין קאן זיך ווינשען.

אין דער ערשטער צייט איז דער פאראיין נאר א מין צייט־פארטרייב פאר געוויסע אינטעליגענטען, וואס זיינען פארזארגט מיט לעבענס־מיטלען, האבען לײדיגע צייט און זוכען א וועג ווי צו קומען צום אויסדרוק. א סך פון זיי זיינען קאמפלוסטיג. לאמיר דא ווידער ציטירען דעם פראמינענטסטען פיהרער פון דעם פאראיין, בערנארד שאו:

אין 1885 האבען מיר די קאפיטאליסטען אנגערופען גנבים און בסדר גערעדט וועגען רעוואלוציע און אנארכיזם, גלויבענדיג, אז דערמיט אליין וועט אונז געלינגען צו צוקלאפען די איצטיגע געזעלשאפט און אייג־פיהרען דעם פאלשטענדיגען סאציאליזם. דערמיט האבען מיר געוויזען, אז מיר האבען ניט פארשטאנען די געזעלשאפט און ניט דעם סאציאליזם. אבער באלד האבען מיר אנגעהויבען לאכען פון זיך אליין, און דאס האט אונז געראטעוועט פון די ענטוזיאסטען, וואס לעבען אין טעות מיינענדיג, אז זייערע אייגענע געפיהלען שטעלען מיט זיך פאר פאלקס־באוועגונגען.*)

בלוט און באריקאדען רעדעס.

מיט דעם ווארט „ענטוזיאסטען" מיינט ער די פיהרער פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פעדעראציע, וואס צייכענען זיך דעמאלט אוים מיט „בלוט און באריקאדען" רעדעס. הײנדמאנען, למשל, האט מען פון זיין אריסטאקראטישען קלוב אויסגעשלאסען דערפאר, וואס ער האט אויף א גרויסער פארזאמלונג דערקלערט: „אויב מען וואלט נאר מקריב געווען א רייכען מאן אויף יעדען בעטלער׳ס קבר, וואלט שוין געזארגט געווארען עס זאל קיין הונגער־נויט ניט זיין". א געוויסער סאציאליסט מיט׳ן נאמען טשעמפיאן, האט אויף א גאסענפארזאמלונג פון ארבייטסלאזע דערקלערט, אז אויב דער פארמעגליכער קלאס וואלט געהאט בלויז איין האלז, וואלט ער אפילו א מינוט ניט געקלערט און וואלט

*) שאה׳ס רעדע אויף דעם צוזאמענפאהר פון פאראיין אין 1892.

איהם איבערגעשניטען. עס האָט זיך אויך ארויסגעשטעלט, אז די ס. ד. פעדעראציע האָט גענומען געלט ביי רייכע מיטגלידער פון דער קאָנסערוואטיווער פארטיי אום צו באקעמפען די ליבעראַלע פּארטיי ביי די וואהלען. די אַנדערע סאָציאַליסטישע פאראיינען האָבען גענען די דאָזיגע מעטאָדען פּראָטעסט־רעזאָלוציעס אָנגענומען און ס'איז צוליב דעם אַנטשטאַנען אַ פיינדליכע שטימונג אין די דעמאָלט נאָך קליינע סאָציאַליסטישע רייען. וויכטיגע פּערזאָנען — דזשאָהן בערנס, טאָם מענן און אַנדערע האָבען זיך פון דער פעדעראציע אָפּגעטיילט. אין דעם וועכענטליכען אָרגאַן פון דער פעדעראציע *) האָט מען פון צייט צו צייט שטאַרק אָנגעגריפען פּערזאָנען און גאַנצע אָרגאַניזאַציעס, אפילו די טרייד־יוניאָנס און די אָרימע אידישע איינוואַנדערער פון ווייטשעפּעל. עדוואַרד בערנשטיין שרייבט, אז היינדמאַן און פרידריך ענגעלס האָבען פּשוט איינער מיט דעם אַנדערען ניט גערעדט. **) אין דער פּיאָנערען־צייט, ווען ס'האָט זיך געפאָדערט קאָנסטרוקטיווע ארבייט, ווען מען האָט געדאַרפט בויען און אויפקלערען, האָבען די פּערזענליכע קריטיק־מעטאָדען פון דער ס. ד. פעדעראציע צו דער דאָזיגער ארבייט ווייניג ביי געטראָגען.

אייניגע פיהרער און טוער אין דער „פאַביאַנער געזעלשאפט".

די „פעיביען סאָסייעטי" האָט ניט געשטרעבט צו קיין גרויסער מיטגלידערשאפט, האָט קיינמאָל צו די ארבייטער ניט אַפּעלירט פאַר שטיצע. איהרע צוויי פּראָמינענטסטע פיהרער אין יענע יאָהרען זיינען געווען דזשאָרדזש בערנאַרד שאָו, רעדנער און שריפטשטעלער, און סידני וועבב, פאָרשער און שריפטשטע־לער. אין קיין סאָציאַליסטישען פאראיין האָבען בעאמטע אָדער פיהרער ניט גענומען אירגענד וועלכען לוין פאַר זייער ארבייט. טעטיגע מיטגלידער (ווי עדוואַרד פּיהז, סעקרעטער פון פאביאנער

*) "Justice".

**) Eduard Bernstein, *My Years in Exile.*

פאראיין) פלעגען מיט זעלטענער באשיידענהייט טאָן וויכטיגע אַדמיניסטראַטיווע ארבייט פרייוויליג. שאָו האָט מיט זיינע שריפטען געווירקט אויף דער אינטעליגענץ און די פארמעגליכע קלאַסען. וועבב, מיט זיינע בראָשורען איבער פראַקטישע ענינים און ביליגע אויסגאַבען בכלל, האָט אומגעהויער געווירקט אויף די פאָלקס־מאַסען. שאָו האָט געמאַכט אַ לעבען פון פּובליציסטיק, און ער איז באַלד באריהמט געוואָרען אַלס בריליאַנטענער סאַטי־ריקער און דראַמאַטורג. וועבב און סידני אָליווייער *) האָבען געאַרבייט אַלס „קלוירקס" אין דעם קאָלאָניאַלען מיניסטעריום. וועגען די איבעריגע טוער אין דער „פעביען סאָסייעטי" האָט מען כמעט ניט געהערט. ווי שאָו באַשרייבט די מיטגלידער, זיינען זיי געווען „פערזאָנען פון שטאַרקער אינדיווידואַליטעט און פארשיידענעם טעמפּעראַמענט. קיינער פון זיי איז ניט גע־ווען שטאַרק גענוג זיין ווילען ארויפצוצווינגען אויף די אַנדערע, אָדער שוואַך גענוג צו לאָזען זיך פון אַנדערע באהערשען". אין איהר עקזעקוטיווו האָבען געאַרבייט אויף פאָלגענדע: טאָם מענן, יוניאָן־פיהרער; ה. דזש. וועלס, שריפטשטעלער און היסטאָריקער; מרס. פיליפּ סנאָודען און סוסען לאָהרענס; ה. וו. מעסינגהעם, באַריהמטער רעדאַקטאָר און פּובליציסט; דזשיי רעמזעי מעקדאָנאַלד און אַרטור הענדערסאָן.

די ספּעציעלע אויפקלערונגס־אַרבייט פון דער געזעלשאַפט.

ווי שוין געזאָגט, האָט די „פעיביען סאָסייעטי" געהאַט גרויס ערפאָלג אין איהר אויפקלערונגס־ארבייט. די דאָזיגע ארבייט איז באַשטאַנען מייסטענס אין ארויסגעבען פאָלקס־בראָשורען, וואָס פלעגען זיך פארקויפען פאר צוויי סענט. יעדע בראָשורע איז געווען גרינג און לאָגיש געשריבען און אָנגע־פּיקעוועט מיט פאַקטען. פון יאָהר 1884 ביז יאָהר 1915 האָט

---

*) ביידע זיינען אין מעקדאָנאַלד'ס קאַבינעט. אליוויער איז גע־ווען איינער פון די ערשטע טוער אין דער „פעיביען סאָסייעטי".

דער פאַראיין אַרויסגעגעבן 178 בראָשורען. אָט זיינען אַ פּאָר זעהר כאַראַקטעריסטישע:

„פאַרוואָס זיינען די מאַסען אָרים?“ „וואָס איז דער פּראַקטישער סאָציאַליזם?“ „פאַקטען פאַר סאָציאַליסטען“. „פאַקטען פאַר לאָנדאָנער אייגנוואוינער“. „טרייד יוניאָנס און פּאָליטיק“. „ווי אַזוי צו פאַרלירען אָדער געווינען אַן עלעקשאָן“. „סאָציאַליזם פאַר מאַטראָזען“. „ווי אַזוי ענגלאַנד געהט צום סאָציאַליזם“. „וועלכע ביכער מען דאַרף לעזען“.

יעדע נאַציאָנאַלע אָדער לאָקאַל־פּאָליטישע פראַגע ווערט דערקלערט מיט פאַקטען פון אַן אַרבייטער שטאַנדפּונקט. די לעצטע צוויי בראָשורען פאַרדינען באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. אין דער בראָשורע „ענגלאַנד'ס גאַנג צו דער סאָציאַלער דעמאָקראַטיע“ ווערט דאָס ענגלישע פּאָסט און טעלעגראַף־סיסטעם אונטער שטאַאַטס־פאַרוואַלטונג באַנוצט אַלס שטאַרקער אַרגומענט, אַז דער שטאַאַט קען סאָציאַליסטיש פאַרוואַלטען אַנדערע גרויסע אינדוסטריעס. ווי באַוואוסט, באַלאַנגט דאָס גאַנצע סיסטעם פון דער פּאָסט, טעלעגראַפען און טעלעפאָנען צו דער רעגירונג, וואָס ציהט דערפון אַן אומגעהויער גרויסען יעהרליכען פּראָפיט. ווען מען דערמאָנט זיך, אַז לאָנדאָן איז פאַקטיש דער צענטער פון דער וועלט אין פּאָסט הינזיכטען, קען מען זיך פאָרשטעלען ווי ריזיג פאַרצווייגט די דאָזיגע אונטערנעמונג פון אַלגעמיינעם נוצען מוז זיין. אַלע אייראָפּעאישע לענדער האָבען תמיד באַוואונדערט די פּינקטליכקייט, ראַיעלקייט און שנעלקייט, מיט וועלכער דאָס סיסטעם אַרבייט. הייגט, אויב די רעגירונג קען מיט אַזאַ פאָלקאָמענהייט פאַרוואַלטען אַזאַ ריזיגע נאַציאָנאַלע אונטערנעמונג פאַר דער טובה פון גאַנצען פאָלק, איז דאָך ניטאָ קיין שום גרונט, פאַרוואָס זי זאָל ניט קענען אַלע אינדוסטריען פאַרוואַלטען מיט דער הילף און מיטווירקונג פון די אַרבייטער און אָנגעשטעלטע. דאָס פּאָסט־סיסטעם אין ענגלאַנד איז אַ פּאָרעדע צום סאָציאַליזם. עס פעהלט בלויז אַ גרויסע מאַיאָריטעט, וואָס זאָל דערקלערען, אַז

אלע אינדוסטריעס פון לאנד קענען און דארפען אויף אן עהנליכען אופן פארוואלטעט ווערען.

בנוגע דער בראשורע „וועלכע ביכער מען דארף לעזען", איז וויכטיג אנצואווייזען, אז נים נאר האט די „פעיביען סאסייעטי" אליין, אויף אייגענע הוצאות, ארויסגעגעבען אויפ־קלערונגס־ליטעראטור. זי האט אויך סיסטעמאטיש אנגעצייגט וועלכע ביכער מען דארף לעזען אום צו ווערען אמת אויפגע־קלערט. אין דער בראשורע ווערט אנגעגעבען א צעטעל פון 574 ביכער איבער די אלטע און מאדערנע ציוויליזאציעס, פאליטיק, פאליטישע עקאנאמיע, מאראל, פילאזאפיע, יוריס־פרודענץ, סאציאליזם, ביאגראפיע, די ארבייטער־באוועגונג א. אז. וו.

ווייטער. כאראקטעריסטיש פאר דער „פעיביען סאסייעטי" איז, וואס זי רעקאמענדירט ביכער פאר און געגען אן ענין. דהיינו: 17 ביכער פאר סאציאליזם; 9 ביכער וואס זיינען אומ־פארטייאיש אדער באטראכטען קריטיש דעם סאציאליזם; 20 ביכער וואס ערקלערען אדער פאפולאריזירען דעם סאציאליזם; 8 ביכער געגען דעם סאציאליזם; 10 ביכער איבער אוטאפיעס; 12 ביכער איבער דעם קריסטליכען סאציאליזם; 14 ביכער איבער אנארכיזם. און דער מאן וואס האט זיך פאראנטווארטליך געמאכט פאר דער אויפקלערונגס־ארבייט פון דעם דאזיגען סאציאליסטען פאראיין, דער מאן וואס האט געארבייט אהן געהאלט, האט קיינמאל קיין פערזענליכע רעקלאמעס נים געזוכט, האט מיט קיינעם קיין פערזענליכע פאלעמיק נים געפיהרט, נאר צוזאמען מיט זיין פרוי אלע יאהרען געזעסען „על התורה ועל העבודה", געגריבעלט זיך אין אלע דאקומענטען און ביכער פאר דער סאציאליסטישער זאך, פאר דער אויפקלערונג פון די פאלקס־מאסען אין ענגלאנד — דער דאזיגער מאן איז דער באוואוסטער סידני וועבב.

וואו האט בערנשטיין געלערנט דעם רעוויזיאניזם?

עדוואַרד בערנשטיין איז געווען דער פיאנער פון דעם רעוויזיאניזם, וואס איז אן ענדערונג אדער אפווייכונג פון



סידני וועב

פובליציסט און היסטאָריקער פון דעם טרייד יוניאָניזם אין ענג־לאַנד. אין זיינע ידיעות וועגן פּאָליטישע ענינים און לאָקאַלע רעגירונגס־אַנגעלעגענהייטען האָט ער פּאַקטיש צו זיך קיין גלייכען ניט. ער איז שוין יאָהרען לאַנג אַ פאָלקס־פאַרטרעטער אין שטאָט־ראַט פון לאָנדאָן. אַן אויסגעהאַלטענער סאָציאַליסט.

מאַרקס'עס אידעען וועגען דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם און וועגען דעם קלאַסענקאַמף. אַזוי ווי בערנשטיין האָט געוואוינט אין לאָנדאָן פאַר דער צייט וואָס די „פעביען סאָסייעטי" איז געווען זעהר אַקטיוו, איז די פראַגע: האָט ניט בערנשטיין אָנגעהויבען זיינע רעוויזיאָניסטישע באָאָבאַכטונגען אין דער סביבה און אונטער דעם איינפלוס פון דער „פעביען סאָסייעטי"? בערנשטיין איז געווען אין לאָנדאָן דער אָפיציעלער פאַרטרעטער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אָבער אין יענער צייט איז די ס. ד. פעדעראַציע ניט געווען גוט אויפגעטראָגען מיט דער דייטשער פּאַרטיי. ניט האָבענדיג קיין דירעקטע באַריהרונג מיט דער פעדעראַציע, פלעגט בערנשטיין צונויפקומען זיך גראַד מיט איהרע געגנער — פרידריך ענגעלס, עלעאָנאָראַ מאַרקס און איהר מאַן, דזשאָהן בערנס און אַנדערע, וואָס האָבען דער „פעביען סאָסייעטי" פיל מעהר קרעדיט געגעבען פאַר איהר סאָציאַליסטישען אויפטו, איידער דער פעדעראַציע.

די „פעביען סאָסייעטי" האָט ניט געהאַלטען פון קאַרל מאַרקס'עס „מעהר־ווערט" טעאָריע. צום לאָנדאָנער אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען און טרייד־יוניאָן קאָנגרעס אין 1896 האָט די „פעביען סאָסייעטי" צוגעשטעלט אַ באַריכט, וואו געוויסע סאָציאַליסטישע פראַזען און טעאָריעס ווערען שטאַרק קריטיקירט. למשל, סאָציאַליסטען גלויבען, זאָגט זיך אין דעם באַריכט, אַז אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועלען שכירות אָפּגעשאַפט ווערען און יעדער אַרבייטער וועט קריגען אַלערליי פּראָדוקטען לויט זיין געברויך. דאָס ווערט כאַראַקטעריזירט אַלס דער העכסטער אומזין. אין אַ סאָציאַליסטישען שטאַאַט, באַהויפּטעט דער באַריכט, וועט מען מוזען צאָהלען שכירות פונקט ווי אין היינטיגען שטאַאַט, לויט דעם אַרבייטער'ס פאַרדינסטען, און ס'איז צייט, אַז סאָציאַליסטען זאָלען אויפהערען באַנוצען פראַזען וואָס האָבען קיין פּראַקטישען זין ניט.

האט זיך פאנאנדערגעוואקסען, אלץ מעהר רעוויזיאניסטיש איז זי געווארען. ווען מעקדאנאלד האט לעצטענס דערקלערט, אז די דאגמע פון קלאסענקאמף איז ביי איהם ניט אזוי הייליג, זיינען סענזאציאנעלע צייטונגס־שרייבער כמעט ארוים פון די כלים. אבער מעקדאנאלד האט דערין קיינמאל ניט געגלויבט און איז דאך א גוטער סאציאליסט פארבליבען. ער האט א סך געלערנט פון בערנשטיינ'ען און בערנשטיין האט א סך געלערנט פון דער „פעיביען סאסייעטי". א מעכטיגע סאציאליסטישע באוועגונג איז אנטשטאנען אין ענגלאנד דאן, ווען די לעהרער און שרייבער האבען זיך אויפגעהערט שפילען אין אזעלכע פראזען און דאגמעס, ווי „מעהר־ווערט" און „קלאסענקאמף" און האבען אנגעהויבען ארגאניזירען די כחות פאר פראקטישע פאליטישע ארבייט.

די „קלאריאן" גרופע.

עס טאר דא ניט אויסגעלאזען ווערען א וויכטיגער עלעמענט — די „קלאריאן" געזעלשאפט — וואס האט געהאלפען פארשפרייטען דעם סאציאליזם אין ענגלאנד, באזונדערס אין די פראווינצען, אויף אן אייגענארטיגען בריטישען אופן, דורך אונטערהאלטונגס־פאראיינען, דורך קלובען פון יונגע מענער און פרויען, דורך לעזע־צימערען און אויספאהרען זומער־צייט. דער גייסטיגער פיהרער פון דער דאזיגער גרופע איז געווען ראבערט בלעטשפארד, ניט קיין רעדנער און אגיטאטאר, אבער א געניאלער זשורנאליסט. זיין באריהמט ביכעל איבער סאציאליזם,*) וואס איז אדרעסירט צו די מאסען און פאראייניגט סענטימענט מיט אומבאשטרייטבארער לאגיק, האט זיך געדרוקט אין עטלאכע אויסגאבען. אין ענגלאנד גופא האט די צירקולאציע אין א קורצער צייט דערגרייכט 600 טויזענט עקזעמפלארען. אט איז א ווערטערליכע איבערזעצונג פון די ערשטע צוויי פאראגראפען:

„מיין ליבער מר. סמיט, עס טוט מיר לייד צו הערען, אז איהר

*) Robert Blatchford, *Merrie England*.

קוקט אויף דעם סאָציאַליזם ווי אויף א געמיינע, אומזיניגע זאך און אויף סאָציאַליסטען ווי אויף שלעכטע אָדער נארישע מענשען.

יעדענפאלס, אזוי ווי איהר האָט פאָרט גוטען מאטעריאל אין זיך און זענט צאָהלרייך, מיין איך דאָ מיט אייך דעם פונקט צו ארגומענ־טירען."

און בלעטשפאָרד ארגומענטירט ניט איבער דער מעהרוועדט טעאָריע אָדער קלאסענקאמף, נאָר וועגען די פאקטען פון לעבען. דאָס ביכעל לייענט זיך כמעט ווי א ראָמאַן, און ווען מען האָט דאָס אויפמערקזאם איבערגעלעזען, באגרייפט מען די באדייטונג פון דעם פראקטישען סאָציאַליזם און מען פיהלט, אז מען דאַרף העלפען דעם אידעאל פארווירקליכען.

דורך אָט דעם ביכעל און בלעטשפאָרד'ס וועכענטליכע צייטונג, „דהי קלאַריאָן", ווערען צעהנדליגער טויזענדער מענשען איבערצייגטע סאָציאַליסטען און טרעטען שפעטער אריין אין דער „אינדעפענדענט לייבאָר פארטי". די „קלאַריאָן", מיט איהר אייגענארטיגען סטיל און גאנצען צוזאמענשטעל, איז געוועזן א נייעס אין דער בריטישער זשורנאַליסטיק, יעדענפאלס פאר דעם ארבייטער־פאָלק. סעריעז, קאָמיש, סאטיריש, בעלעטריסטיש, פילאָזאָפיש, אָבער אַלעמאָל שטארק רעאַליסטיש — דאָס זיינען געוועזן איהרע מעלות, און די צייטונג איז באַלד געוואָרען דער היים־אָרגאַן פון דעם אינטעליגענטען ארבייטער קלאַס. די ערנסטערע וועכענטליכע סאָציאַליסטישע און ארבייטער זשור־נאַלען האָבען דעמאָלט געקעמפט פאר זייער עקזיסטענץ מיט א צירקולאַציע פון פינף ביז צעהן טויזענט, אָבער די „קלאַריאָן" האָט דערגרייכט א צירקולאַציע פון 56 טויזענט. זי האָט דעם סאָציאַליזם ניט דירעקט פּראָפּאַגאַנדירט, איז ניט געוועזן דער אָרגאַן פון וועלכער ס'איז גרופּע אָדער פארטיי. אין דעם איז באַשטאַנען איהר כח און איינפלוס.

ווי אַזוי די „קלאַריאָן" איז אַנטשטאַנען איז אַן אינטערע־סאַנטער אינצידענט, וואָס פארדינט פארצייכענט צו ווערען.

ראָבערט בלעטשפאָרד האָט געדינט אין דער אַרמיי, אָבער דאָס לעבען אין קאַזאַרמע האָט זיך איהם צוגעגעסען. רעזיגנירט

ער און ווערט אַן ארבייטער אין אַ מאַגאַזין פון סחורה. האָבענדיג אַ גלענצענדע פעדער, הויבט ער אָן שרייבען אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענציעס אין אַ זונטאַג־צייטונג אין מאַנטשעסטער.*) די קאָרעספּאָנדענציעס ציהען פיל אויפמערקזאַמקייט און בלעטשפאָרד ווערט אַ רעגעלמעסיגער מיטארבייטער. גראָד דאַן פאַלט בלעטשפאָרד אונטער דעם איינפלוס פון די פעביאַנער בראָשורען און הויבט אָן שרייבען סאָציאַליסטישע אַרטיקלען. די זונטאַג צייטונג וואַקסט אין צירקולאַציע, אָבער דער אייגענטימער איז ניט צופרידען מיט די סאָציאַליסטישע אַר־טיקלען. בלעטשפאָרד רעזיגנירט, אָבער ער נעהמט מיט זיך די בעסטע און אנערקענטסטע שרייבער פון שטאַב און גרינדעט די „קלאַריאָן“. דער אָריגינעלער, זשורנאַליסטישער עפעקט פון דער „קלאַריאָן“ באַקומט זיך דערפון, וואָס הגם בלעטשפאָרד איז באַוואוסט אַלס דער רעדאַקטאָר, איז יעדער שרייבער פאַקטיש דער רעדאַקטאָר פאַר זיין אָפּטיילונג, און אַלע ארבייטען אין הארמאָנישער קאָאָפּעראַציע.

אין שפּעטערע יאָהרען פאַרלירט בלעטשפאָרד זיין אויסגע־האַלטענקייט און ווערט אַ שטאַרקער מיליטאַריסט. זאָנדערבאַר איז דער פאַקט, וואָס בלעטשפאָרד און היינדמאַן, צוויי עקס־טרעמען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווערען ביידע פאַר־ביסענע מיליטאַריסטען און פיהרען אַ שטאַרקע שריפטליכע פּראָפּאַגאַנדע געגען דייטשלאַנד, נאָך מיט יאָהרען פאַר דעם קריג.

---

*) The Sunday Chronicle.

3. די גרינדונג און דער פּראָגרעס פון דער „אינ־דעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי".

„עס מוז געשעהן!"—זאָגט קיר האַרדי.—קיר האַרדי און מעקדאָנאַלד.— די ווירקונג פון פּאַריזער קאָנגרעס אין 1889. — איין פליגעל ברענגט דעם זומער. — די „אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי" געגרינדעט. — רעמזיי מעקדאָנאַלד ווערט א מיטגליד. — די ווירקונג פון דעם לאָנדאָנער אינ־טערנאציאָנאַלען קאָנגרעס אין 1896. — ווילהעלם ליבקנעכט'ס זיבעציג־סטער געבורטסטאָג. — דער לעצטער קאמף צווישען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און אַנאַרכיסטען.

צוליב דער פריהער באַשריבענער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע איז שוין אין יאָהר 1890 געווען אַ באַדייטענדע מאַסע אויפגעקלערטע אַרבייטער און אינטעליגענטען, גאַנצע, האַלבע און פערטעל סאָציאַליסטען, וועלכע מען האָט געקענט אָרגאַני־זירען פאַר פּאָליטישע און אַנדערע צוועקען. אויף הונדערטער פּלאַטפאָרמעס אין אַלע אינדוסטריעלע צענטערס האָט מען דע־באַטירט און געהאַלטען לעקציעס. צעהנדליגער טויזענטער בראָ־שורען זיינען פאַרשפּרייט און געלעזען געוואָרען. אָבער ווי אַזוי צו קריסטאַליזירען די מיינונגען, אַריינטראָגען אָרדנונג אין דעם בבל פון לשונות, ברענגען אין האַרמאָניע די טרייד־יוניאָנס מיט די הונדערט־פּראָצענטיגע סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען, די סאָציאַליסטיש־גענייגטע אַרבייטער מיט די ליבעראַלע און קאָנ־סערוואַטיווע וועהלער, וואָס וואָלטען גערן געשטימט פאַר אַרביי־טער־קאַנדידאַטען אונטער געוויסע אומשטענדען, — אָט דאָס איז געווען די גרויסע אויפגאַבע פון יענער צייט.

און די דאָזיגע אַרבייט האָט אָנגעהויבען און צום גרעסטען טייל דורכגעפיהרט אַן אינטעליגענטער, אָבער פּראָסטער, אָרי־מער אַרבייטער, אַ שאָטלענדער, וואָס האָט אַלס צעהן־יאָהריגער

אינגעל אָנגעהויבען ארבייטען אין די קוילען־מינען, דער אומ־שטערבליכער קיר הארדי, דער פאָטער פון דער היינטיגער ארביי־טער פארטיי און ביז דעם יאָהר 1911 איהר פיהרער אין פאר־לאַמענט. קיר הארדי'ן קומט דער גאַנצער קרעדיט. אָהן איהם וואָלט אפשר נאָך היינט קיין ארבייטער פארטיי ניט געווען. ער האָט זיך פשוט פאַר דער אידעע אויפגעאָפפערט. אי אין די מאסען, אי דורך זיין אויסגעהאלטענע ווירקונג אין פארלאַמענט האָט ער באוויזען די פּראַקטישקייט פון אן ארבייטער פארטיי אין א צייט ווען די דאָזיגע אידעע האָט געהאַט זעהר ווייניג פריינד. באוואוסטע סאָציאַליסטען זיינען געווען די גרעסטע געגנער פון דעם געדאנק.

„עס מוז געשעהן!" — זאָגט קיר האַרדי.

רעמזיי מעקדאָנאַלד שילדערט די דאַמאָלסדיגע לאגע אין עטליכע ווערטער, אין זיין איינלייטונג צו קיר הארדי'ס ביאָגראַ־פיע:

„כדי צו מאַכען זיך א באַגריף וועגען דער נשמה־מאַטערניש, וואָס די פּיאָנערען פון דער אַרבייטער־פּאַרטיי זיינען אויסגעשטאַנען, דאַרף מען זיך פאָרשטעלען די ליידען פון די, וואָס פּרוּווען זיך א וועג דורכהאַקען אין א געדיכטען וואַלד פון דערנער, וואו די ערד איז אין דערזעלבער צייט באַדעקט מיט א טיפען שנעע".

אזוי שטאַרק איז געווען די אָפּאָזיציע, אין יאָהר 1893, ביי דער קאָנפערענץ אין בּרעדפאָרד, מצד די יוניאָן פיהרער פון איין זייט און די סאָציאַליסטען פון דער אַנדערער זייט, אז מענשען מיט ווייניג געדולד און שוואַכען ווילען וואָלטען באַלד געוואָרען פארצווייפעלט. אָבער פאַר דעם געלאַסענעם, גוט־מוטיגען קיר־הארדי איז דאָס געווען א רעליגיע. דער געדאַנק האָט איהם תמיד באַלעבט. „עס מוז געשעהן!" האָט ער ביי זיך באַשלאָ־סען. די אָפּאָזיציע האָט זיין מוט און אנטשלאָסענהייט נאָך מעהר געשטאַרקט.

נאָך אין יאָהר 1887 האָט הארדי די פראַגע צו דער פּראָבע געשטעלט. ער איז שוין דעמאָלט געווען דער סעקרעטאַר־אָרגאַ־

קיר האַרדי

אַט אַזוי האָט קיר הארדי אויסגעזעהן בעת ער איז ערוועהלט געווארען פאר פארלאמענט אין יאָהר 1892. אין אַט דעם פראָלעטאַרישער אַנצוג איז ער ערשינען אין „האוז אָוו קאָמאָנס” צווישען די אריסטאָקראטיש־געקליידעטע מיטגלידער, און האָט דערמיט געבראָכען די מאָדע פון די שווארצע פראַקען, הויכע צילינדער־הוטען און ברייט־אנטפלעקטע, ווייס־געפרעסטע העמ־דער. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 36 יאָהר. צו 22 יאָהר איז ער ערוועהלט געווארען סעקרעטער פון א לאָקאַלער מיינערס יוניאָן.

גיזאַטאָר פון דער שאָטלענדישער קוילענגרעבער פעדעראַציע און דער רעדאַקטאָר פון איהר אָפיציעלער וואָכענשריפט. ער איז געווען שטאַרק אומצופרידען מיט דער ליבעראַלער פּאַרטיי, הגם ער איז אין איהר געווען אַ מיטגליד. יענעם יאָהר, אויף אַ גרויסער קוילען־גרעבער דעמאָנסטראַציע אין שאָטלאַנד, פיהרט ער דורך אַ רעזאָלוציע וואָס לויטעט: „עס איז שוין צייט צו גרינדען אַן ארבייטער־פּאַרטיי אין פּאַרלאַמענט". די קוילענגרעבער פּאַרפליכטען זיך צו ערוועהלען איינעם אָדער צוויי דירעקטע פּאַרטרעטער, און אין אַ קורצער צייט שטעלען זיי האַרדי׳ן ארויס פאַר זייער קאַנדידאַט. אין קאַמפּיין צייט רעדט ער וועגען אַן אכט־שטונדען טאָג, וועגען אָפּשאַפען דעם אָפּצאָהל צו די לאַנד־אייגענטימער פון די מינען, וועגען אַ געזעץ פאַר שאָדענערזאַץ צו די קוילענגרעבער, וועגען אַ געריכט צו באַשטימען אַ יושרדיגען ארבייטס־לוין, און וועגען דעם, אַז ארבייטער מוזען ארויסשטעלען אייגענע קאַנדידאַטען. דאָס וואָרט „סאָציאַליזם" ווערט ניט דערמאָנט.

קיר האַרדי און מעקדאָנאַלד.

די ליבעראַלע פּאָליטיקער זיינען נאַטירליך געווען שטאַרק געגען אומאָפּהענגיגע ארבייטער־קאַנדידאַטען, אָבער האַרדי אין זיינע רעדעס האָט זיי צו דער וואַנט צוגעדריקט מיט אַ אַזעלכע אַרגומענטען: „די ליבעראַלען זאָגען, אַז זיי זיינען די אמת׳ע ארבייטער פריינט. אויב זיי מיינען דאָס פון גאַנצען האַרצען, דאַרפען זיי דאָך ניט זיין געגען ארבייטער קאַנדידאַטען. אָבער זייער געגנערשאַפט באַווייזט, אַז זיי מיינען ניט אין האַרץ וואָס זיי ריידען מיט׳ן מויל". נאָך ניט זייענדיג קיין אויסגעשפּראָכענער סאָציאַליסט רעדט שוין האַרדי דעמאָלט אינסטינקטיוו ארויס דעם מאַרקסיסטישען פּאָליטישען געדאַנק: „איך בין אַנטשלאָסען, אַז די פּאַרלאַנגען און וואונשען פון דעם ארבייטער קלאַס זאָלען אין פּאַרלאַמענט באַוואוסט ווערען און מען זאָל זיי אויפמערקזאַמקייט שענקען".

זיין פאָליטישע טעטיגקייט אין שאָטלאַנד לאָזט זיך הערען איבער'ן לאַנד, און ווען ער לויפט אין יאָהר 1888 פאר פארלאַמענט, קריגט ער שוין די שטיצע פון א ברייטערען עולם. די לאָקאַלע צייטונגען האַלטען איהם פאר דעם בעסטען קאַנדידאַט. די פּראָגרעסיווע לאַנדאָנער צייטונג „דהי סטאַר" לויבט איהם ביז אין הימעל. דאַן הערט ער דעם ערשטען מאָל פון רעמזיי מעקדאָנאַלד, וועלכער איז דעמאָלט געווען א פּראָגרעסיווער ליבעראַל און דער סעקרעטאַר פון א פאַראיין פאר זעלבסט־רעגירונג אין שאָטלאַנד. דער דאָזיגער פאַראיין, דורך זיינע קאָמיטעטען אין עדינבורג און אין לאָנדאָן, אינדאָרסירט האַרדי'ס קאַנדידאַטור דורך א הארציגע באַגריסונגס רעזאָלוציע. אינאיינעם מיט דער רעזאָלוציע שיקט איהם מעקדאָנאַלד א בריף, אין וועלכען מיר לייענען פאָלגענדע ווערטער: „די פינסטערע כחות, פּאַרטייליכע דראָטען־ציהער און אַנדערע פּאָליטישע נאָכשלעפּער, האָבען זיך געגען אונז פאַראייניגט. אָבער, מעג זיין וואָס עס וויל — ציהט ניט צוריק אייער קאַנדידאַטור... אייער דורכפאַל וועט שאָטלאַנד אויפוועקען און אייער זיג וועט ברענגען צום איבערבוי פון דעם ליבעראַליזם אין שאָטלאַנד".

א גרעפין, „ליידי פלאָרענס דיקסי", שרייבט איהם דאַן: „אויב די קוילענגרעבער וועלען אייך ערוועהלען, וועלען זיי ווענינגסטענס האָבען א פאַרטרעטער, וואָס וועט ניט זיין דער שקלאַף פון א פּאַרטיי און וועט, אָהן מורא, רעדען פאר שאָטלאַנד און איהרע פאָלקס אינטערעסען".

די ליבעראַלע פּאָליטיקער פּרואווען איהם אָפּקויפען מיט א צוזאָג ארויסצושטעלען איהם פאר זייער קאַנדידאַט ביי די אַלגעמיינע וואַהלען און ווילען איהם פאַרזיכערען מיט א געהאַלט פון 300 פונט א יאָהר (וואָס איז דעמאָלט געווען א פאַרמעגען). אָבער האַרדי ערקלערט מיט שטאָלץ, אז דער אָנבאָט איז א באַליידיגונג. ער ווערט פון זיי ביטער באַקעמפט און ציהט בלויז 617 שטימען. דער ליבעראַל ווערט ערוועהלט. אָבער די אַנטשלאָסענהייט פון קיר האַרדי און זיין קליינער צאָהל חברים ווערט

נאָך פעסטער. א פּאָר מאָנאַטען שפּעטער ווערט געגרינדעט די שאָטלענדישע ארבייטער־פּאַרטיי און פאר א פּאָר יאָהר צייט געהט הארדי'ס איינפלוס ניט ווייטער ווי שאָטלאַנד.

די ווירקונג פון פּאַריזער קאָנגרעס אין 1889.

אין א פריגען קאַפּיטעל איז שוין אָנגעצייגט געוואָרען דער איינפלוס פון דייטשלאַנד אויף דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ענגלאַנד. אָבער דאָס איז געווען ניט קיין דירעקטער איינפלוס. א דירעקטען איינפלוס אויף אַלע לענדער און אויף ענגלאַנד בפרט האָט געהאט דער סאָציאַליסטישער און טרייד־יוניאָן קאָנגרעס וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין פּאַריז אין יאָהר 1889. פופצעהן יאָהר צייט האָט אָנגעהאַלטען די רעאַקציע נאָך דעם פראַנצויזיש־דייטשען קריג. לאַנג האָט געהערשט די פּאַרצווייפלונג נאָך דעם פאַל פון דער פּאַריזער קאָמונע און די אויפלעזונג פון דעם ערשטען אינטערנאַציאָנאַל. פאר דער גאַנצער צייט האָבען די ארבייטער פון אַלע לענדער קיין פאַרבינדונג ניט געהאט. אין פּאַריז איז דערשטיקט געוואָרען די קאָמונע און עס זיינען אונטערגעגאַנגען די ערשטע סאָציאַליסטישע האָפנונגען; און גראָד אין פּאַריז האָט דער נייער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל ווידער אויפגעלעבט מיט נייע האָפנונגען און א פעסטערען באָדען אונטער זיך.

דער פּאַריזער קאָנגרעס גיסט אריין א נייעם לעבען אין דער ארבייטער באַוועגונג. דער באַשלוס צו אַגיטירען פאר אן אכט שטונדען טאָג, די באַשטימונג פון דעם ערשטען מאי אַלס דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער יום טוב, — דאָס זיינען אַלץ די פּרוכט פון יענעם קאָנגרעס. די שאָטלענדישע ארבייטער פּאַרטיי איז געווען פאַרטראָטען דורך קיר הארדי און קאָנינגהעם גרעהעם. דאָ האָט קיר הארדי צום ערשטען מאָל געלערנט די באַדייטונג פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם און באַקומען פרישען מוט און באַגייסטערונג פאר זיין חלום פון אן ארבייטער פּאַרטיי. אפילו דער קאָנסערוואַטיווער טרייד יוניאָן קאָנגרעס איז געווען אויף דעם פּאַריזער קאָנגרעס פאַרטראָטען. דאָ האָבען פיגורירט

היינדמאַן, וויליאַם מאָררים, דזשאָהן בערנס און אַנדערע בריטישע סאָציאַליסטישע פיהרער און די באַריהמטע פיהרער פון אַנדערע לענדער. דאָ איז די אידישע אַרבייטער באוועגונג פון לאָנדאָן געוועזן צום ערשטען מאָל פאָרטראָטען דורך דעם פאַרשטאָרבענעם פיליפּ קראַנץ, און די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון אַמעריקא דורך לואי מילער.

איין פויגעל ברענגט דעם זומער.

דריי יאָהר שפּעטער (1892) ווערט האַרדי ערוועהלט פאַר־לאַמענטס־מיטגליד פאַר „סאַוט־וועסט האַם", אַן ארבייטער געגענד אין לאָנדאָן, הגם עס איז דאָרט לחלוטין קיין פּאָליטישע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע ניט געווען. אַ צווייטער אַרבייטער־פאָרטרעטער איז געווען דזשאָהן בערנס, אָבער אין פּאַרלאַמענט זיינען די צוויי פּיאָנערען ניט געגאַנגען האַנד אין האַנד, ווייל בערנס, הגם אַ סאָציאַליסט, איז ערוועהלט געוואָרען מיט דער שטיצע פון ליבעראַלען און איז פון זיי געווען אפּהענגיג. אָבער קיר האַרדי איז ערוועהלט געוואָרען אַלס אָפּענער געגנער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי. ער האָט דעם ליבעראַלען קאַנדידאַט ארויסגעשטופּט. קיר האַרדי איז אַלזאָ געווען ווי איין פויגעל, וואָס ברייננגט דעם זומער. ער האָט מיט זיין פּערזענליכען ביישפּיל באוויזען, אַז אַן אומאָפּהענגיגע ארבייטער פּארטיי קאָן נעגרינדעט ווערען און האָבען ערפאָלג.

אַנדרו קאַרנעגי, דער אַמעריקאַנער מיליאָנער, אָבער אַ גע־בוירענער און אַ גוטס־באַזיצער אין שאָטלאַנד, און וועלכער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ ליבעראַל אין דער ענגלישער פּאָליטיק, האָט אָנגעבאָטען פינאַנציעלע שטיצע פאַר האַרדי'ס הוצאות אין די וואַהלען. האַרדי האָט אָבער אויף דעם געענטפערט, אַז אַלס אַרבייטער־קאַנדידאַט וועט ער זיין נשמה מיט קאַפּיטאַליסטישען געלד ניט באַפלעקען. אגב האָט פּונקט יענעם יאָהר געפלאַקערט דער בלוטיגער קאַמף אין האָמסטעד צווישען קאַרנעגי'ס שטאָל־אַרבייטער און די פינקערטאָנס. אפשר האָט קאַרנעגי אויף אַזאַ

אופן געוואָלט זיין אַמעריקאַנער שאַנד פאַרדעקען פאַר דער עפענטליכער מיינונג אין ענגלאַנד.

די „אינדעפענדענט לייבאָר פּאַרטיי" געגרינדעט.

די נייעס פון קיר האַרדי'ס ערפאָלג און זיין רעוואָלוציאָנערע שטעלונג אין פּאַרלאַמענט פאַרשפּרייט זיך מיט בליץ־שנעלקייט אין די פאַבריק־דיסטריקטען אין ענגלאַנד, און עס גרינדען זיך לאָקאַלע גרופּעס מיט דעם צוועק צו ערוויילען ארבייטער־קאַנדידאַטען, וואָס זאָלען אין פּאַרלאַמענט נעמען אַן אייגענע שטעלונג, אָפּגעזונדערט פוןביידע אַלטע פּאַרטייען. די פּאַסירונגען פון די לעצטע פאַר יאָהר ווירקען באַזונדערס אויף דעם טרייד־יוניאָן קאָנגרעס, וואָס האָט אויף זיינע יעהרליכע זיצונגען שוין דאָס פערטע מאָל אָנגענומען אַ רעזאָלוציע פאַר אַן ארבייטער פּאַרטיי. ענדליך האָט די שעה געשלאָגען. דעם 13טען און 14טען יאַנואַר, 1893, קומען צונויף 121 דעלעגאַטען פון ענגלאַנד און שאָטלאַנד אויף אַ צוזאַמענפאָהר אין ברעדפאָרד. די דעלעגאַטען פאַרטרעטען סאָציאַליסטישע פּאַראיינען, טרייד־יוניאָנס, די „פעביען סאָסייעטי", ראַדיקאַלע קלובען און קאָאָפּעראַטיווען. קיר האַרדי ווערט ערוויילט פאָרזיצענדער און די „אינדעפענדענט לייבאָר פּאַרטיי" ווערט געגרינדעט.

די פאַרזאַמלונג איז געווען האַרמאָניש, הגם ניט איינשטימיג. דער פאָרשלאַג, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך רופען „סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי" האָט געהאַט ניט מעהר ווי איינינגע שטימען. יעדענפאַלס ווערט אָנגענומען אַ סאָציאַליסטישע פּרינציפּען־ערקלערונג, אַז די פּאַרטיי שטרעבט צו דער אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־איינענטום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, אין אינדוסטריעלען פאַרקעהר און אין אויסטויש פון סחורות. פאַר אַ צייט זיינען צווישען די טעטיגסטע מיטגלידער געווען בערנאַרד שאָו, ראָבערט בלעטשפאָרד, ראָבערט סמיללי, בען טילעט און אַנדערע באַוואוסטע פיהרער. אַ פּאָר פון די גרינדער פאַלען שפּעטער אָפּ און ווערען געגנער, אָבער די פּאַרטיי וואַקסט אין איינפלוס, הגם ניט אין צאָהל. איהר מיטגלידערשאַפט ביז 1914 האָט ניט

דערגרייכט מעהר ווי 22 טויזענט. א יאָהר שפּעטער האָט זי שוין 280 אָנגעשלאָסענע פאַראיינען, און דער באַריהמטער יוניאָן־פיהרער, טאָם מענן, ווערט איהר סעקרעטער.

רעמזיי מעקדאָנאַלד ווערט א מיטגליד.

ביז דעם יאָהר 1894 איז רעמזיי מעקדאָנאַלד געווען א ליבעראַל, הגם ער האָט סימפּאַטיזירט מיט ארבייטער־אידעאַלען. ווי טויזענטער אנדערע, האָט ער נאָך אַלץ געמיינט, אז די נייע ארבייטער פּארטיי וועט קאָנען געהן האנט אין האנט מיט דער ליבעראַלער פּארטיי. אָבער די פיינדליכע שטעלונג פון די ליבעראַלע פּאָליטיקער האָט איהם ענדליך איבערצייגט אין דער אוממעגליכקייט דערפון. אין א בריעף צו הארדי'ן שרייבט ער, אז אויב מען וועט איהם אריינגעמען פאר א מיטגליד אין דער א. ל. פּ. (אינדעפּענדענט לייבאָר פּארטי), וועט ער זיין גאַנצע צייט אָפּגעבען פאר אַקטיווע ארבייט אין דער דאָזיגער פּארטיי. הארדי האָט מעקדאָנאַלד'ען נאכהער באצייכענט אַלס דאָס גרעסטע גייסטיגע געווינס פאר דער פּארטיי. סוף יאָהר 1894 שליסט זיך אָן נאָך א וויכטיגער מיטגליד — פיליפּ סנאָודען. אָט די און אַנדערע פעהיגע קרעפטען דערפרעהען ענדליך קיר הארדי'ס הארץ. נאָך זיבען יאָהר שווערע אָנשטרענגונג איז זיין חלום פארווירקליכט. די א. ל. פּ. ווערט א וויכטיגער פאַקטאָר אין דעם פּאָליטישען לעבען. איהרע מיטגלידער ווערען אַלץ מעהר ערוויילט אין די שטאָדטישע און דאָרפישע וואהלען.

אויף דעם יעהרליכען פּארטיי־צוזאמענפאָהר אין 1895 שלאָגט דער ראַדיקאַלער עלעמענט פאָר, אז דער נאָמען פון דער פּארטיי זאָל געענדערט ווערען אויף „סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי”, און אז די מיטגלידער זאָלען זיך פארפליכטען צו שטימען נאָר פאר סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען. קיר הארדי באַקעמפט דעם פּאָרשלאָג אויף דעם גרונט, אז ער וועט פאַר־טרייבען א סך מיטגלידער, וואָס גלויבען אין זעלבסטשטענדיגע ארבייטער פּאָליטיק, הגם זיי זיינען נאָך ניט קיין איבערצייגטע סאָציאַליסטען. א צווייטער פּאָרשלאָג איז, אז דאָרט וואו עס

ווערען ניט ארויסגעשטעלט קיין ראדיקאלע קאַנדידאטען, זאָלען די מיטגלידער שטימען געגען די קאַנדידאַטען פון די אנדערע פּארטייען.ביידע פאָרשלאָגען פאַלען דורך, און די פּארטיי באַטאָנט איהר זעלבסטשטענדיגקייט פון די איבעריגע פּארטייען מיט דעם באַשלוס, אז נייע מיטגלידער זאָלען זיך פארפליכטען ווי פאָלגט: „איך דערקלער זיך פאר א סאָציאליסט, פארפליכט זיך איבערצורייסען מיין פארבינדונג מיט וועלכער ס'איז פּאָלי־טישער פּאַרטיי, וועל שטימען אין לאָקאַלע וואהלען לויט דעם באַשלוס פון מיין לאָקאַלען פאַראיין און אין אַלגעמיינע וואהלען לויט דעם באַשלוס פון דער קאָנפערענץ, וואָס וועט ספּעציעל פאר דעם צוועק פאררופען ווערען". דער דאָזיגער באַשלוס גילט עד היום אלס די טאַקטיק פון דער א. ל. פּ.

אין די אַלגעמיינע וואהלען פון דעמזעלבען יאָהר שטעלט די א. ל. פּ. ארויס 29 קאנדידאַטען און ראט די ארבייטער גאָרניט צו שטימען אין דיסטריקטען וואו עס זיינען קיין ארבייטער קאַנדידאטען ניט געלאָפען. קיינער פון די קאַנדידאַטען ווערט ניט ערוויילט, און אפילו קיר הארדי פארלירט זיין פּלאַץ, צוליב דער געגנערשאַפט פון די אירלענדער אין זיין דיסטריקט. א צווייטע אורזאַך איז געווען די כוואליע פון פּאַטריאָטיזם, וואָס האָט פארפלייצט דאָס לאַנד צוליב דעם בורען־קריג אין זיד־אַפ־ריקא. די פיהרער פון דער נייער פּארטיי האָבען ענערגיש באַ־קעמפט דעם אימפּעריאליסטישען קריג דורך שריפט און וואָרט. די ארבייטער פאָלגען ניט דעם ראט פון דער פּארטיי און שטימען איבעראל געגען די ליבעראלען, דערפאר וואָס די ליבעראלע רעגירונג האָט גאָרניט געטאָן פאר די ארבייטסלאָזע. מיט זייער האנדלונג האָבען זיי נאָר געבראכט צו מאכט א רעאַקציאָנערע רעגירונג. אָבער אין די אַלגעמיינע וואהלען האָט דאָס ארבייטער פאָלק דעם איינציגען שאַנס אויסצוגיסען זיין צאָרן אויף דער רעגירונג. א צאָהל ליבעראלע מיניסטאָרען זיינען טאַקע דעמאָלט מיאוס דורכגעפאלען. די א. ל. פּ. באַטראַכט ניט דעם רעזולטאַט פאר א צוריקשטויס. די פיהרער האָבען קיין באַל־

דיגען ערפאָלג ניט דערוואַרט *). זיי באַגרייפען, אַז עס פאָדערט זיך פּאָליטישע ערציהונג פון די אַרבייטער־מאַסען. זיי פיהלען זיך ניט ענטמוטיגט און נעמען זיך צו דער אַרבייט מיט פרישע כחות.

די ווירקונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין 1896.

צווישען די יאָהרען 1893 און 1896 האָט די „אינדעפּענ־דענט לייבאָר פּאַרטי" בּיסלאַכווייז איהרע רייהען פאַרגרעסערט, אָפּציהענדיג ראַדיקאַלע מיטגלידער פוןביידע אַלטע פּאַרטייען און אויפקלעהרענדיג די אַרבייטער־מאַסען. אָבער עס האָט זיך דערוויַיל ניט געוויזען קיין געלעגענהייט צו באַשאַפען פּאָליטישע איינינקייט צווישען די פאַרשיידענע טיילען פון דער אַרבייטער־באַוועגונג. יעדע סאָציאַליסטישע גרופּע האָט נאָך אַליין געמאַכט שבת פאַר זיך און די טרייד יוניאָנס האָבען נאָך אַלץ אָפיציעל געשטיצט די ליבעראַלע פּאַרטיי.

עס האָט נאָך ביז איצט קיינער דירעקט ניט אָנגעוויזען אויף דעם פאַקט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער און טרייד־יוניאָן קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין לאָנ־דאָן אין זומער 1896, האָט געהאַט אַ טיפע, דויערנדע ווירקונג אויף דער וויַיטערער אַנטוויקלונג פון דער אַרבייטער־באַוועגונג

---

*) אין אַן אַרטיקעל אין דער ניו יאָרקער „וואָירלד" פון דעם 24טען פעברואַר, 1924, דערצעהלט פיליפּ סנאָודען איצט מיט פרייד אַ פאַקט, וואָס איז ניט געווען אַלגעמיין באַוואוסט. אין דער צייט פון בורען־קריג האָט די פּאַרטיי פאַרלאָרען זעהר פיל מיטגלידער, איהר קאַסע איז געווען אויסגעליידיגט און זי איז נאָך דערצו געווען אין חובות. עס האָט גע־האַלטען דערביי, אַז די פּאַרטיי זאָל אויפגעלעזט ווערען, און די עק־זעקוטיווע האָט זיך פאַרזאַמעלט פאַר דעם צוועק. מיט 250 דאָלאַר האָט מען זי געקענט דערהאַלטען בּיים לעבען. פיליפּ סנאָודען און דער פאַר־שטאָרבענער ברוס גלעיזשיער האָבען זיך אונטערגענומען צו שאַפען די נויטיגע סומע. ווען זיי וואָלטען די סומע ניט באַקומען, זאָגט סנאָודען, איז אַ ספק צי עס וואָלט היינט אַן אַרבייטער־רעגירונג געווען. וואָרים די א. ל. פּ. האָט אָנגעפיהרט די גאַנצע אַגיטאַציע אין די יוניאָנס פאַר אַן אַרבייטער־פּאַרטיי.

אין ענגלאַנד. פּאַקטיש צום ערשטען מאָל האָבען די ענגלישע אַרבייטער־מאַסען געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן, הערען און באַאָבאַכטען די פּאָרנעהמסטע פיהרער און פאַרטרעטער פון דער אַרבייטער־באַוועגונג אין אַלע לענדער. ביז אַהער האָבען די קאַלטע, פלעגמאַטישע ענגלענדער געמיינט, אַז זייערע אייגענע סאָציאַליסטען זיינען אַביסעל משוגע. וואָרים דענקען און ריידען אַנדערש ווי אַלע אַנדערע מענשען הייסט ביים פּראָסטען עולם זיין משוגע. מיט איינמאָל דערזעהען זיי פאַר זיך הונדערטער מענשען פון אַלע לענדער, וואָס ריידען און דענקען פּונקט ווי זייערע אייגענע לאַנדסלייט! און טויזענטער זיינען דעמאָלט געקומען צום שלום, אַז אין דעם סאָציאַליזם שטעקט אַ קראַפט.

סך הכל זיינען אויף דעם קאָנגרעס געווען אַנוועזענד איבער 800 דעלעגאַטען. פון ענגלאַנד גופא אַן ערך 150. היינדמאַן, וויליאַם מאָריס, בערנאַרד שאָו, סידני וועבב זיינען געווען די וויכטיגסטע פאַרטרעטער פון די סאָציאַליסטישע גרופּעס. קיר האַרדי, טאָם מענן, ר׳עמזי מעקדאָנאַלד און אַנדערע האָבען פאַר־טראָטען די אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטיי. די טרייד יוניאָנס, אפילו די קאָנסערוואַטיווע, זיינען געווען פאַרטראָטען דורך אַ הונדערט דעלעגאַטען. זעקס דעלעגאַטען — שייער, דייש, ראָז־בורי, פרידמאַן, צייטלין, פּאָלאַקאָוו — האָבען פאַרטראָטען איבער אַ צעהנדליג אידישע יוניאָנס און פעראיינען פון לאָנדאָן, ליעדז, ליווערפּול, מאַנטשעסטער. אַ גאַליציאַנער איד האָט פאַרטראָטען די גאַליציאַנער אידישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס. פון אומעטום האָט מען געשיקט די בעסטע און די גרעסטע. פראַנקרייך האָט געהאַט 101 דעלעגאַטען, 50 געגען 51 צוטיילט אין דער פראַגע פון פּאָליטישער אַקציע, און יעדער פון זיי האָט כסדר געפּאָדערט דאָס וואָרט. צווישען זיי זיינען געווען פּאָל לאַפאַרג, זשאַן זשאָרעס, מילעראַן, זשול געד, וואַיאָן. פון דייטשלאַנד זיי־נען געווען צווישען אַנדערע: בעבעל, ווילהעלם ליבקנעכט, פּאָול זינגער. פון רוסלאַנד — אַקסעלראָד, פּלעכאַנאָוו, ווערא זאַסו־ליטש. דער קאָנגרעס איז געפיהרט געוואָרען אין ענגליש, פראַנ־

צוויזיש און דייטש און די אָפיציעלע איבערזעצער זיינען געווען עלעאָנאָרא מארקס, עדוארד בערנשטיין, קלארא צעטקין און סמיט. איינער פון די פאָרזיצענדע איז געווען א קאָנסערוואטיווער יוניאָן־פיהרער פון די קוילען־גרעבער, עדווארד קאואי, וועלכער האָט געשלאָסען די פארזאמלונג ווען ס'איז אנטשטאנען א טומעל איבער דער רעזאָלוציע אויסצושליסען די אנארכיסטען צוליב זייער אומגלויבען אין דעם פּאָליטישען קאמף. קאואי איז שוין דעמאָלט געווען 35 יאָהר טעטיג אין דער טרייד יוניאָן באוועגונג.

שטארק איינדרוקספול איז געווען די פרידענס־דעמאָנסטראַציע און דער פּאראד צו דעם גרויסען הייד פּארק, זונטאָג, 26טען יולי, א טאָג פאר דער ערעפענונג פון קאָנגרעס. רעדנער פון אַלע נאַציאָנען האָבען געדארפט אדרעסירען הונדערטער טויזענטער מענשען פון זעכצעהן פּלאטפאָרמעס אין פּארק. אָבער אין דער צייט פון יאָהר האָבען די הימלען איבער לאָנדאָן די טבע אָפּצוטאָן דעם עולם אָן אומדערווארטעט שפּיצעל. בשעת דעם פּאראד איז דער הימעל געווען לויטער, אָבער פּונקט ווען ביי די רעדנער האָט זיך צופלאקערט די אָראטאָרישע קראפט, איז פּלוצלונג אָנגעקומען א שווארצע כמארע פון זיד־וועסט, און א שווערער גוס רעגען האָט זיך אויף די פארזאמעלטע אראָפּגעלאָזט. די דעמאָנסטראציע איז אויסגעווייקט געוואָרען, אָבער די אַלגעמיינע ווירקונג פון דעם שעהנעם פּאראד איז לאַנג פארבליבען אין זכרון.

ווילהעלם ליבקנעכט'ס זיבעציגסטער געבורטסטאָג.

ערב דעם קאָנגרעס האָבען זיך דייטשע און ענגלישע דעלעגאטען פארזאמעלט ביי עלעאָנאָרא מארקס עיוולינג אין איהר גרויסען גאָרטען אין סידענהעם,*) זיד־וועסט לאָנדאָן. אין גאָרטען

*) ביז יאָהר 1895 איז לעאָנאָרא מארקס געווען גאַנץ אָרים. זי האָט געצויגען איהר פּרנסה פון קאָרעספּאָנדענצען פאר אויסלענדישע צייטונגען. פאר איהר פיל־זייטיגער אַרבייט אין דער באוועגונג האָט זי ניט געפאָדערט קיין געצאָהלט. אָבער פרידריך ענגעלס, וועלכער איז געווען פארמעגליך, האָט אין זיין צוואה אָפּגעשריבען צו אַכט

גופא זיינען די טישען געווען געדעקט מיט דערקוויקענדע שפּייַ־זען. אין אַ גרויסער מאָס איז די אונטערהאַלטונג געווען לכבוד דעם 70־יאָהריגען געבורטסטאָג פון ווילהעלם ליבקנעכט.

דער לעצטער קאַמף צווישען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און אַנאַרכיסטען

דער קאָנגרעס גופא האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פּעמ־טערער פאַרבינדונג צווישען די טרייד־יוניאָנס און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. עס איז דעמאָלט אויסגעפאָכטען געוואָרען דער לעצ־טער קאַמף איבער דער פראַגע, צי די אַנאַרכיסטען, וואָס פלעגען דונערען געגען פּאָליטישער אַקציע, האָבען געהאַט אַ רעכט זיך צו באַטייליגען אין אַ קאָנגרעס פון אויסשליסליך פּאָליטיש־געשטימ־טע אָרגאַניזאַציעס. דער קאָמיטעט וואָס האָט דעם קאָנגרעס פאַררופען האָט די זאַך פריהער באַוואָרענט, לויט אַ באַשלוס פון ציריכער קאָנגרעס אין 1893, מיט דער אויסדריקליכער דערקלעה־רונג אין דעם רוף־צירקולאַר, אַז נאָר פּאַרטייען, וואָס גלויבען אין דעם פּאָליטישען קאַמף, ווערען איינגעלאַדען. די אַנאַרכיס־טען און זייערע סימפּאַטיזירער האָבען די דערקלעהרונג איגנאָ־רירט. נאָך אַ צוויי־טעגיגער דעבאַטע איבער דער פראַגע איז די האַנדלונג פון דעם קאָמיטעט ענדליך גוטגעהייסען געוואָרען.

אַ בליק אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די ענגלענדער גיט אונז דער פאַקט, אַז די 100 דעלעגאַטען פון די מייסטענס קאָנסער־וואַטיווע ענגלישע טרייד־יוניאָנס זיינען אין קאָנגרעס פאַרבליבען ביז׳ן סוף, הגם זיי האָבען מיט די סאָציאַליסטישע רעזאָלוציעס

טויזענד פונט (פערציג טויזענד דאָלאַר) צו יעדער טאָכטער פון קאַרל מאַרקס. ענגעלס איז געשטאָרבען אין 1895. לעאָנאָראַ איז, אַלזאָ, צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען אויפגעריכט געוואָרען און האָט באַוואוינט אַ שעהנע, גרויסע הויז. אָבער נים לאַנג האָט איהר מאַ־טעריעלער גליק אָנגעהאַלטען. איהר מאַן, דאָקטאָר עיוולינג, אַ באַ־גאַבטער אָבער אויסגעלאַסענער אירלענדער, האָט דאָס פאַרמעגען אויס־געבראַכט אין צוויי יאָהר צייט און האָט נאָך דערצו איהר האַרץ גע־בראָכען מיט ליבעס פאַר אַנדערע פרויען. אָנפאַנג 1898 האָט די דאָזיגע איידעלע נשמה דורך גיפט איהר לעבען געענדיגט.

ניט איינגעשטימט. דער קאָנגרעס האָט זיי פּשוט באצויבערט, און קיין וואונדער ניט: עס האָבען דאָך אין איהם אנטייל גע־נומען די גרעסטע סאָציאַליסטישע רעדנער און דענקער פון אלע נאציאָנען. א טייל פון זיי זיינען דערנאָך געוואָרען באריהמטע שטאאטסלייט און קאבינעט־מיניסטאָרען. דער קאָנגרעס האָט אָהן ספק אינדירעקט בייגעטראָגען צו דער גרינדונג פון דער ארבייטער־פּארטיי מיט פיר יאָהר שפּעטער. ער האָט פאר־שטארקט דעם געדאנק פון געאייניגטער פּאָליטישער אקציע.

4. די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

צו שרייבען וועגען דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ענגלאַנד און ניט צו דערמאָנען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישען די דאָרטיגע אידען וואָלט געווען אַן אומפאַרצייליכער טעות. אָבער אַזוי ווי פאַר דער צייט פון איהר בליהונג און העכסטער מעטיגקייט איז די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג געווען אַ טייל פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג פאַרדינט זי און איהרע וויכטיגסטע טוער דאָ צו ווערען דערמאָנט.

די פיאָנערען פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ענגלאַנד זיינען געווען רוסיש־אידישע משכילים, וואָס זיינען דורך צווייפעל אין דער גאָטהייט דערגאַנגען צום סאָציאַליס־טישען אידעאַל. צווייפעל איז נעגאַטיוו. עס באַשאַפט אַ פוסט־קייט אין דער נשמה, און פיהלענדע נשמות מוזען צו דעם צוויי־פעל אויף האָבען עפּעס פּאָזיטיוועס אום צו קענען עקזיסטירען. דער סאָציאַליזם — סאָציאַלע גערעכטיגקייט און יושר צום אַר־בייטער — האָט זיינע ערשטע וואָרצלען אין תורת משה און אויך אין תלמוד. דערצו איז ער אין איינקלאַנג מיט וויסענ־שאַפט און די נייעסטע באַגריפען פון דער צייט. דער סאָציאַ־ליזם אַפּעלירט אַלזאָ גאַנץ שטאַרק צו אידישע אידעאַליסטען. אפשר דערקלעהרט דאָס אויך דעם פאַקט, וואָס די באַגרינדער פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם — קאַרל מאַרקס און לאַסאַל — זיינען געווען אידען.

די ערשטע אידיש־סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין ענג־לאַנד איז אָנגעהויבען געוואָרען אין יאָהר 1876 פון דעם געניאַלען אהרן ליבערמאַן אין דער העברעאישער שפּראַך. ליבערמאַן גרינ־דעט דאָן אַ מין אידיש־סאָציאַליסטישען אַרבייטער־פאַראיין, אין

וועלכען מען רעדט נאטירליך ניט קיין העברעאיש, נאר אידיש־דייטש. אבער די באוועגונג האט ניט קיין געלעגענהייט זיך איינצופונדעווען. ווארים א באוועגונג דארף האבען א פיהרער, און ליבערמאן איז צו ענערגיש, צו פיל וועלט־מענש צו זיצען אויף איין ארט. חוץ דעם מאכען ליבערמאן און זיינע קאַלעגען דעם פעהלער, וואס א סך פיהרער נאך איהם ווידערהאלען: זיי אטאקירען רעליגיע. בכלל האבען די אידיש־סאציאליסטישע פיאנערען געהאט מעהר באגייסטערונג ווי טאקט. ווען זיי מיידען נאר אוים אטאקעם אויף רעליגיע, האבען זיי אומעדום געקענט באשאפען א ריזיגע באוועגונג. די ערפאהרונג, איבערהויפט אין ענגלאנד, ווייזט, אז פרומע אידען, פונקט ווי פרומע קריסטען, קענען זיין גאנץ גוטע סאציאליסטען און טרייד־יוניאניסטען. אין דייטשלאנד איז טאקע די ארבייטער־באוועגונג געוואקסען ווי אויף הייוועז נאכדעם ווי די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי האט אפיציעל דערקלעהרט, אז „רעליגיע איז א פריוואט־זאך". און אין ענגלאנד, וואו די סאציאל־דעמאקראטישע פעדעראציע האט זיך פארטשעפעט מיט רעליגיע, האט זי טאקע קיין ערפאלג ניט געהאט.

פיליפ קראנץ, מאָריס ווינטשעווסקי, דערנאך ב. פייגענבוים און ש. יאנאווסקי זיינען די הויפט־פיגורען אין דער אידיש־סאציאליסטישער באוועגונג אין סוף פון די 80־ער יאהרען. אין בערנער סטריט, א הינטערגעסעל אין דעם ארימסטען קווארטאל פון לאנדאן, זיינען זיי די הויפט־פיהרער פון דעם אינטערנאַציאנאלען ארבייטער בילדונגס קלוב. איין גאט ווייסט ווי אזוי קראנץ, ווינטשעווסקי און זייערע חברים האבען אין יאהר 1885 געגרינדעט דעם „ארבייטער פריינד", איינע פון די ערשטע סאציאליסטישע צייטשריפטען אין אידיש. אחוץ אפשר ווינטשעווסקי, זיינען זיי, דאכט זיך, ארומגעגאנגען אין צוריסענע שיך און האבען תמיד געהאט זעהר א גוטען אפעטיט אבער זעהר קארגע מאלצייטען. פונדעסטוועגען איז דער „ארבייטער פריינד" אין א צייט ארום ערשינען כמעט רעגעלמעסיג. מיט דריי טוי־

זענד לעזער איז קיין דעפיציט ניט געווען, ווייל מען האָט דעמאָלט געלעבט מיט דעם פייער פון ענטוזיאַזם. די רעדאַקטאָרען, פּאָעטען און שרייבער האָבען זיך ניט געפוילט צו טאָן די „שוואַרצע" אַרבייט, כדי דער „אַרבייטער פריינד" זאָל ערשיינען.

אין קלוב איז תמיד געווען לוסטיג און פרעהליך טראָץ דעם גרויסען דלות. רוסישע פאָלקס-לידער האָבען אָפּגעהילכט פאַר א מייל ווייט. אַנאַרכיסטען און סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען נאָך דעמאָלט אין קלוב געלעבט מעהר אָדער וועניגער בשלום. דער גרויסער עולם איז נאָך ניט געווען באַקאַנט מיט דעם היסטאָרישען פאַקט, אַז קאַרל מאַרקס און באַקונין האָבען מיט יאָהרען צוריק א שרעקליכען ווערטער־שטרייט געפיהרט. אָבער א סוף איז ענדליך געקומען צו דער דאָזיגער גאָלדענער צייט. קראַנץ איז דער ערשטער צו פאַרלאָזען לאָנדאָן און אָפּפאָהרען קיין אַמעריקע אין 1890. אַזוי ווי קראַנץ איז צום גרויסען טייל געווען אַן אָנהענגער פון לאַסאַל'ס אידעען, האָט ער איבערגעלאָזען א סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טראַדיציע ביי א סך קלוב־מיטגלידער. אין יאָהר 1888 האָט ער געגרינדעט די גרופּע „פאָרווערטס".

טעאָרעטיש איז דער בערנער סטריט קלוב געווען אומפּאַרטייאיש, אָבער אין דער פּראַקטיק האָט דאָרט שפּעטער תמיד געפלאַקערט א פייער פון מיינונגס־פאַרשיידענהייטען צווישען די אַנאַרכיסטען, די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און די אומפּאַרטייאישע, וואָס מיטגלידער פוןביידע פּאַרטייליכע גרופּען פלעגען מיט אירָאָניע רופען „פּאַרעווע לאָקשען". יעדע סעקציע האָט געהאַט א באַזונדער גרופּע אויסער דעם קלוב, און די שפּאַלטונג איז אַלע מאָל גרעסער געוואָרען. די אַנאַרכיסטען, וואָס זיינען אין דער ענגלישער באַוועגונג געווען דער שוואַכסטער טייל, זיינען אין דער אידישער באַוועגונג געווען דער שטאַרקסטער. אפשר דערפאַר, וואָס די אידעע, אַז מענשען דאַרפען זיין פריי פון א שטאַט, פון א רעגירונג, פון פּאָליציי און הערשער און צוואַנג האָט דעם עולם, וואָס ווערט באַהערשט מייסטענס פון סענטימענט, שטאַרק

באצויבערט. כדי איינצוזעהן די אומפראקטישקייט און אומ־מעגליכקייט פון אזא געזעלשאפטס־סיסטעם האט מען געדארפט א ביסעל טיפער נאכדענקען און זיין באהאוועגט אין געשיכטע און פסיכאלאגיע, און צום גרויסען עולם אפעלירט סענטימענט פיל מעהר ווי די נויטווענדיגקייט פון סיסטעמאטישען דענקען.

חוץ דעם האבען די אנארכיסטען אלעמאל געהאט בעסערע רעדנער, בעת די סאציאל־דעמאקראטען האבען זיך מייסטענס געשטיצט אויף אייגענע קרעפטען: אינטעליגענטע, אבער ניט געשטודירטע ארבייטער. אזוי לאנג ווי קראנץ, דער טעארעטי־קער, און פייגענבוים, דער אגיטאטאר, זיינען געווען אין לאנדאן איז נאך געווען א האלבע צרה. נאך זייער אפפאהרען קיין אמע־ריקא איז ניט געווען ווער עס זאל פארנעמען זייער ארט, און די סאציאל־דעמאקראטישע גרופע האט דערפון שטארק געליטען. מ. בארנאוו איז דעמאלט געקומען פון פאריז, אבער בארנאוו איז א בריליאנטענער שרייבער און לגמרי קיין רעדנער ניט, און די סאציאל־דעמאקראטען האבען זיך זעהר גענויטיגט אין אן אגיטאטאר. אמעריקא ווערט ביסלאכוויז דער צוציהונגס־צענ־טער, וואס בארויבט ענגלאנד פון אלע איהרע פעהיגערע אידיש־סאציאליסטישע עלעמענטען.

אב. קאהאנ׳ס איינפלוס.

אין 1891, ווען אב. קאהאן ווערט געשיקט צום אינטער־נאציאנאלען סאציאליסטישען קאנגרעס אין בריסעל, בעלגיע, אלס דעלעגאט פון די ניו יארקער פאראייניגטע אידישע געווערק־שאפטען, באנוצט זיך דער סאציאל־דעמאקראטישער פאראיין מיט דער געלעגענהייט און לאדט איין אב. קאהאן אויף אן אגי־טאציאנס־טור אין לאנדאן און די פראווינצען. שוין די דער־ווארטונג, אז קאהאן, רעדאקטאר פון דער ניו יארקער „ארבייטער צייטונג", קומט אין לאנדאן, ברענגט אריין פרישע כחות אין דעם סאציאל־דעמאקראטישען פאראיין. ניט נאר האט קאהאן׳ס טור געדעקט אלע הוצאות, נאר ער האט אויך געגעבען דעם פאראיין א מעגליכקייט צו עפענען א קלוב אין קריסטיען סטריט.

זיין דעבאַטע מיט יאַנאָווסקי'ן איבער סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם.

אין 1892 קומט קאַהאַן ווידער אויף אַן אַגיטאַציאָנס־טור קיין ענגלאַנד און צוליב זיין איינפלוס פאַרשמעלצט זיך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַראיין מיט דעם אומפּאַרטייאישען פאַראיין „פּראָלעטאַריאַט“ און מען הויבט אָן ארויסגעבען, אָנשטאָט דעם זשורנאַל „די פרייע וועלט“, אַ וועכענטליכע צייטונג „דער וועקער“, אונטער באַראַנאָוו'ס רעדאַקציע, — נאַטירליך, מיט גרויסע האָפנונגען, אָבער מיט קאַרגע געלד־מיטלען. אָבער ווען אַב. קאַהאַן, פאָהרענדיג צום אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס אין צוריך, אין 1893, שטעלט זיך ווידער אָפּ אין לאָנדאָן, געפינט ער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג טיילווייז צוריסען. אַ נייער פאַרוואַלטער פון קריסטיען סטריט קלוב האָט פון דעם קלוב געמאַכט אַ קוואַל פון אייגענעם פּראָפיט און דערמיט פאַרטריבען אַ סך מיטגלידער.

דערנאָך צאַנקט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, בעת די אַנאַרכיסטען פאַרשפּרייטען זייער איינפלוס אין די יוניאָנס. די צייטשריפטען פאַרלירען פאַר אַ צייט זייער באָדען. באַראַנאָוו און ווינטשעווסקי פון איין זייט און יאַנאָווסקי פון דער צווייטער זייט פאָהרען אָפּ קיין אַמעריקאַ. עס בלייבען איבער בלויז פיר אַקטיווע יונגע לייט — יאָזעף פין, וועלכער איז געקומען פון באָסטאָן; דזשאָהן א. דייש, פון ליעדז; מענדעל שייער און אהרון ראַזבורי — וועלכע האַלטען אָן די סאָציאַליסטישע טראַדיציעס צווישען די אידישע אַרבייטער, מייסטענס אין די יוניאָנס. די דאָזיגע פיר יונגע לייט זיינען אַ גאַנץ אַנדער טיפּ. זיי זיינען אַנגליזירט, האָבען אַ ברייטע באַקאַנטשאַפט מיט דער ענגלישער ליטעראַטור און שטרעבען זיך אָן צו האַלטען די אידישע יוניאָנס פאַראייניגט מיט די ענגלישע יוניאָנס. און דאָס געלינגט זיי אויך ביז אַ געוויסען גראַד. בלויז שייער האָט געהאַט אַגיטאַטאָרישע פעהיגקייטען. פין, דייש און ראַזבורי צייכענען זיך אויס מיט זייערע אַדמיניסטראַטיווע פעהיגקייטען און פאַר אַ

פאַר יאָהר האַלטען זיי צוזאמען היבש גרויסע יוניאָנס מיט ערפאָלג.

שפּעטער אנטשטעהט ווידער א נייע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם יונגען קאַהאַן (פון דער קאַהאַן־ליבערמאַן פאַמיליע), שאול עלשטיין, ת. ראָטשטיין און בעק, א רוס וואָס פלעגט אדרעסירען אידישע פארזאמלונגען אין מאַמע־לשון און אָפט באנוצען די פראַזע „מיר אידען!“ אָבער זיי ווידערהאָלען די פעהלערען פון אמאָליגע צייטען. האָבענדיג א קלוב אין א אידישער גאַס, דערצאָרנען זיי די אידישע מאַסען מיט יום־כפור סעודות, און די עפענטליכע סקאַנדאַלען ברענגען א דעמאָראַליזאַציע. ווידער געווינען די אנאַרכיסטען די אויבערהאַנד. ר. ראָקער, א געבוירענער דייטש, לערענט זיך אוים א שעהנעם, רייכען אידיש און רעדאַקטירט דעם „ארבייטער פריינד“ א לאַנגע צייט. אָסיפּ וואָלינסקי איז א וויכטיגער מיט־ארבייטער. ראָקער איז אויך א גלענצענדער רעדנער, דער איינציגער וואָס איז געבליבען אויף דער אידישער ארבייטער־פּלאַטפאָרם אין ענגלאַנד, נאָכדעם ווי שייער און פין האָבען זיך פון דער באוועגונג צוריקגעצויגען און דייש און ראָזבורי זיינען אוועק קיין אמעריקא. אין צייט פון קריג איז ראָקער פון דער ענגלישער רעגירונג אינטערנירט געוואָרען.

5. אָנהויב און אנטוויקלונג פון דער ארבייטער־פּאַרטיי.

צוריסענקייט שטימט ניט מיט די לאָגיק פון די פיהרער. — דער טרייד יוניאָן קאָנגרעס הויבט אָן בייטען זיין שטעלונג. — א קאמף פאר אויס־געשפּראָכענע פּרינציפּען. — ערשטע אַנערקענונג פאר מעקדאָנאלד׳ס פעהיגקייטען. — די פּארטיי ארגאניזאציע. — די עקזעקוטיווע ווערט נאָמינירט פון פאָלק. — ווי אזוי די קאנדידאטען ווערען באַשטימט. — גינסטיגע געזעצען. — א גרויסע צאָהל ענטוזיאסטישע וואלונטירען.

ווי מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען, איז די לאָגיק איינע פון די גרעסטע מעלות פון דעם ענגלישען דענקענדען פאָלק. סאָציאַל־פּאָליטישע דענקער אין ענגלאנד לעגען גרויס געוויכט אויף פּראקטישקייט. זיי זיינען ניט איבעריגס פארליבט אין טעאָריעס און דאָגמעס. אין פּאָליטישען לעבען שפּילט די לאָגיק א גרויסע ראָלע. פּאָליטיקער און שטאאטסלייט ווייזען תמיד ארויס א טיפען ערנסט. זיי זוכען צו איבערצייגען אנדערע און ווילען אויך אַליין איבערצייגט ווערען.

דער באריהמטער שטאאטסמאַן גלעדסטאָן, ווען ער איז שוין געווען אין זיינע אכציגער יאָהרען, האָט דערקלעהרט עפענטליך, אז ער איז אַלע יאָהרען געווען א לערנער און לערענט נאָך אַלץ. באַלפור, אַלס פיהרער פון פּארלאמענט אונטער סאַליסבורי׳ס קאָנ־סערוואטיווער רעגירונג און שפּעטער אַלס פּרעמיער, האָט זיך באריהמט מיט זיין „אָפּען מאַינד“ (אז זיין מוח איז אָפען פאר איבערצייגונג דורך לאָגישע ארגומענטען). נאָך סנאָודען׳ס א לאָגישער רעדע וועגען דעם בודזשעט, ווען די ארבייטער־פּארטיי איז נאָך געווען אין דער אָפּאָזיציע, האָט זיך לאָיד דזשאָרדזש אריבערגעבויגען צו איהם, דעם סאָציאַליסט, האָט אָנגעכאַפּט זיין האנד און איהם ווארים גראטולירט מיט זיין רעדע.

צוריסענקייט שטימט ניט מיט דער לאָגיק פון די פיהרער.

דער פּראַסטער עולם לעזט און הערט וועגען די דאָזיגע אינ־צידענטען און טוט נאָך דעם ביישפּיל פון די גרויסע, נאַציאָ־נאַלע פיהרער. אין פּריוואַטע שמועסען און ביי פאָלקס־פארזאַמ־לונגען האַלטען אויפריכטיגע מענשען „אָפען זייערע מוחות" פאַר לאָגישע ארגומענטען. אינסטינקטיוו פיהלט דער ענגלענדער, אַז עס איז ניטאָ קיין ריינער, אַבסאָלוטער אמת. נאָר דאָס וואָס קאָן ווירקען אין דער פּראַקטיק, נאָר דאָס וואָס האָט די אמת'ע, לאָגישע ווירקונג, איז דער אמת, און דער אמת בייט זיך מיט דער צייט און מיט די אומשטענדען.

אויף אַט דעם אופן האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון 1896 בייגעטראָגען צו דער גרינדונג פון דער ארבייטער־פּארטיי. אויף דעם קאָנגרעס האָט מען דאָך רק גע'טענה'ט, אַז די ארבייטער פון אַלע נאַציאָנען דארפען זיין פאַראייניגט פאַר פּאָליטישע צילען. אָבער אין יענע יאָהרען אין ענגלאַנד איז דאָך די ארבייטער־באַוועגונג נאָך אַלץ געווען צוריסען. און דאָך האָבען דאָן אַלע געשטרעבט צו איין ציל: די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע פעדעראַציע האָט געוואָלט ארויסשטעלען קאַנדידאַטען; די אינדעפּענדענט לייבאָר פּארטי האָט דאָך אודאי געוואָלט ארויסשטעלען קאַנדידאַטען; די פאַביאַנער געזעלשאַפט האָט אָנ־געוויזען, ווי אַזוי ארויסצושטעלען קאַנדידאַטען און האָט זיך דורכאויס באַשעפטיגט מיט פּאָליטישער אויפקלעהרונג און פּאָלי־טישע פּראָגראַמען; דער טרייד־יוניאָן קאָנגרעס האָט געהאַט אַ פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמיטע, און אין די ארבייטער־רייהען איז מען געווען שטאַרק פארנומען מיט דער פראַגע: ווער זיינען די אמת'ע, אויפריכטיגע קאַנדידאַטען, פאַר וועלכע מען דארף שטי־מען? זיינען דאָך אַלע סעקציעס איייניג אין דעם, אַז מען דארף האָבען אַ פארטרעטערשאַפט אין פּאַרלאַמענט, וואָס זאָל פאַר־טיידיגען די ארבייטער־אינטערעסען!

און די טרייד יוניאָנס, סאָציאַליסטען און פּראָגרעסיווע עלעמענטען לעגען אַוועק אָן אַ זייט זייערע סאָציאַלע טעאָריעס

און דאָגמעס, װעגען װעלכע זיי קענען זיך דערווייל ניט אייניגען, און זיי אייניגען זיך אין דעם פּרט פון פּאַרטרעטערשאַפט. זיי גרינדען די „לייבאָר רעפּרעזענטיישאָן קאָמיטע", אַ קאָמיטע צו זאָרגען װעגען אַרבייטער־פּאַרטרעטער אין פּאַרלאַמענט. און אַזוי גוט און ערנסט האָט די קאָמיטע געאַרבייט, אַז עס איז פון איהר אַרויסגעוואַקסען די באַריהמטע „בריטיש לייבאָר פּאַרטי", וואָס האָט מיט 24 יאָהר שפּעטער איבערגענומען די רעגירונגס־מאַכט, הגם זי איז נאָך אַ מינאָריטעט אין פאָלק און אין פּאַרלאַמענט. אָבער לאָמיר דערצעהלען די איינצעלהייטען פון איהר וואוקס און פּראָגרעס כסדר.

דער טרייד־יוניאָן קאָנגרעס הויבט אָן בייטען זיין שטעלונג.

אויפ'ן טרייד יוניאָן קאָנגרעס אין 1898 רעקאָמענדירט דזשיימס אָ'גריידי (אַ מעבעל־אַרבייטער), דער פּרעזידענט פון טרייד יוניאָן קאָנגרעס פאַר יענעם יאָהר, *) די באַשטימונג פון אַ קאָמיטע, וואָס זאָל אויסאַרבייטען אַ פּלאַן פאַר אַ פּאָליטישער אָר־גאַניזאַציע פאַר דער טרייד יוניאָן וועלט. אין דעם לעצטען יאָהר פון נייננצעהנטען יאָהרהונדערט איז דער קאָנסערוואַטיווער טרייד יוניאָן קאָנגרעס שוין דורכגענומען מיט דער אידעע פון געאייניג־טער פּאָליטישער אַקציע און נעהמט אָן אַ רעזאָלוציע, אַז זיין פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמיטע זאָל מיטווירקען מיט דער „אינדע־פּענדענט לייבאָר פּאַרטי" און מיט די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַ־ציעס אין דער אויסוואַהל פון פּאַסענדע אַרבייטער־קאַנדידאַטען. דערמיט האָט די אַרבייטער־באַוועגונג באַצייכענט אַ זעהר גע־ווינשטען טריט פאָרווערטס, ווייל אָהן דער מיטווירקונג פון טרייד־יוניאָן קאָנגרעס האָט קיין אַרבייטער־פּאַרטיי ניט געקענט גע־

---

*) דער זעלבער וואָס האָט שוין אַ פּאָר מאָל פיגורירט אין די פאַרהאַנדלונגען מיט רוסלאַנד. דער פּרעזידענט איז אַלע יאָהר אַ נייער. ער איז בלויז פּאָרזיצענדער פאַר דער צייט פון די סעסיעס. אַן עהנליכע איינפיהרונג גילט ביי דער לייבאָר פּאַרטי און אַנדערע פּעדערירטע אָר־גאַניזאַציעס.

גרינדעט ווערען. און די פארלאמענטארישע קאמיטע פון טרייד יוניאן קאנגרעס, הגם גאר ניט גלויבענדיג אין אזא פלאן, באשטימט פיער מיטגלידער צו באטייליגען זיך אין דער דאזיגער ארבייט מיט די פארטרעטער פון סאציאליסטישע ארגאניזאציעס. די פיער מיטגלידער האבען קענטיג יא געגלויבט אין אזא פלאן. ווענינסטענס איינער פון זיי, וויל טהארן, א פערזענליכער פריינד פון לעאנארא מארקס, איז שוין דעמאלט געווען אן אויסגעשפראכענער סאציאליסט. די אינדעפענדענט לייבאר פארטי איז אין דער קאמיטע געווען פארטראטען דורך קיר הארדי און רעמזיי מעקדאנאלד; די פעיביען סאסייעטי — דורך בערנארד שאו און עדווארד פיהז; די סאציאל־דעמאקראטישע פעדעראציע דורך הערי קוועלטש און ה. ר. טעילאר. און די קאמיטע, בעסער געזאגט, רעמזיי מעקדאנאלד, האט פארפערטיגט א פראקטישען פלאן, וואס איז שפעטער אנגענומען געווארען אויף א ספעציעלען קאנגרעס.

א קאמף פאר אויסגעשפראכענע פרינציפען.

עס איז אבער געווען זעהר וויכטיג צו וויסען, אויב אלע סעקציעס ווילען מיטארבייטען. האבען באוואוסטע פיהרער פאררופען א קאנפערענץ אין עדינבורג, שאטלאנד, פאר דעם 6טען יאנואר, 1900. דער ערפאלג פון דיזער קאנפערענץ ווייזט זיך ארויס פון זיין ברייטער פארטרעטערשאפט, ווי פאלגט:

טרייד יוניאנס — 116 דעלעגאטען.

טרייד קאונסילס — 29 דעלעגאטען.

קאאפעראטיווען — 28 דעלעגאטען.

ברענטשעס פון דער אינדעפענדענט לייבאר פארטי — 34 דעלעגאטען.

ברענטשעס פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פעדעראציע— 19 דעלעגאטען.

דער שווערפונקט פון דער קאנפערענץ איז די פלאטפארם: וועלכע פרינציפען דארף זיך א קאנדידאט פארפליכטען אין פארלאמענט צו פארטיידיגען? די סאציאליסטישע דעלעגאטען האבען

פארלאנגט, אז יעדער קאנדידאט מוז זיין אן איבערצייגטער סאָ־ציאליסט, און דער פארלאנג האָט ארויסגערופען א היציגע דע־באטע. די טרייד יוניאָן דעלעגאטען האָבען צוגעוואָרפען די סאָציאליסטען די ווערטער „טרוימער", „טעאָרעטיקער", „פאַ־נאטיקער". דערויף האָבען די לעצטע צוריקגעשליידערט די ווער־טער „מאטעריאליסטען", „רעאקציאָנערען". דער דעלעגאט פון די שיף־בוי ארבייטער האָט פאָרגעשלאָגען, מען זאָל אָננעמען געוויסע פונדאמענטאלע פונקטען, צו וועלכע יעדער קאנדידאט מוז זיך פארפליכטען. אין אלע אנדערע זאכען זאָל ער זיין פריי צו האנדלען אין פארלאמענט, ווי ער פארשטעהט.

אזוי האָט מען זיך געשאמפערט א לאנגע צייט ביז וואנען קיר הארדי האָט געראטעוועט די סיטואציע. ער מאכט קלאָר אין א רעזאָלוציע די הויפט־זאך, אז די ערוועהלטע ארבייטער־דעפוטאטען אין פארלאמענט זאָלען זיין **ארגאניזירט אלס א באזונדערע גרופע און האנדלען פאראייניגט לויט א באשטימטער פאָלי־טיק**. די גרופע אָדער בלאָק זאָל זיין גרייט צו שטיצען וועלכע ס'איז פארטיי, אויב איהרע געזעץ־פראָיעקטען וועלען זיין פאר די ארבייטער־אינטערעסען, און זאָל אויך צוזאמען ארבייטען מיט וועלכער ס'איז פארטיי אום צו באקעמפען רעאקציאָנערע געזעץ־פראָיעקטען. ווייטער, זאָל מען ניט באקעמפען קיין קאנ־דידאט, אויב ער וועט ארויסגעשטעלט ווערען פון אן אָנגעשלאָ־סענער סעקציע. די דאָזיגע רעזאָלוציע ווערט אָנגענומען, ערש־טענס, דערפאר, וואָס זי פארפליכטעט ביידען, אי די סאָציא־ליסטען, אי די טרייד־יוניאָנס, צו האָבען אן אומאָפהענגיגע אר־בייטער־גרופע אין פארלאמענט; צווייטענס, דערפאר, וואָס די טאקטיק פון מיטארבייטען מיט וועלכער ס'איז פון די אלטע פארטייען, אויב נויטיג, ווערט אנטשיידעט ניט פון אינדיווידועלע מיטגלידער, נאָר פון דער גאנצער גרופע.

ערשטע אָנערקענונג פאר מעקדאָנאלד'ס פעהיגקייטען.

די גרינדער הויבען אלזאָ אָן ניט ווי אן אויסגעשפראָכענע

סאָציאַליסטישע פּארטיי, נאָר ווי אַ פּראָגרעסיווע גרופּע, וואָס דאַרף צופרידענשטעלען אַ גרויסע מאַסע ניט־סאָציאַליסטען, הגם די גרינדער אַליין זיינען אויסגעשפּראָכענע סאָציאַליסטען. יעדע אָנגעשלאָסענע סעקציע בלייבט פריי צו פּראָפּאַגאַנדירען פאַר איהרע פּרינציפּען. אָבער אין פּאַרלאַמענט דאַרפען זייערע ערוועהלטע מיטגלידער האַנדלען אָפּאָרטוניסטיש: אויסנוצען, לויט ווי די אומשטענדען פאָדערען, יעדע געלעגענהייט פאַר גינסטיגע געזעצ־געבונג אין די אינטערעסען פון די ארבייטער. אין דער עקזע־קוטיווע זיינען אריין טוער פון יעדער גרופּע, און רעמזי מעק־דאָנאַלד ווערט באַאויפטראַגט צו פאַרפאַסען די קאָנסטיטוציע פאַר דער נייער פּאַרטיי.

די ערשטע וואַהל־טאַקטיק ווערט אָנגענומען אויף אַ ספּע־ציעלער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן אַ מאָנאַט שפּעטער. אויף דער קאָנפערענץ זיינען געווען ניט מעהר ווי 129 דעלעגאַטען. אָבער זי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן ערך אַ האַלב מיליאָן מיט־גלידער. צו רעמזיי מעקדאָנאַלד'ן, דעם ערשטען סעקרעטאַר פון דער קאָמיטע, ווערט צוגעשריבען דער שפּעטערער ערפאָלג פון אָט דער פּאָליטישער באַוועגונג. די אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט האָט געפאָדערט די פעהיגקייטען פון אַ קיהלען, אויסגערעכענטען אַד־מיניסטראַטאָר, און מען האָט געוואוסט, אַז מעקדאָנאַלד האָט אַזעלכע פעהיגקייטען געהאַט. נאָך מיט צוועלף יאָהר פריהער איז ער שוין געווען סעקרעטאַר פאַר אַ ליבעראַלען פּאַרלאַמענטס־מיטגליד און האָט אַלזאָ געהאַט אַ ברייטע פּאָליטישע ערפאַהרונג.

די ערשטע וואַהל־טאַקטיק פאַר די דערוואַרטע אַלגעמיינע וואַהלען פון 1901 באַשטעהט אין דעם, אַז די מיטגלידער פון יעדער גרופּע זיינען פאַרפליכטעט צו שטימען פאַר די קאַנדי־דאַטען וואָס וועלען ארויסגעשטעלט ווערען פון טרייד־יוניאָנס און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, אויב די קאַנדידאַטען וועלען גוטגעהייסען ווערען פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע. אין די איבעריגע דיסטריקטען, וואו קיין קאַנדידאַטען ווערען ניט ארויס־געשטעלט, בלייבט יעדע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע פריי צו באַשלי־

סען פאַר וועלכע קאַנדידאַטען איהרע מיטגלידער זאָלען שטימען אָדער ניט שטימען, לויט ווי עס וועט זיין מעהר אין די אינטערעסען פון די אַרבייטער. אין אָנפאַנג האָט זיך די פּאַרטיי ניט געהאַלטען אין זעהר ענגע ראַמען, ווי מען קען זעהן פון קיר האַרדי'ס פאָרשלאַג, אַז מען זאָל שטימען פאַר אַלע קאַנדידאַטען, וואָס האָבען באַקעמפט דעם בורען־קריג אין זיד־אַפריקע.

אָנפאַנג ערשטען יאָהר זיינען געווען אָנגעשלאָסען 212 טויזענט גוטשטעהענדע מיטגלידער. אָבער צו דער יעהרליכער קאָנפערענץ אין 1901 צעהלט שוין די נייע אָרגאַניזאַציע 470 טויזענד מיטגלידער און ערוועהלט צוויי פון איהרע פופצעהן קאַנדידאַטען פאַר'ן פּאַרלאַמענט. איהר וואוקס פון יאָהר צו יאָהר ווערט אָנגעגעבען אין ספּעציעלע ציפערען אויף אַן אַנדער אָרט.

די פּאַרטיי אָרגאַניזאַציע.

איידער מיר וועלען באַשרייבען דעם ווייטערען קאַמף און פּראָגרעס פון דער אַרבייטער־פּאַרטיי, וועלען מיר צוערשט זעהן ווי אַזוי זי איז אָרגאַניזירט איבער'ן לאַנד. מיר האָבען שוין באַמערקט, אַז זי פאַראייניגט אין זיך: 1) די טרייד יוניאָנס, וואָס האָבען די גרעסטע צאָהל מיטגלידער; 2) סאָציאַליסטישע פאַראיינען*); 3) איינצעלנע מענשען פון אַלע געזעלשאַפטסשיכטען, וואָס שטימען איין מיט איהר פּראָגראַם. דער לעצטער עלעמענט איז צוגעזעצט געוואָרען אין יאָהר 1918, נאָכדעם ווי די פּאַרטיי האָט אָנגענומען אַ נייע קאָנסטיטוציע, וואָס האָט מעגליך געמאַכט אריינצונעהמען פאַר מיטגלידער ניט נאָר פיזישע אַרבייטער, נאָר אויך גייסטיגע אַרבייטער און פּראָפעסיאָנעלע מענשען. די אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס צאָהלען אַ שטייער קאָפּ, וואָס באַטרעפט אַן ערך זעקס סענט אַ יאָהר פאַר יעדען

*) אין די סאָציאַליסטישע פאַראיינען איז אריינגערעכענט די פועלי ציון אָרגאַניזאַציע. אין דעם אַרבייטער יאָהר־בוך פון 1923 ווערט אָנגעגעבען, אַז די פּאַרטיי פועלי ציון צאָהלט דער אַרבייטער־פּאַרטיי ביישטייער פאַר פופצעהן הונדערט מיטגלידער.

מיטגליד, אחוץ אזעלכע מיטגלידער, וואס זיינען אפענע געגנער פון דער פארטיי — אנארכיסטען, קאמוניסטען, קאנסערוואטארען און ליבעראלען — אפילו אין דער הינזיכט ווערט קיין צוואנג ניט אויסגעאיבט. אבער די צאהל פון די וואס ווילען זיין ארויס־גענומען פון כלל איז זעהר אונבאדייטענד. פאר א ביישפיל דינט די נאציאנאלע יוניאן פון אלגעמיינע ארבייטער, וואס צעהלט 400,000 מיטגלידער. ביז'ן יאהר 1921 האבען בלויז 23 מיטגלידער אפען דערקלעהרט, אז זיי ווילען זיין אן אויסנאהם און דעם שטייער ניט צאהלען.*)

די עקזעקוטיווע ווערט נאמינירט פון פאלק.

די פארטיי רעגירונג פון דער העכסטער אינסטאנץ איז פאקטיש אין די הענט פון אן עקזעקוטיווע פון 23 מיטגלידער, דער שטענדיגער קאסירער אריינגערעכענט, וואס ווערט ערוועהלט אויף דער יעהרליכער קאנפערענץ. און כדי יעדע אנגעשלאסענע גרופע זאל האבען איהר געהעריגע צאהל פארטרעטער אין דער עקזעקוטיווע, זיינען איינגעפיהרט דריי צעטלען פאר נאמינאציעס. די וואהלען ווערען אפגעהאלטען אויף דער קאנפערענץ, אבער די נאמינאציעס ווערען פארגעשלאגען פון פאלק אויף פאלגענדען אופן: 13 מיטגלידער ווערען געוועהלט פון ערשטען צעטעל נאמינאציעס, וואס ווערט אריינגעשיקט פון די אנגעשלאסענע ארגאניזאציעס (יעדע ארגאניזאציע האט א רעכט צו נאמינירען איין קאנדידאט); פינף מיטגלידער ווערען געוועהלט פון צווייטען צעטעל נאמינאציעס, וואס ווערט צונויפגעשטעלט פון די לאקאלע ארבייטער־פארטייען (א לאקאלע ארבייטער־פארטיי איז צונויפגעשטעלט פון פאראיינען און גרופעס אין די פראווינציעלע וואהל־דיסטריקטען); פיער מיטגלידער ווערען געוועהלט פון א דריטען צעטעל נאמינאציעס, אויסשליסליך פרויען. די קאנ־

---

*) זינט דעם באריהמטען אסבארן־פראצעס (ווי עס ווערט דא ווייטער דערמאנט), האט דער פארלאמענט אנגענומען א געזעץ, אז יעדער טרייד־יוניאן מיטגליד האט דאס רעכט צו וועלען זיין אן אויסנאהם.

דירעקטען מוזען זיין גוטשטעהענדע מיטגלידער אין די אָרגאַ־ניזאַציעס וואָס נאָמינירען זיי. די נאָמינירטע פון צווייטען צע־טעל מוזען זיין איינוואוינער פון דעם וואהל־דיסטריקט. פאַר דעם דריטען צעטעל, די פרויען, ווערט געמאַכט אַן אויסנאַהם. אַ פרוי קען נאָמינירט ווערען פון יעדער אָנגעשלאָסענער אָרגאַני־זאַציע, אפילו ווען זי איז ניט קיין מיטגליד פון דער נאָמיני־רענדער אָרגאַניזאַציע.

פאַר דעם יאָהר 1918, למשל, איז די עקזעקוטיווע באַשטאַ־נען ווי פאָלגט. צעטעל 1, נאַציאָנאַלע סעקציע: טרייד יונ־יאָנס — צעהן מיטגלידער; אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי — צוויי מיטגלידער; פעיביען סאָסייעטי — איין מיטגליד.*) צעטעל 2, לאָקאַלע סעקציע (לאָקאַלע ארבייטער־פּאַרטייען): פינף מיטגלידער. צעטעל 3, פרויען: פיער מיטגלידער, געצויגען פון אַלע פיער סעקציעס — טרייד־יוניאָנס, לאָקאַלע ארבייטער פּאַר־טייען, פעיביען סאָסייטי, אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי. סך הכל 22, אָהן דעם טרעזשורער.

די פּאַרטרעטערשאַפט אין דער יעהרליכער קאָנפערענץ, צו וועלכער די עקזעקוטיווע איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר איהרע האַנד־לונגען, איז ווי פאָלגט: אָנגעשלאָסענע טרייד־יוניאָנס און אַנ־דערע פאַראיינען, צו איין דעלעגאַט פאַר יעדע 1000 מיטגלידער; לאָקאַלע ארבייטער־פּאַרטייען, צו איין דעלעגאַט יעדע; יעדער אָרגאַניזירטער וואהל־דיסטריקט אין די פּראָווינצען, וואָס שיקט אַ מיטגליד אין פּאַרלאַמענט — איין דעלעגאַט; פרויען־אָרגאַ־ניזאַציעס זיינען בארעכטיגט צו אַ דעלעגאַט פאַר יעדע 500 מיטגלידער און צו אַ צווייטען דעלעגאַט, אויב די צאָהל מיט־גלידער איז איבער 500. ווייטער האָבען אַ רעכט צו זיין אַנ־וועזענד אויף דער קאָנפערענץ די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער

*) די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע האָט זיך באַלד דעם ערשטען יאָהר אָפּגעטיילט פון דער פּאַרטיי. נאָכ׳ן קריג האָט זי זיך ווידער אָן דער פּאַרטיי אָנגעשלאָסען.

עקזעקוטיווע, די פארלאמענט־מיטגלידער, און די אפיציעל־אנגע־נומענע קאנדידאטען, אבער זיי האבען ניט קיין רעכט צו שטימען סיידען זיי ווערען ערוועהלט פאר דעלעגאטען.

ווי אזוי די קאנדידאטען ווערען באשטימט.

אין די אלטע פארטייען ווערען נייע קאנדידאטען באשטימט אדער רעקאמענדירט פון די פארטיי־פארשטעהער אויס פארשיי־דענע מאטיוועו, הויפטזעכליך צוליב זייער פערזענליכען איינ־פלוס אין דעם דיסטריקט. איידער די ארבייטער־פארטיי איז אנגעקומען אויף דעם וואהל־קאמפס פלאץ, פלעגען לויפען און ערוועהלט ווערען מייסטענס פאבריקאנטען און גרויסע לענד־לארדס. אין די פראווינצען — די פריצים און גוטס־באזיצער. אבער די ארבייטער פארטיי האט צושטאנד געבראכט א נייע סיסטעם. די וואס לויפען, אפילו פון די אלטע פארטייען, מוזען האבען ניט נאר רעדנער־פעהיגקייטען, נאר אויך פערזענליכע מעלות און א שם פאר עהרליכקייט און פאלקס־פריינדליכקייט.

ווען אן ארט אין פארלאמענט ווערט אפגעלעדיגט, און די לאקאלע טוער זיינען איבערצייגט, אז אן ארבייטער־קאנדידאט האט גוטע אויסזיכטען ערוועהלט צו ווערען, קען א יוניאן אדער א לאקאלע ארבייטער־פארטיי פארשלאגען א באוואוסטען טוער און אנבאטען צו דעקען די קעמפיין־קאסטען. זי איז ניט פ א ר־פ ל י כ ט ע ט צו דעקען די קאסטען. אבער ווען א יוניאן וויל אז די ארבייטער־פארטיי זאל איהרען א קאנדידאט ארויסשטעלען, איז זי געוועהנליך בארייט צו דעקען די הוצאות. אין די אנגע־שלאסענע פאראיינען איז אלעמאל פאראן א צעטעל פון מעגליכע קאנדידאטען, און דער קאנדידאט אדער קאנדידאטען ווערען אנ־גענומען דורך א מאיאריטעט אויף א דעלעגאטען־קאנפערענץ פון די לאקאלע קערפערשאפטען. די אנגענומענע קאנדידאטען מוזען גוטגעהייסען ווערען פון דער צענטראל עקזעקוטיווע. יעדע גרופע האט א רעכט צו נאמינירען קאנדידאטען. די קאנפערענץ בא־שטימט דעם בעסטען קאנדידאט און ניט גראד דעם קאנדידאט פון א יוניאן, וואס וויל דעקען די קעמפיין־הוצאות.

גינסטיגע געזעצן.

פאראן צוויי באדינגונגען אין די איצטיגע ענגלישע וואהל־געזעצן, וואס זיינען אין דעם פרט גינסטיג פאר דער ארבייטער־פארטיי דערפאר, וואס זיי פארהיטען, אז די וואס נאמינירען קאנדידאטען זאלען זיך ניט פיהלען געקריוודעט, ווען זייערע קאנ־דידאטען ווערען ניט אנגענומען. ערשטענס מוז יעדער קאנ־דידאט איינלעגען ביי דער רעגירונג 725 פונט (3,400 דאלאר) אלס א גאראנטיע, אז ער וועט ציהען וועניגסטענס אן אכטעל פון אלע שטימען. אויב ער ציהט וועניגער ווי אן אכטעל פון די שטימען, פארלירט ער די איינגעלעגטע געלט. אום ניט צו ליידען אזעלכע פארלוסטען, שטעלט די ארבייטער־פארטיי ניט ארויס קיין נייעם קאנדידאט, סיידען זי איז זיכער, אז דער קאנ־דידאט וועט ציהען וועניגסטענס אן אכטעל פון אלע שטימען. ווען ניט דער דאזיגער געזעץ, וואלט דאך יעדע גרופקעלע גע־קענט מאכען שבת פאר זיך און ארויסשטעלען איהר אייגענעם קאנדידאט. דאס וואלט באשאפען א כאאס אין די וואהל־דיסט־ריקטען.

צווייטענס, מעג יעדע פארטיי נאמינירען, לאמיר זאגען, אן איינוואוינער פון לאנדאן פאר א דיסטריקט אין שאטלאנד. דאס גיט דער פארטיי א געלעגענהייט צו ערוועהלען איהרע פראמי־נענטסטע פיהרער. עס פאסירט זעהר אפט, אז א וויכטיגע פער־זאן — א קאבינעט־מיניסטער — איז דורכגעפאלען אין א דיסט־ריקט, קען איהם די פארטיי ארויסשטעלען אין אן אנדער דיסט־ריקט, וואו ער וועט זיכער ערוועהלט ווערען. אזא פאל האט לעצטענס געטראפען מיט ארטור הענדערסאן, וועלכער איז דורכ־געפאלען ביי די אלגעמיינע וואהלען, אבער אזוי ווי פרעמיער מעקדאנאלד האט איהם באשטימט אלס א מיטגליד פון זיין קאבינעט, און א קאבינעט־מיניסטער מוז זיין אן ערוועהלטער מיטגליד אין פארלאמענט, האט איהם די פארטיי פארשאפט א זיכערען וואהל־דיסטריקט.

א גרויסע צאָהל ענטוזיאַסטישע וואָלונטירען.

א ברייטע אויפקלעהרונג ווערט געפיהרט צווישען די וואהלען. דער קאנדידאט פאר א דיסטריקט ווערט געוועהנליך באשטימט ניט גלייך פאר די וואהלען, ווען עס בלייבט וועניג צייט פאר פּאָליטישע אויפקלעהרונג, נאָר נאָך די וואהלען. אויב א ליבעראַל אָדער קאָנסערוואטאָר איז ערוועהלט געוואָרען מיט א קליינער מאיאָריטעט, און די אומשטענדען ווייזען, אז מען קען דעם דיסטריקט פריהער אָדער שפּעטער געווינען פאר דער ארבייטער־פּארטיי, ווערט אָנגענומען א פּאסענדער קאנדידאט, וואָס גיט אָפּ א סך צייט פאר דער אויפקלעהרונג פון דעם דיסטריקט. די ארבייטער־פּארטיי האלט אן ערך 150 באצאָהלטע פּאָליטישע אגענטען פאר נייע דיסטריקטען. אָבער א געוואלדיגע אגיטאציע ווערט באטריבען פון ענטוזיאסטישע וואָלונטירען. א סך פּארמעגליכע אידעאליסטען, רעדנער און שרייבער, זיינען צופרידען ווען מען גיט זיי א געלעגענהייט צו לייסטען ארבייט פאר דער פּארטיי. און אָרימערע מענשען טוען נאָך זייער ביישפּיל. די ארבייטער־פּארטיי איז פארהעלטניסמעסיג אָרים אין פּעריאָדישע צייטשריפטען. זי האָט בלויז איין טעגליכע צייטונג, דער „לאָנדאָן דיילי העראָלד“. איהר ברייטע אויפקלעהרונגס־ארבייט ווערט געפיהרט דורך פלוגשריפטען און בראָשורען, געשריבען פון די בעסטע פּובליציסטען, און דורך גאסען־פארזאמלונגען. די שריפטען ווערען פארשפּרייט אין די צעהנדליגער טויזענדער עקזעמפּליארען איבער דער לענג און ברייט פון לאנד. די גאסען און פּארקס, ווען די געשעפטען רוהען, זיינען פריי פאר פארזאמלונגען. די דאָזיגע פרייהייט איז געוואונען געוואָרען נאָך אָנגעשטרענגטע קאמפען און אונצעהליגע קרבנות.*)

---

*) אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל: אין יאָהר 1866, בשעת אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע פאַר אַלגעמיינע שטימרעכט, ווען דאָס פאָלק האָט מאַרשירט צו דעם גרויסען, שעהנעם הייד פּאַרק, איז דער אָריינגאַנג צום פּאַרק געווען פאַרצאַמט מיט אייזערנע שטאַכעטען. די

אין די ערשטע צוויי יאָהר האָט די פּאַרטיי ביי די וואהלען קנאַפּע רעזולטאַטען פאַרצייכענט; און אפשר וואָלט די באַוועגונג געמאַכט ווייניג פּראָגרעס, ווען עס פּאַסירט ניט דער היסטאָרישער „טעף וועיל" פּראָצעס. די ריכטער, סאַי די קלענערע, סאַי די העכסטע אַפּעלאַציאָנס־ריכטער פון דעם לאָרדען־הויז, זיינען נאָך דעמאָלט געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון די גאַנץ אַלטע געזעצען, וואָס האָבען געקוקט אויף די יוניאָנס ווי אויף קאָנ־ספּיראַטיווע פאַראיינען, און אויף דער הייליגקייט פון קאָנטראַקט צווישען דעם פאַראייניגטען קאַפּיטאַל און אינדיווידועלע ארביי־טער אַלס א פון גאָט־געגעבענעם, אייביגען געזעץ. אָדער זיי האָבען טאַקע ניט געזעהן די באַדייטונג פון דער אַלץ גרעסערער אָרגאַניזאַציאָנס־כוואַליע אין ארבייטער,פּאָלק, אָדער זיי האָבען די כוואַליע שוין צו גוט געזעהן און געוואָלט איהר צוריקשטויסען. די ווירקונג איז אָבער געווען פאַרקערט. דער „טעף וועיל" פּראָצעס און דער אָמבאַרן פּראָצעס האָבען דער פּאָליטישער ארבייטער־באַוועגונג געגעבען אַ מעכטיגען שטויס פאָרווערטס.

מאַסע האָט די שטאַכעטען אומגעוואָרפען. מען האָט די שטאַכעטען ניט מעהר צוריקגעשטעלט, און פון דעמאָלט אָן איז דער פּאַרק אָפען און פריי פאַר פּאָלקס־פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס.

6. צוויי היסטאָרישע פּראָצעסען.

דער „טעף וועיל" פּראָצעס. — די עקזעקוטיווע הייסט גוט אַן אומגע־זעצליכען סטרייק. — יוניאָן פאַרלירט 200 טויזענט דאָלאַר. — די אַרבייטער־באַוועגונג ווערט כמעט פּאַראַליזירט. — אויל אויף דעם פייער פון אגיטאַציע. — אומדערוואַרטעטער זיעג אין 1906. — דאָס נייע געזעץ וועגען סטרייקס. — שאָדענערזאַץ פאַר מיליאָנען אַרבייטער. — דער אָסבאָרן־פּראָצעס 1908־1913. — א דונער־קלאַפּ פאַר דער אַרבייטער פּאַרטיי. — די יוניאָנס ווערען ענדליך פריי אין 1913.

דער „טעף וועיל" פּראָצעס.

די „אמאַלגאַמעיטעד סאָסייעטי אָוו רעילוויי סוירוועַנטס" איז אין 1891 שוין געווען איינע פון די גרעסטע יוניאָנס פון אייזענבאהן־אַרבייטער. אַלס א גרויסע יוניאָן איז אין איהר אָרגאַניזאַציאָנס־סיסטעם, ווי ביי אַלע אַנדערע יוניאָנס, געווען איינגעפיהרט א דיסציפּלין אין באַצוג אויף סטרייקס. אויב לאָקאַלען אָדער ברענטשעס האָבען געפונען פאַר נויטווענדיג א סטרייק אַרויסצורופען, האָט די פאָדערונג געדאַרפט גוטגעהייסען ווערען פון דער צענטראַל עקזעקוטיווע, אַניט וואָלט דאָס גע־הייסען אַן אומגעזעצליכער סטרייק.

הגם די דאָזיגע דיסציפּלין איז אַנערקענט פאַר א זעהר נויטיגע אין אַלע גרויסע יוניאָנס, איז אָבער די לאַגע פון גע־וויסע אַרבייטער געווען שרעקליך. זעהר לאַנגע שטונדען, אַן אייזערנע דיסציפּלין, פאַרפאָלגונג פון יוניאָן־לייט, א קלעגליכער לוין — אָט פון דעם אַלעם און אַנדערע נגישות מצד די פאַר־וואַלטער און אויבערהערען האָבען די אַרבייטער פיל געליטען. אפשר דערפאַר זיינען זיי אין ערגעץ ניט געווען פאָלשטענדיג אָרגאַניזירט, און אין א צייט פון סטרייק האָט דאָס געמיינט ענערגיש פּיקעטען.

די עקזעקוטיווע הייסט גוט א געזעצליכען סטרייק.

אויף דער טעף וועיל אייזענבאהן אין זיד־וועילס האָט די

פּאַרוואַלטונג אַרויפגעצוואונגען אויף די אַרבייטער צו לאַנגע שטונדען. דערביי האָבן די אַרבייטער אויך געהאַט אַנדערע קריוודעס. דאָס האָט זיי געטריבן אַרויסצוגעהן אין סטרייק אָהן דער גוטהייסונג פון דער צענטראַל עקזעקוטיווע. די לאָקאַלע קאָמיטע האָט דעם סטרייק זעהר ענערגיש געפיהרט, און די פּיקעטס האָבן פלייסיג געאַרבייט אויף אַ ברייטער ליניע און מיט גרויס ערפאָלג. עס זיינען אויך אַרויסגעקומען אַ פּאָר גע־שלעגען — אַ זאַך וואָס איז אַ זעלטענהייט אין בריטישע סטרייקס. אַזוי גיך ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די סטרייקערס האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, האָט די צענטראַל עקזעקוטיווע דעם סטרייק אויפגענומען און געשטיצט.

די רייכע אייזענבאַהן־קאָמפּאַניעס האָבן דעם סטרייק מיט אַלע זיינע פאָלגען ניט געוואָלט אַראָפּשלינגען אָהן וועהטאָג פאַר דער יוניאָן. דער ביישפּיל פון די „טעף וועיל" אַרבייטער האָט זיך געקענט פאַרשפּרייטען און געפעהרליך ווערען פאַר אַנדערע אייזענבאַהנען און פאַר דער גאַנצער אינדוסטריע בכלל. האָט די קאָמפּאַניע אָנגעגעבען אויף דער יוניאָן אין געריכט און גע־פאָדערט 20,000 פונט (100,000 דאָלאַר) פאַר דעם שאָדען וואָס זי האָט אין דעם סטרייק געליטען, לויט איהרע טענות, דורך דער „אונגעזעצליכער האַנדלונג פון די יוניאָן־באַאַמטע". די לאָקאַלע ריכטער האָבן דער קאָמפּאַניע איהר פאַרלאַנג צוגע'פּסק'ענט. די יוניאָן האָט אַפּעלירט אין העכערע געריכטען, ביז דער פּראָצעס איז דערגאַנגען צום געריכט פון העכסטען אינסטאַנץ — דעם אַפּעלאַציאָנס־געריכט פון דעם לאָרדען־הויז, און דער אַפּעלאַ־ציאָנס־געריכט האָט באַשטעטיגט דעם אורטייל פון די לאָקאַלע ריכטער.

יוניאָן פאַרלירט 200 טויזענד דאָלאַר.

לויט דער מיינונג פון די ריכטער איז אַ יוניאָן פאַראַנט־וואָרטליך פאַר יעדען אַקט פון איהרע לאָקאַלע אָדער צענטראַלע באַאַמטע. די ספּעציעלע געזעצען פון 1871 און 1876 האָבן די יוניאָנס ניט אַנערקענט פאַר קיין קערפּערשאַפטען מיט די

זעלבע געזעצליכע רעכטען פון אן אינדיווידועלער פערזאן, אבער אין דעם דאזיגען אורטייל האבען די ריכטער געהאלטען די יוניאנס פאראנטווארטליך ווי אן אינדיווידועלע פערזאן, הגם לויט דעם געזעץ האבען די יוניאנס קיין געזעצליכע פריווילעגיעס פון אן אינדיווידועלער פערזאן ניט געהאט. צוליב דעם ענדגילטיגען אורטייל האט די יוניאן אין איהרע סכסוכים מיט דער אייזענבאהן־קאמפאניע אין אנדערע ערטער ניט געקענט געווינען קיין איינציגע קאנצעסיע פאר די ארבייטער. זי האט געמוזט באצאהלען דער אייזענבאהן־קאמפאניע די פארלאנגטע סומע מיט קאסטען (23 טויזענט פונט), און אויך געצאהלט פאר אדוואקאטען און אנדערע הוצאות איז אוועק 19 טויזענט פונט, א סך הכל פון 42 טויזענט פונט (איבער 200 טויזענט דאלאר), וואס פאר יענער צייט איז דאס געווען א קאלאסאלער פארלוסט.

די ארבייטער־באוועגונג ווערט כמעט פאראליזירט.

פיל ערגער איז געווען די מאראלע ווירקונג פון דעם אורטייל. די יוניאנס האבען געציטערט ארויסצורופען סטרייקס אפילו ביי די גינסטיגסטע אומשטענדען, און די ארבייטער זיינען שטארק אונטערדריקט געווארען. די יוניאן־קאסעס האבען צו יעדער צייט געקענט געריכטליך איבערגעגעבען ווערען צו די רייכסטע קאפיטאליסטישע פירמעס פאר שאדענערזאץ. די גאנצע טרייד יוניאן באוועגונג האט זיך געפיהלט פאראליזירט. ווארים דער אורטייל האט אין א סך ערטער ארויסגערופען „אינדזשאנקשאנס“ (א ריכטער'ס באפעהל ניט צו טאן געוויסע זאכען), פראצעסען פאר „קאנטעמפט או קאורט“ (געריכטס באליידיגונג, אויב דער באפעהל ווערט ניט געפאלגט) און פראצעסען פאר שאדענערזאץ. דער אורטייל האט אויך דערקלעהרט, אז ניט נאר קען געגען א יוניאן ארויסגעגעבען ווערען אן „אינדזשאנקשאן“, ניט צו טאן געוויסע זאכען, נאר אויך א „מענדעמוס“ (א באפעהל צו טאן געוויסע זאכען). אין דעם פאל האט א העכערער געריכט געקענט ארויסגעבען א „מענדעמוס“ צו א צענטראל עקזעקוטיווע פון א יוניאן, אז זי מוז איהרע מיטגלידער שיקען צו דער ארבייט, אדער

פאַר'משפּט ווערען אויף אַ טערמין אין טורמע פאַר געריכטס־באַליידיגונג, פאַר ניט פאָלגען דעם באַפעהל.

אין אַלגעמיין האָט דער אורטייל געשמעקט מיט אונענדליכע ליטיגאַציעס און צרות. רעגיסטרירטע ווי ניט־רעגיסטרירטע יוניאָנס, זייערע באַאַמטע און מיטגלידער, האָבען זיך גרינג גע־קענט אריינכאַפּען אין די אייזערנע קלאַמערען פון געזעץ, און די געלט־שטראָף האָט מען געקענט איינמאָנען פון אַלערליי מינים אייגענטום. איבער פיר יאָהר צייט האָט דער דאָזיגער מורא'דיגער צושטאַנד אָנגעהאַלטען. אין אַ סך ערטער זיינען יוניאָנס טאַקע אריינגעפאַלען, און דער סך הכל פון די פארלוסטען האָט דער־גרייכט איבער אַ מיליאָן דאָלאַר.

אויל אויף דעם פייער פון דער אַגיטאַציע.

ערשט איצט האָבען די אָפּגעשטאַנענע יוניאָן־פיהרער און די אונטערשטיצער פון די אַלטע פּאַרטייען איינגעזעהן די דרינג־ליכע נויטווענדיגקייט פון אַ שטאַרקען ארבייטער־בלאָק אין פּאַר־לאַמענט. אויב די עקזיסטירענדע געזעצען קענען פון די ריכטער אזוי אויסגעטייטשט ווערען, מוזען זיי אָפּגעשאַפט ווערען, מוז אַ נייער געזעץ אָנגענומען ווערען וואָס זאָל זיכערען די יוניאָנס, זייערע קאַסעס און סטרייק־אונטערנעהמונגען. די אַלטע פּאַר־טייען, וואָס באַשטעהען פון אריסטאָקראַטען, פּאַבריקאַנטען און זייערע אַדוואָקאַטען, וועלען אזאַ רעפאָרם קיינמאָל ניט דורכ־פיהרען, סיידען מען וועט זיי דערצו צווינגען. און צווינגען קען מען זיי נאָר דורך אַן אייגענער פּאַרטיי אין פּאַרלאַמענט.

דער טעף־וועיל אורטייל, הגם ער איז געווען אַ שרעקליכער איבעל אַן און פאַר זיך, איז געווען אַ גרויסע טובה פאַר דער פּאָ־ליטישער אנטוויקלונג פון דער ארבייטער־באַוועגונג. ער האָט דער נייער ארבייטער־פּאַרטיי געגעבען אַ געלעגענהייט צו באַ־ווייזען דעם ארבייטער־פאָלק איהר עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג. ער האָט צוגעגעבען קראַפט און לאָגיק צו די אַלטע ארגומענטען, און ער האָט אויך צוגעגעבען פייער די ארבייטער־רעדנער און אַגיטאַ־טאָרען. איבעראַל האָט מען איצט גערעדט פון אייגענע קאַנ־

דידאטען און פון דער נייער ארבייטער־פארטיי. די גרויסע קוילען־גרעבער פעדעראציע, וואס האט שוין דעמאלט געהאט איבער א האלב מיליאן מיטגלידער און האט זיך גענויטיגט אין דרינגליכע רעפארמען אין די מינען, האט מיט א גרויסער מאיאָריטעט באשלאסען צו באשטייערען יעדען מיטגליד מיט צוויי סענט א מאנאט פאר א ספעציעלער פאליטישער קאסע. זי האט זיך געגרייט ארויסצושטעלען ביי די קומענדע וואהלען ניט װעניגער ווי זיבעציג קאנדידאטען פאר'ן פארלאמענט.

אומדערוואַרטער זיג אין 1906.

ביז דעם יאהר 1906 איז אפשר פאר דער קאפיטאליסטישער וועלט די גאנצע ארבייטער־באוועגונג געווען א זאך, אין וואס מען האט געקאנט צווייפלען. די פיבערישע טעטיגקייט אויף אלע פראנטען — די פארניכטענדיגע קריטיק פון סאציאליסטישע רעדנער, די אומאויפהערליכע אגיטאציע אין די יוניאנס און די פאליטישע קעמפיינס פון דער נייער פארטיי — האט פאר די קאפיטאליסטען אויסגעזעהן, ווי דאס ארויסלאזען פון „הייסע פארע", וואס ווערט באלד אפגעקיהלט. די קאפיטאליסטען האבען זיך געטראכט: „לאזען זיי זיך דארט אראפריידען פון הארצען! ווענען ארט דאס, אזוי לאנג ווי מיר האבען דאס געזעץ אויף אונזער זייט!" אבער די וואהלען פון 1906 האבען באוויזען, אז די „הייסע פארע" האט געריהרט די פלעגמאטישע הערצער און געווירקט אויף די פארשלאפענע מוחות. די ארבייטער־פארטיי אליין האט ערוועהלט 29 מיטגלידער, וועלכע האבען זיך פארפליכטעט צו שטעהן אלס א באזונדערער בלאק אין פארלאמענט און קעמפען פאר די ארבייטער־אינטערעסען. די קוילען־גרעבער פעדעראציע, וואס האט ביז דעם יאהר 1909 צו דער ארבייטער־פארטיי ניט באלאנגט, האט ערוועהלט 12 פון איהרע קאנדידאטען אלס ליבעראלען. די פארנעהמסטע פיהרער פון דער אינדעפענדענט לייבאר פארטי — קיר הארדי, רעמזיי מעקדאָנאלד, פיליפ סנאודען — זיינען דעמאלט ערוועהלט געוואָרען.

די ליבעראַלע פּאַרטיי איז אריין אין דער רעגירונגס־מאַכט מיט דער גרעסטער מאַיאָריטעט אין דער געשיכטע פון ענגלישען פּאַרלאַמענט; אָבער דער אומדערוואַרטער געווינס פון ארבייטער־פּאָלק האָט ווי אַ ליאַרם־גלאָק אויסגעקלונגען אַ וואָרנונג צו דער ליבעראַלער רעגירונג, אַז זי מוז אין באַטראַכט נעמען די וואונשען און פאַרלאַנגען פון די מיליאָנען אָרגאַניזירטע ארבייטער. און סער קעמפּבעל בענערמאַן, דער נייער פּרעמיער, האָט זיך טאַקע מיט דעם פאַקט גערעכענט און אָנגענומען דעם פּראָיעקט־געזעץ פון דער ארבייטער־פּאַרטיי, וואָס האָט די יוניאָנס צוריקגעבראַכט צום פריהערדיגען שטאַנד: דאָס געזעץ האָט זיי ערלויבט צו סטרייקען און פּיקעטען און האָט געזיכערט זייערע קאַסעס געגען אַזעלכע משפּטים ווי דער „טעף וועיל“ פּראָצעס. מיר וועלען דאָ בקיצור דערקלערען דעם אויפטו פון דעם נייעם געזעץ.

דאָס נייע געזעץ וועגען סטרייקס.

פאַר דער צייט פון דעם טעף וועיל פּראָצעס איז די קאָנ־סערוואַטיווע פּאַרטיי געווען אין דער רעגירונגס־מאַכט, פריהער אונטער לאָרד סאַליסבורי און דערנאָך אונטער זיין פּלימעניק ארטור באַלפור (איצט לאָרד באַלפור). לאָרד סאַליסבורי איז געווען אַ גרויסער שונא פון די טרייד־יוניאָנס. אין אַ רעדע האָט ער זיי אַמאָל באַטיטעלט „גרויזאַמע אָרגאַניזאַציעס“. אַזוי ווי ער איז דעמאָלט געווען דער פּרעמיער און הערשער פון ענג־לאַנד, קען קיין צווייפעל ניט זיין, אַז די ריכטער, איבערהויפּט זיינע קאָלעגען פון לאָרדען־הויז, האָבען זיך אין זייער אורטייל געגען די יוניאָנס אַ סך געשטיצט אויף זיינע מיינונגען. אָבער ווען די צייט פון די אַלגעמיינע וואַהלען דערנעהנטערט זיך, ווערען די פּאַרטיי־פיהרער געוועהנליך ווייכער און הויבען אָן פּרעטענ־דירען צו זיין די פריינט פון דעם ארבייטער־פּאָלק. האָט די קאָנ־סערוואַטיווע רעגירונג אין 1903 באַשטימט אַ קעניגליכע קאָמיסיע צו אונטערזוכען דאָס געזעץ, וואָס האָט די יוניאָנס אַזוי שטאַרק אָנגעגריפען. אָבער די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון לויטער אַד־

וואקאטען, און טרייד יוניאן פיהרער האבען זיך אנטזאגט צו ער־שיינען אלס עדות פאר דער קאמיסיע. לויט זייער מיינונג, איז די קאמיסיע געווען צו־פארטייאיש.

אונטער אזעלכע אומשטענדען האט די קאמיסיע נים צוגע־שטעלט קיין באריכט בעפאר די וואהלען פון 1906. צו דעם ליבעראלען פארלאמענט האט די קאמיסיע צוגעשטעלט א באַ־ריכט און האט ארויסגעטראגען דעם שלוס, אז די יוניאנס דארפען אננעהמען די גאנצע פאראנטווארטליכקייט פאר זייערע האנד־לונגען. מיט אנדערע ווערטער: די קאמיסיע האט גערעכטפאר־טיגט דעם אורטייל פון די ריכטער געגען די יוניאנס. די רעגי־רונגס־אדוואקאטען האבען געוואלט אריינשמוגלען א פונקט אין א נייעם געזעץ, אז א יוניאן קען נים פראצעסירט ווערען סיידען עס ווערט באוויזען, אז די סטרייק־קאמיטע, אדער א פערזאן אונטער איהר אויטאריטעט, האט באגאנגען אן אומרעכט אדער א שעדליכען אקט. אבער די פארלאמענטארישע ארבייטער־פארטיי האט שטארק פראטעסטירט, אז אזעלכע ווערטער לאזען די טירען ברייט אפען פאר אונענדליכע ליטיגאציע און האט אריינגעבראכט איהר אייגענעם פראיעקט, וואס די ליבעראל־ראדיקאלע רעגירונג האט זיך געפיהלט געצוואונגען אנצונעהמען. די קאנסערוואטיווע אפאזיציע אונטער ארטור באלפור האט גע־האלטען פאר ראטזאם צו פארשווייגען און נים באקעמפען דעם פארגעשלאגענעם געזעץ פון דער ארבייטער־פארטיי. אט זיינען אומגעפעהר די הויפט־פונקטען פון דעם נייעם געזעץ, וואס איז באטראכט געווארען אלס א זיג פאר די יוניאנס:

1) אן אקט וואס ווערט געטאן אין צונויפריידונג מיט אנ־דערע קען נים פראצעסירט ווערען, אויב אזא אקט קען נים פרא־צעסירט ווערען אהן צונויפריידונג; 2) ווען די פיקעטס אין א סטרייק גיבען בלויז אינפארמאציע אדער פרואווען דעם נים־יוניאן מאן איבערצייגען, איז דאס געזעצליך; 3) דער אקט פון בלויז באוועגען א פערזאן צו ברעכען זיין קאנטראקט מיט אן ארבייטס־געבער, בלויז ארייננמישען זיך אדער שטערען אימיצען אין זיין

געשעפט אָדער שטערען זיין רעכט צו באשעפטיגען זיין קאפּי־טאַל — קען ניט פּראָצעסירט ווערען.*)

שאָדענערזאַץ פאַר מיליאָנען אַרבייטער.

די איבערקערעניש און די מורא, וואָס די יונגע אַרבייטער־פּאַרטיי האָט פאַראורזאַכט אין די אַריסטאָקראַטישע קרייזען, איז געווען קענטיג דערפון, וואָס דאָס לאָרדען־הויז האָט זיין וועטאָ־מאַכט ניט אויסגענוצט און דאָס געזעץ דורכגעלאָזט אָהן ענדערונגען. אַ צווייטער זיג, וואָס דאַרף צו דער אַרבייטער־פּאַרטיי צוגערעכענט ווערען, איז געווען דאָס נייע געזעץ וועגען שאָדענערזאַץ פאַר אַרבייטער, וואָס ווערען באַשעדיגט ביי דער אַרבייט. אַזאַ געזעץ איז געווען אין קראַפט פאַר אַרבייטער אין געוויסע פאַכען, אָבער דאָס נייע געזעץ האָט אַריינגענומען זעקס מיליאָן נייע אַרבייטער, דאַרונטער פישער־לייט, מאַטראָזען, קאָנטאָר־אָנגעשטעלטע, בריף־טרעגער און הויז־דינער. דאָס נייע געזעץ האָט אי אַ מעלה, אי אַ חסרון: די מעלה איז וואָס מיליאָנען נייע אַרבייטער ווערען געשיצט; דער חסרון איז וואָס די באַשטימטע סומען זיינען צו קליין. ווען אַן אַרבייטער פאַרלירט זיין לעבען ביי דער אַרבייט, איז זיין פרוי בארעכטיגט צו ניט ווייניגער ווי 740 דאָלאַר און ניט מעהר ווי 1460 דאָלאַר, אויב זי האָט ניט קיין אַנדער הכנסה. אויב אַן אַרבייטער ווערט אינגאַנצען אונפעהיג צו דער אַרבייט, איז ער בארעכטיגט צו 87½ פּראָצענט פון זיינע וועכענטליכע פאַרדינסטען אין דורכשניט, אָבער ניט מעהר ווי 8 דאָלאַר מיט 40 סענט אַ וואָך.

איצט, אַז די קאַפּיטאַלען פון דער אינדוסטריע האָבען געליטען אַזאַ מפּלה אין דער מלחמה געגען די אַרבייטער, האָבען זיי גענומען פּלאַנען אַ נייע צרה אויף די יוניאָנס און דער אַרבייטער־פּאַרטיי, און ווידער דורך די געריכט־הייזער.

דער אָסבאָרן־פּראָצעס, 1908—1913.

ווי שוין פריהער ערקלעהרט, האָבען פּאַרלאַמענט־מיטגלידער

*) ציטירט אין סידני וועב'ס „היסטאָריע פון טרייד־יוניאָניזם", אויסגאַבע 1920.

ביז דעם יאָהר 1911 ניט געקראָגען קיין געהאַלט פון דער רעגירונג. דאָס האָט געגעבען אַ מעגליכקייט בלויז פארמעגליכע מענשען ערוועהלט צו ווערען אין פארלאַמענט. אינטעליגענטע ארבייטער און טריידיוניאָן פיהרער האָבען אַלזאָ ניט געקענט חלומ'ען וועגען דעם צוזאַץ פון די בוכשטאַבען מ. פּ. („מעמבער אָוו פּארלאַמענט") צו זייער נאָמען, וואָס אין ענגלאנד איז דאָס אַ גרויסער כבוד, סיידען אַן אָרגאַניזאַציע אָדער אַ סימפּאַטישער רייכער מאַן האָט גאַראַנטירט די וואהל־קאָסטען און אַ יעהרליכע סומע אויף פּרנסה פאַר דעם ערוועהלטען מיטגליד. פאַר דזשאָהן בערנס, ווען ער איז ערוועהלט געוואָרען, האָט געצאָהלט אַ לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע פון זיין דיסטריקט. קיר האַרדי האָט באַקומען אַ טייל פון זיינע הוצאות פון ארבייטער־אָרגאַניזאַציעס. וואָריםביידע ארבייטער־פיהרער זיינען געווען גרויסע אביונים.

אין אָנפאַנג האָט די פאַרטיי געהאַט אַ ספּעציעלע קאַסע פאַר דעם צוועק, און די טריידיוניאָנס האָבען, פארשטעהט זיך, צוגעטראָגען דעם גרעסטען טייל פון די הוצאות. די טריידיוניאָנס אין ענגלאַנד זיינען אָבער אונטער ספּעציעלע געזעצען. ווען עס גרינדעט זיך אַ נייע יוניאָן, און אויב זי וויל, אַז איהר קאַסע זאָל געזעצליך געשיצט ווערען, אַז דער וואָס פארכאַפּט יוניאָן־געלד זאָל קענען געשטעלט ווערען צום געריכט, מוז איהר גאַנצע קאָנסטיטוציע און שפּעטער אַלע נייע געזעצען אָדער אויסבעסערונגען גוטגעהייסען ווערען פון אַ ספּעציעלען רעגירונגס־באַאַמטען.*) דאָרט רופט מען דאָס „רעגיסטרירט ווערען". אום צו באַלאַנגען צו דער אַרבייטער־פאַרטיי, האָבען יוניאָנס געמוזט אַמענדירען זייער קאָנסטיטוציע אין דעם זין, אַז מיטגלידער זיינען פארפליכטעט צו צאָהלען אַ שטייער פער קאָפּ פאַר דער פּאָליטישער אָדער פּאַרלאַמענטאַרישער קאַסע. מיר האָבען שוין אויבען געזעהן, אַז דער שטייער איז בלויז אַ האַלבער סענט אַ מאָנאַט און פארזיכערט די ארבייטער־פאַרטיי מיט לעבענס־מיטלען פאַר אַ גרויסער צאָהל ערוועהלטע פאַרלאַמענטס־מיטגלידער.

---

*) Registrar of Friendly Societies.

אַ דונער־קלאַפּ פאַר דער אַרבייטער פּאַרטיי.

דער ערפאָלג פון דער אַרבייטער־פּאַרטיי האָט דערשראָקען די קאַפּיטאַלגען פון אינדוסטריע, באַזונדערס די אייזענבאַהן־מאַגנאַטען, צוליב דער אַגיטאַציע פאַר נאַציאָנאַליזירונג פון די אייזענבאַהנען. פאַר דעם יאָהר 1910 האָט מען דערוואַרט נייע אַלגעמיינע וואַהלען, און די אַרבייטער־פּאַרטיי האָט זיך צו אָט די וואַהלען פּיבעריש געגרייט. די יוניאָנס זיינען שוין איצט געווען באַפרייט פון אַלע געזעצען, וואָס האָבען זיי געשטערט צו סטרייקען און פּיקעטען. זייערע פאָנדס זיינען געווען געזיכערט געגען אַזעלכע משפּטים ווי דער טעף וועיל פּראָצעס. די אַרבייטער־באַוועגונג איז ברייט פאַנאַנדערגעוואַקסען, פּאָליטיש און עקאָנאָמיש. אַ ברייטע אַגיטאַציע איז שוין דעמאָלט געפיהרט געוואָרען געגען דער וועטאָ־מאַכט פון דעם לאָרדען־הויז. אויב די צאָהל אַרבייטער־פּאַרטרעטער זאָל אין פּאַרלאַמענט אַלץ גרעסער ווערען, וועט דאָך אינגיכען קומען אַ סוף צו דעם קלאַס פון פּריווילעגירטע פּראָפּיטירער. איינער פון די פּאַרלאַמענט־מיטגלידער איז געווען דער פּעהיגער סעקרעטער פון דער גרויסער אייזענבאַהן־יוניאָן, פאַר וועלכען די אייזענבאַהן־קאָמפּאַניעס האָבען באַזונדערס מורא געהאַט. דעריבער האָט מען אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט געפּלאַנט אַ דונער־קלאַפּ פאַר דער יונגער אַרבייטער־פּאַרטיי.

אין יולי, 1908, האָט אַ געוויסער אָסבאָרן, אַ מיטגליד פון דער דערמאָנטער אייזענבאַהן־יוניאָן, פאַרקלאָגט זיין יוניאָן אין געריכט, אַז זי האַנדעלט אומגעזעצליך, ווען זי צאָהלט פון איהר קאַסע פאַר פּאָליטישע צוועקען. זיין לאָיער האָט גע׳טענה׳ט, אַז אַ יוניאָן האָט איבערהויפּט קיין רעכט ניט אָפּצוגעבען זיך מיט פּאָליטישער אַרבייט. זי טאָר ניט אָפיציעל, אַלס אַן אָרגאַניזאַציע, באַטייליגען זיך אין וואַהלען, שטיצען קאַנדידאַטען אָדער העלפען אויפהאַלטען ערוועהלטע מיטגלידער אין פּאַרלאַמענט. אין די קלענערע געריכטען האָבען גוטע אַדוואָקאַטען די דאָזיגע אַרגומענטען צוקלאַפּט, אָבער אָסבאָרן, הגם אַן אַרבייטער, האָט זיך ניט געפוילט צו דערפיהרען דעם פּראָצעס ביז דעם געריכט

פון העכסטען אינסטאנץ אין לארדען־הויז. מיט געלד אויף די גרויסע קאסטען פון דעם פראצעס האט מען איהם קענטיג פאר־זארגט, און די לארדען־ריכטער האבען צוגע׳פסק׳ענט פאר אסבארן און געגען די יוניאנס.

די לאגיק פון די ריכטער איז געווען אזא: די יוניאנס זיינען געזעצליכע קארפאראציעס, זיי עקזיסטירען פאר געוויסע באשטימטע צוועקען, וואס דאס געזעץ שרייבט פאר. על כן טארען זיי ניט טאן קיין זאך אויסער די דערמאנטע צוועקען. אין דעם געזעץ פון 1876, וואס האט זיי געגעבען ארגאניזאציאנס־בארעכטיגונג, ווערט ניט דערמאנט, אז א יוניאן מעג צאהלען די וואהל - הוצאות און די געהאלטען פון פארלאמענט - מיטגלידער, אפילו ווען די מיטגלידער פון דער יוניאן זיינען אין דעם איינ־שטימיג. ווען יענע געזעצען זיינען אנגענומען געווארען איז קיינעם אין געדאנק ניט געקומען וועגען דעם, אז די יוניאנס וועלען זיך באטייליגען אין פאליטישער אקציע. דעריבער איז אסבארן בארעכטיגט געריכטליך אפצוהאלטען זיין יוניאן פון ארויפלעגען א שטייער אויף די מיטגלידער פאר פאליטישע צוועקען. פארמעל האט זיך גערעדט וועגען דער אייזענבאהן־יוניאן, אבער אין דער אמת׳ן האט די אנטשיידונג ארומגענומען אלע יוניאנס און פארמאסטען זיך אויף א טויט־קלאפ פאר דער ארבייטער־פארטיי.

פון דער אנדערער זייט, האבען יוניאן־פיהרער און זייערע אדוואקאטען אנגעוויזען, אז אויב אין דעם געזעץ איז ניט דער־מאנט וועגען פאליטישע צוועקען, זיינען אויך ניט דערמאנט א סך אנדערע זאכען, דהיינו, פאראנשטאלטען באלעהרענדע פארטראגען, פארנעהמען זיך מיט בילדונגס־אויפגאבען, זאמלען קאסעס פאר טויטען־בענעפיט. און האט דען דאס געזעץ געמיינט, אז מען קען זיי דאס אלץ פארוועהרען? בארויבט ניט די אנטשיידונג הונ־דערטער טויזענטער מענשען פון זייער פרייהייט און רעכט צו זיין פאליטיש ארגאניזירט? מעגליך אז דאס געזעץ איז ניט פאלשטענדיג. אבער וואס פאר א רעכט האבען די ריכטער דאס

געזעץ צו ענדערען? די ארבייט פון ענדערען געזעצען איז די פונקציע פון פּארלאַמענט און ניט פון די ריכטער.

מען קען זיך פאָרשטעלען, אז די אנטשיידונג האָט דערפרעהט די הערצער פון די אינדוסטריעלע און פּאָליטישע הערשער. אפילו דער ליבעראַלער רעגירונג אונטער פּרעמיער אסקוויט האָט דאָס גרויס הנאה געטאָן. פאַר אַ משך פון פיר יאָהר האָט די רעגירונג אַלץ אָפּגעלעגט די פראַגע. דערווייל האָבען פּאָליטיקער און אייגענטום־באַזיצער אין פּראָווינציעלע שטעדט געשאָטען מיט געלד אויף „אינדזשאָנקשאָנס" געגען לאָקאַלע יוניאָנס, וואָס האָבען זיך באטייליגט אין ארויסשטעלען און שטיצען קאנדידאַטען פון דער ארבייטער־פּארטיי פאר לאָקאַלע רעגירונגען אָדער פאר'ן פּאַרלאַמענט.

יוניאָנס ווערען ענדליך פריי אין 1913.

אָבער אָט די אַלע שטערונגען און געגען־געפּיהלען האָבען פארבימערט די ארביטער־מאַסען און זיי אריינגעגעבען אַ פעסטערע אנטשלאָסענהייט אום יעדען פּרייז די ארבייטער־פּארטיי אויפצוהאַלטען. די אַגיטאַציע אין פאָלק איז פארשטארקט געוואָרען, די אויפקלערונגס־מיטלען — ארבייטער־שולען און אוניווערזיטעטען — זיינען אויסגעברייט געוואָרען. דער ענין האָט געליפערט גלענצענדע טעמעס און לאָגישע ארגומענטען פאר די רעדנער און בראָשורען־שרייבער. די אטאַקע פון די אייזענבאַהן־קאָמפּאַניעס האָט אין יאָהר 1910 געהאָלפען פארגרעסערען די צאָהל וועהלער מיט מעהר ווי אַ דריטעל, ווי עס ווייזען די אונטערשטע ציפערען פאר די זיבען אַלגעמיינע וואהלען פון 1900 ביז 1923.*)

*)

	צאָהל וועהלער	דעפּוטאַטען
1900	62,698	2
1906	323,195	29
1910	505,690	40
1910	570,802	42
1918	2,244,956	61
1922	4,236,733	142
1923	4,348,379	192

(2טען מאָל)

(ציפערען אנגעגעבען פון ארטור הענדערסאָן אין „לייבאר מעגעזין" יאנואר, 1924.)

אין יענעם יאָהר געהען אויך איבער צו דער פארטיי אין פארלאמענט די ארבייטער־פארטרעטער וואס האבען זיך פריהער אפיציעל גע־האלטען מיט דער ליבעראלער פארטיי.

ווי שוין באשריבען אין א פריהעריגען קאפיטעל, איז אין יאָהר 1911, מיט דער הילף פון דער ארבייטער־פארטיי, באַ־שרענקט געוואָרען די וועטא־מאכט פון דעם לאָרדען־הויז, און דאס אין יענעם יאָהר האט אויך דער רעגירונגס־בודזשעט פאָר־געשריבען א געהאלט פון 400 פונט א יאָהר פאר יעדען ערוועהל־טען פארלאמענט־מיטגליד. דאס האט אפגענומען די גאנצע ממשות פון דעם אָסבאָרן־אורטייל. יעדענפאלס האט די רעגירונג אונטער פרעמיער אסקוויט אין יאָהר 1913 אָנגענומען א געזעץ, וואס האט ענדליך געגעבען די טרייד־יוניאָנס יעדע געזעצליכע פרייהייט. פון דאן אָן מעגען זיי זאמלען א ספעציעלע פאָליטישע קאסע, אויב עס ווערט אָנגענומען דורך א באלאָט־אָפשטימונג, און די מיטגלידער, וואס זיינען פרינציפיעל געגען דעם, דארפען דעם שטייער ניט צאָהלען.

7. סינדיקאַליזם, די „שאַפּ-סטואַרדס" און גילד-סאָציאַליזם.

סינדיקאַליזם אין ענגלאַנד, אַ פּראַקטישע באַוועגונג. — דער גרויסער טראַנספּאָרט סטרייק אין 1911. — דער היסטאָרישער דריי־בונד. — די „שאַפּ־סטואַרדס" באַוועגונג, 1915־1917. — דער אָרגאַניזאַציאָנס פּלאַן פון די „שאַפּ־סטואַרדס". — די איבערגעבליבענע „שאַפּ סטואַרדס" גרינדען אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — דער גילד־סאָציאַליזם. — די גילדע אין דער בוי אינדוסטריע.

דאָס ענגלישע ווערטעל „שטילע וואַסערען גראָבען טיף", וואָס ווערט אַ סך מאָל אָנגעווענדט אויף רוהיגע, פלעגמאַטישע נאַטורען, איז באַזונדערס אָנווענדבאַר אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון די אַרבייטער־מאַסען אין ענגלאַנד. אַזעלכע ווערטער ווי „מאַסען־אַקציע", „מאַסען־קאָנטראָל", „מאַסען־באַוועגונג" האָבען געהאַט זייער אורשפּרונג ניט אין טעאָריעס, נאָר אין דער פּראַקטיק פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין ענגלאַנד. דער ערשטער געדאַנק פון די סאָוויעטען אין רוסלאַנד, און די פאַרטרעטערשאַפט לויט אינדוסטריען, איז אַ בריטישע אידעע, גענומען פון דער שאַפּ־סטואַרדס־באַוועגונג אין ענגלאַנד אין 1915—1917, וואָס מיר באַשרייבען דאָ ווייטער אין אָט דעם קאַפּיטעל. דער ענגלענדער האָט בטבע אַ רוהיגען טעמפּעראַמענט. אָבער ווען ער ווערט צוואַוואַרימט אין אַ מאַסען־פאַרזאַמלונג ווערט ער אימפּולסיוו און „גראָבט" מיט זיין האַנדלונג גאַנץ „טיף". דער פראַנצויזישער אַרבייטער איז זעהר אימפּולסיוו, אָבער ער בייט זיינע אַפּגעטער צו אָפט. היינט איז ער ענטוזיאַסטיש פאַר רעוואָלוציע און מאָרגען פאַר רעאַקציע. דער איטאַליענישער אַרבייטער איז אימפּולסיוו, אָבער דאָס פייער פון דעם אימפּולס ברענט זיך ביי איהם גיך אויס. דער פלעגמאַטישער טעמפּעראַמענט פון דעם

ענגלישען ארבייטער מאכט זיין אימפולס פאר א בארעכענטען, א לאגישען. ער איז פעהיג אימפולסיוו צו ווערען נאר דאן, ווען די אומשטענדען ערלויבען דאס. דאן קען זיין אימפולס שאפען א ברייטע מאסענבאוועגונג, גרויסע סטרייקס, און ברענגען איהם דערפון גוטע רעזולטאטען.

סינדיקאליזם אין ענגלאנד — א פראקטישע באוועגונג.

סינדיקאליזם איז אנטשטאנען אין פראנקרייך. עס איז איבערהויפט א פראנצויזישער ווארט. אין פראנצויזיש מיינט דאס ווארט בלויז יוניאניזם. אבער אין פראנקרייך האט סינדיקאליזם כמעט גארניט אויפגעטאן; ס'איז געבליבען א טעאריע. אין ענגלאנד האט דאס ווארט באקומען א נייעם זין: עס האט זיך אויסגעדריקט אין אימפולסיווער, דירעקטער אקציע, אין ריזיגע גענעראל סטרייקס איבער'ן לאנד, וועלכע האבען געהאט ממשות'דיגע רעזולטאטען. ס'האט געבראכט צייטווייליגע געווינסען און פאראייניגט די ארבייטער אויף א גרויסען מאסשטאב. ס'האט געגעבען דער ארבייטער־באוועגונג אין ענגלאנד שוואונג און ברייטקייט. די גרויסע טרייד יוניאנס האבען פון סינדיקאליזם און דער שאפ סטווארדס באוועגונג ארויסגענומען דאס ניצליכע און פראקטישע.ביידע האבען איבערגעלאזען זייער ווירקונג און זיינען אוועק פון קאמפס־פלאץ; די גרויסע טרייד יוניאנס און זייער ארבייטער־פארטיי זיינען געבליבען.

אין פראנקרייך האט דער סינדיקאליזם טיילוויז אפגעפרישט דעם אנארכיזם. ער האט געדונערט געגען יעדען סארט רעגירונג. ער איז געווען אנטי־פארלאמענטאריש. ער האט געשטרעבט צו ברענגען די סאציאלע גאולה דורך עקאנאמישע באפרייאונג אליין. די ארבייטער דארפען זיין ארגאניזירט לויט אינדוסטריען און איבערנעהמען די אינדוסטריע אין זייערע הענט אהן דעם שטאאט, אהן דער רעגירונג. און ווען אט דער אידעאל וועט פארווירקליכט ווערען, וועט שטאאט און רעגירונג זיין אן איבעריגע זאך. דער זעלבער אנארכיזם נאר אנדערש געשליירט, באגרינדעט אויף דער אינדוסטריע אנשטאט אויף דער מענשהייט.

דער גרויסער טראַנספּאָרט סטרייק אין 1911.

טאָם מענן, איינער פון די פיהרער פון דעם נייעם יוניאָניזם מיט צוואַנציג יאָהר פריהער, האָט אימפּאָרטירט דעם סינדיקאַליזם פון פראַנקרייך קיין ענגלאַנד אין יאָהר 1910. אָבער אזוי ווי טאָם מענן איז אַן ענגלענדער, נעהמט ער זיך גלייך דורכפיהרען די סינדיקאַליסטישע טעאָריע אין פּראַקטיק אויף דעם ענגלישען שטייגער. ער איז אַ פייערדיגער רעדנער און קען ווירקען אויף די מאַסען, אָרגאַניזירט ער גרויסע סטרייקס. אָט איז טאָם מענן'ס סינדיקאַליסטישע פילאָזאָפיע:

1. דער סינדיקאַליזם איז רעוואָלוציאָנער. ער געהט ניט אריין מיט ארבייטס־געבער אין לאַנג־דויערנדיגע אָפּמאַכען.

2. ער באַנוצט זיך מיט יעדער געלעגענהייט צו קעמפען פאַר אויסבעסערונגען.

3. ווען די ארבייטער זיינען איינשטימיג און פיהרען זייער באשלוס דורך אין אַקציע, ווערען זיי מעכטיג.

4. ס'איז ניט נויטיג צו בעטען ביי די פּאַרלאַמענטאַריער די ארבייטס־שטונדען צו פאַרקירצען; די ארבייטער דאַרפען דאָס טאָן אליין, דורך דירעקטע אַקציע. *)

אָבער טאָם מענן לעגט געוויכט דערויף, אַז אָט די פילאָזאָפיע איז ניט אַנטי־פּאָליטיש. ער באַקעמפט ניט די פּאָליטישע באַוועגונג; ער גיט נאָר פון צייט צו צייט די „פּאָליטיקער פון דער ארבייטער־פּאַרטיי" אַ שטורך אין זייט. ער גרינדעט אַ סינדיקאַליסטישען אויפקלעהרונגס־פאַרבאַנד, גיט ארויס אַ סינדיקאַליסטישען מאָנאַט־בלאַט און גרייט די ארבייטער צו דירעקטער אַקציע. דער היסטאָרישער סטרייק פון די טראַנספּאָרט־ארבייטער אין ענגלאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט די מאַטראָזען און טרעגער ביי די שיפען, האָט שפּעטער ארומגענומען די אייזענבאַהן און טראַמוואַי ארבייטער, פאַקטיש אין אַלע ענגלישע האַפענס, און די קוילען־טרעגער און די ארבייטער ביי אַנדערע אינדוס־

*) Tom Mann, Industrialist Syndicalist, July, 1910.

טריען. דער סטרייק האט געצוואונגען באלעבאטישע מענשען מיט ווייכע הענט צו פארקאשערען די ארבעל, הויבען לאפעטעס און באגיסען זיך מיט שוויים. אט דער סטרייק, און די אונצעהליגע גרויסע סטרייקס אין ענגלאנד אין פארלויף פון קריג און ביז היינט, זיינען דירעקט און אינדירעקט די פרוכט פון טאם מענן'ס דעמאלדיגער אגיטאציע.

דער היסטארישער דריי־בונד.

צוערשט האבען די צענטראל עקזעקוטיווען דעם סטרייק ניט אנערקענט, אבער די געוואלדיגע כוואליעס האבען זיי מיטגעצויגען. דער סטרייק האט אנגעהאלטען 72 טעג און האט געבראכט געווינסען פאר די ארבייטער. פאר א ווייל האבען די מאסען די פיהרער ניט געפאלגט און די צייטונגס־שרייבער האבען דאס סענסאציאנעל אנגערופען א „רעוואלט געגען די אלטע פיהרער". אבער דער „רעוואלט" האט צו קיין רעוואלוציעס אין די יוניאנס ניט געבראכט. ווייל וואס מען זאל ניט זאגען אויף די יוניאן־פיהרער אין ענגלאנד — אז זיי זיינען קאנסערוואטיוו, אויסגערעכענט, לאנגזאם — אין ניט־עהרליכקייט אדער ניט־ערנסטקייט קען מען זיי ניט באשולדיגען.

די פיבערישע טעטיגקייט, וואס דער סינדיקאליזם האט ארויסגערופען ביי די מאסען, האט באשאפען א באוועגונג צו פארשמעלצען די קלענערע יוניאנס אין גרויסע אינדוסטריעלע יוניאנס. דער היסטארישער דריי־בונד *) פון דער קוילען־גרעבער פעדעראציע, פאראייניגטע אייזענבאן־ארבייטער און טראנספארט־ארבייטער פעדעראציע, וואס איז געגרינדעט געווארען אין 1914, מיט א מיטגלידערשאפט פון אן ערך צוויי מיליאן ארבייטער, האט געהאלטען די אויבערהארען פון אט די אינדוסטריען אין דער מורא און אין צוים ביז דעם יאהר 1921. דער דאזיגער דריי־בונד האט געהאט די מאכט אפצושטעלען די גאנצע אינדוסטריע פון לאנד. זיינע פיהרער האבען דאס אבער ניט גע־

*) Triple Alliance.

טאָן, וואָרים עס האָט געקענט שטאַרק וועה טאָן דעם לאַנד און ברעכען די גאַנצע ארבייטער־באַוועגונג. דאָס וואָלט פאַקטיש געמיינט אַ רעוואָלוציע, און אַ רעוואָלוציע אָהן פאָלשטענדיגער פּאָליטישער מאַכט איז ווי אַ שווערד מיט צוויי שאַרפען. די ענגלישע אַרבייטער ווילען זיך ניט שפּילען מיט אַ רעוואָלוציע, וואָס וואָלט געבראַכט מיט זיך אַ דיקטאַטור און אַ שרעקליכע רעאַקציע.

אָט דערפאַר איז דער דריי־בונד געפאַלען. אין זייער סטרייק אין 1921 האָבען די קוילען־גרעבער פאַרלאַנגט, אַז דער דריי־בונד זאָל ארויסרופען אַלע זיינע איבעריגע מיטגלידער אויף אַ סימפּאַטיע־סטרייק. אָבער די פיהרער און די איבעריגע מיט־גלידער האָבען זיך ענטזאַגט צו מאַכען אַן אומצייטיגע רעוואָ־לוציע. די אַרבייטער האָבען זיך דעמאָלט איינגע די אַנדערע ניט ריכטיג פאַרשטאַנען. די קוילען־גרעבער האָבען זיך פריהער גע־דאַרפט באַראַטען מיט די איבעריגע צוויי אָרגאַניזאַציעס.

די שאָפּ־סטואַרד באַוועגונג, 1915—1917.

אַ קינד פון דעם סינדיקאַליזם, וואָס איז פריהצייטיג פון דער וועלט געגאַנגען, איז געווען די שאָפּ־סטואַרד באַוועגונג, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין קריגס־צייט און געשטאָרבען באַלד נאָכ'ן וואַפען־שטילשטאַנד. דער איינציגער נוצען, וואָס מען האָט פון אָט דער באַוועגונג געצויגען איז געווען, אַז די פיהרער מוזען זיך מעהר רעכענען מיט'ן ווילען פון די אַרבייטער און האַנדלען שנעל, מיט דירעקטער אַקציע, ווען די אומשטענדען פאָדערען דאָס. און די פיהרער האָבען באַלד איינגעזעהן די פּראַקטישקייט פון רעכע־נען זיך מיט'ן ווילען פון פאָלק וואָס מעהר און וואָס אָפטער. זיי האָבען די שאָפּ סטואַרדס אַנערקענט און געאַרבייט מיט זיי, ביז עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז וואָס די שאָפּ־סטואַרדס טוען אויף, קען מען ביי גינסטיגע אומשטענדען אויפטאָן אָהן זיי, און אויב די אומשטענדען זיינען ניט גינסטיג, קענען אפילו געטער אויך גאָרניט אויפטאָן. „דער מאָאָר האָט געטאָן זיין אַרבייט, דער מאָאָר קען געהן". די באַוועגונג איז אַנטשטאַנען אין קריגס־

צייט, ווען דער נאָכפרעג אויף ארבייט איז געווען זעהר גרויס, ווען פאבריקאנטען זיינען געווען גענויגט צו איגנאָרירען מענשליכע געפיהלען, ווען די מיליטערישע נויט וואָלט אפילו געמאכט א בריק פון לעבעדיגע מענשען, אבי דאָס וואסער אריבערשפּאנען. איז דעמאָלט אנטשטאנען די שאפּ־סטואַרד באוועגונג כדי די דאָזיגע ניט־מענשליכע אפּעטיטען איינצוהאלטען.

דער חילוק צווישען די געוועהנליכע שאפּ־טשערלייט אין אמעריקע און די שאפּ־סטואַרדס אין ענגלאנד אין יענער צייט איז דער, וואָס די שאפּ־טשערלייט זיינען „אָפיציעל“. זיי האנדלען אין בעראטונג מיט די פיהרער און דער עקזעקוטיווע און ווערען פון דער יוניאָן קאָנטראָלירט; בשעת יענע שאפּ־סטואַרדס האָבען זיך גערופען „ניט־אָפיציעל“, און געהאנדעלט מחוץ דער יוניאָן־קאָנסטיטוציע, ניט אנערקענענדיג קיין שום פיהרער אָדער אויטאָריטעט, און איבערנעהמענדיג די קאָנטראָל איבער די ארבייטער פון דער פאבריק אזוי גיך ווי א סכסוך איז אנטשטאנען. דער פאבריקאנט נויטיגט זיך אין דער ארבייט און שליסט גלייך פריעדען מיט דער קאָמיטע פון שאפּ־סטואַרדס אָהן דער יוניאָן אָדער איהרע באאמטע. און ווען די צייטונגס־שרייבער האָבען די באוועגונג א ביסעל צוגעפארבט און געמאכט דערפון א סענסאציע; ווען זשורנאליסטען און רעגירונגס־מענשען און כלל־טוער זיינען געגאנגען די שאפּ־סטואַרדס אינטערוויוען, איז די באוועגונג דערמיט אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף א הויכער פּאָזיציע און מען האָט פאר א צייט געמיינט, אז איינגיכען וועט זי פארנעהמען דאָס אָרט פון די יוניאָנס מיט זייערע צענטראל עקזעקוטיוועס.

דער אָרגאניזאציאָנס־פּלאַן פון די שאפּ־סטואַרדס.

וואָס מעהר דער קריג נויטיגט זיך אין פּראָדוקציע, אלץ וויכטיגער ווערען די שאפּ־סטואַרדס קאָמיטעס. אין יאָהר 1917 דערגרייכען זיי די העכסטע שפּיץ פון טעטיגקייט. זיי האָבען שוין דעמאָלט אפילו א גאנצען אָרגאניזאציאָנס־פּלאַן וואָס איז ניט פיל מעהר דעמאָקראטיש ווי די יוניאָן גופא. ניט מעהר, דער פּלאַן טראָגט איבער די מאכט פון דער יוניאָן־עקזעקוטיווע

כלומרשט צו די אַרבייטער־רייהען, אָבער אין דער אמת'ן צו די נייע פיהרער, די שאַפּ סטוארדס אָדער שאַפּ־קאָמיטע. אַט זיינען א פּאָר איינצעלהייטען:

1. דער שאַפּ, אָדער אָפּטיילונג פון א פאַבריק, ערוועהלט א סטוארד אָדער א קאָמיטע פון סטואַרדס, נים לויט זייער פאַך, אָדער זייער יוניאָן, נאָר אַלס אַרבייטער. די סטואַרדס פאַר־האַנדלען מיט דער פאַרוואַלטונג אַלע קלאַגעס און סכסוכים.

2. די דאָזיגע קאָמיטע טיילט פון זיך אויס א דעלעגאַט צו א העכערער קאָמיטע פאַר דער גאַנצער פאַבריק. (דאָ האַנדעלט זיך הפּנים וועגען גרויסע אַמוניציע־פאַבריקען מיט פאַרשיידענע אָפּטיילונגען און צעהנדליגער טויזענטער אַרבייטער. — פאַר־פאַסער).

3. די קאָמיטע פון יעדער גרויסער פאַבריק פון א געגענד טיילט פון זיך אויס א פאַרטרעטער פאַר א דריטער קאָמיטע אָדער קאָונסיל. דער דאָזיגער קאָונסיל ווערט איינגעטיילט אין אָפּטיי־לונגען לויט די אינדוסטריען וואָס זיינען אין איהם פאַרטראָטען.

4. דער קאָונסיל פון דעם געגענד טיילט פון זיך אויס פאַר־טרעטער פאַר דעם נאַציאָנאַל־ראַט אָדער קאָנגרעס.

5. די קאָמיטעס האָבען נים קיין עקזעקוטיווע מאַכט. יע־דער באַשלוס דאַרף גוטגעהייסען ווערען פון די אַרבייטער־רייהען.

עס ווערט צוגעגעבען פון איינעם פון די פיהרער,*) אַז דער פּלאַן האָט נים פאָלשטענדיג גוט געאַרבייט אין דער פּראַקטיק, און די „נים־אָפיציעלע" סטואַרדס זיינען מיט דער צייט געוואָרען „אָפיציעלע". דאָס מיינט: זיי האָבען געהאַנדעלט אין באַראַטונג מיט זייער יוניאָן און איהרע פיהרער. אין יאָהר 1917 האָבען אַזעלכע דעלעגאַטען פון 21 שטעדט אָפּגעהאַלטען א קאָנפערענץ. זיי האָבען געשלאָסען אָפּמאַכען מיט פאַראיינען פון אַרבייטס־געבער. אין 1915 האָבען זיי אין שעפילד קאָנטראָלירט אַן ערך

*) דזשיי ט. מוירפי.

25,000 אינדזשינירען. אין די שטעדטלאך ביי דעם טייך קלאיד אין שאטלאנד האבען זיי קאנטראלירט 45 טויזענט אינדזשינירען. א סטרייק אונטער זייער איינפלוס האט ארומגעכאפט 200 טויזענט ארבייטער פון צוועלף שטעדט. אבער שפעטער, ווען זייערע קאמיטעס האבען ארומגענומען אויך יוניאנס פון קוילען־גרעבער, היטעל־מאכער, לעהרער, אייזענבאהן ארבייטער און ארבייטער פון די בוי־אינדוסטריען, האבען זיי אנגעהויבען פארלירען זייער איינפלוס און האבען אפילו אויף דער שטיצע פון 45 טויזענד ניט געקענט רעכענען. מעהר ווי א פאר טויזענט ארבייטער האבען קיין בייטראגען ניט געצאהלט, אבער יעדע סעקציע האט געוואלט אויסאיבען די גאנצע מאכט.

די איבערגעבליבענע שאפ־סטוארדס גרינדען א קאמוניסטישע פארטיי.

ווען די מעהרסטע סטוארדס זיינען ווידער געקומען אונטער דעם איינפלוס פון די גרויסע, גוט־ארגאניזירטע יוניאנס, זיינען די גרויסע יוניאנס געווארען רעוואלוציאנערער. דער יונגערער עלעמענט האט אנגעהויבען פאדערען, אז די ארבייטער זאלען האבען א דעה, אדער א בשותפות׳דיגען קאנטראל, מיט די ארבייטס־געבער איבער זייער אינדוסטריע. די פאדערונג ווערט פארטיידיגט פון אלע, די יוניאן־פיהרער ווי די פאליטישע פיהרער. א סך זיינען אויך מיט דער מיינונג, אז דירעקטע אקציע קען העלפען, וואו פאליטישע מיטלען העלפען ניט. דער געבליבענער עלעמענט האט געפרואווט צונויפהאלטען אן אינדוסטריעלע יוניאן אונטער פארשיידענע נעמען און פארמען, אבער אט די אלע ארגאניזאציעס האבען ניט געהאט קיין ערפאלג און קיין איינפלוס. האבען א טייל פון זיי געגרינדעט די ענגלישע קאמוניסטישע פארטיי אין מאנאט אויגוסט, 1920.

ווען די אידעען פון דעם קאונסיל אדער סאוויעט, און „דיקטאטור פון פראלעטאריאט” זיינען נאך געווען פריש, און דאס רוב מענשען האבען ניט קלאר באגריפען די באדייטונג און פאלגען פון די דאזיגע אידעען, זיינען געוויסע רעוואלוציאנערע עלעמענ־

טען צוגעשטאַנען צו דער נייער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָבער דער ערפּאָלג פון דער ארבייטער־פּאַרטיי האָט באוויזען, אַז פאר אַזאַ פּאַרטיי, ווי די קאָמוניסטישע, איז קיין באַדען ניטאָ. די קאָמוניסטישע פּראָגראַם פון דיקטאַטור, וואָס ווערט דאָך אייגענט־ליך אויף דעם רוסישען פאָלק ארויפגעצוואונגען נעגען זיין ווילען און מיט געוואלד, קען קיינמאָל צום ענגלישען ארבייטער ניט אַפּעלירען. ווען מען וואָלט די מיליאָנען אָרגאַניזירטע ארבייטער אין ענגלאַנד אָנגעבאָטען צוויי ברירות: צוואַנג אונטער אַ סאָ־ציאַליסטישער געזעלשאַפט און פרייהייט צו קעמפען פאר רעפאָר־מען, וואָלט ער זיכער אויסגעקליבען די לעצטע ברירה.

ווי מיר האָבען כסדר געזעהן אין אונזער איבערבליק, איז די גאַנצע פּאָליטישע געשיכטע פון דעם ארבייטער־קלאַס א י י ן קאַמף נאָכ'ן צווייטען פאר ברויט און פרייהייט. דערפאַר ווערט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַלץ קלענער אין צאָהל. די דערהויבונג פון דער ארבייטער־פּאַרטיי צו דער רעגירונג פון לאַנד איז ניט גינסטיג פאר אַזאַ פּאַרטיי. ווייל אזוי גיך ווי די ארבייטער־פּאַרטיי וועט האָבען אַן אבסאָלוטע מאַיאָריטעט אין פאָלק און אין פּאַרלאַמענט — און דאָס וועט שוין לאַנג ניט דויערען — וועט זי אימשטאַנד זיין ביסלאַכווייז אַ סך אינדוסטריען צו סאָ־ציאַליזירען, אָפּשאַפען ארבייטסלאָזיגקייט און פארזיכערען יעדען ארבייטער מיט אַן אַנשטענדיגען לעבען, אונטער באדינגונגען פון דער ברייטסטער פרייהייט. פאר די לאָגישע ענגלענדער פּאַסט זיך דער ניט־לאָגישער קאָמוניזם ווי אַן ארבעס צום וואַנט.

דער גילד סאָציאַליזם.

אַן אנדער קינד פון דעם סינדיקאַליזם איז דער אַזוי־גערופע־נער גילד סאָציאַליזם, אַ פּראַקטישע טעאָריע, וואָס פּאַסט זיך צום ענגלישען כאַראַקטער, ווייל זי פאַראייניגט רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט מיט פּראַקטישער ארבייט, סאָציאַליזם מיט געשעפט. די טעאָריע ווייזט אָן פּראַקטישע וועגען, ווי אזוי מען קאָן דורך פאָלשטענדיגע אָרגאַניזאַציע פארטרייבען די קאַפּיטאַליסטישע

אונטערנעמער פון דער אינדוסטריע און די אינדוסטריעס סאָציאַליזירען אויף דעם אינדוסטריאַליסטישען אופן.

אַלס דענקער זוכט דער ענגלענדער אַלעמאָל, וואָס מען רופט אין דער פילאָזאָפיע, א „סינטעז“ פון טעאָריע און געדאַנקען מיט דער פּראַקטיק פון לעבען, א פאַראייניגונג אָדער צופּאַסונג פון אידעען און באַגריפען צו דער ווירקליכקייט און דער דערפאַהרונג. און דער בעסטער ביישפּיל דערפון איז דער גילד סאָציאַליזם, וואָס פאַראייניגט דעם אַלטען טרייד־יוניאָניזם מיט דעם נייעם סינדיקאַליזם און ביידע מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, פּאַרלאַמענט און דעם שטאַאַט, און ברענגט אַרוים א נייע אידעע — די סאָציאַליסטישע גילדע, אָדער די אינדוסטריעלע יוניאָן אויף א גרויסען מאַסשטאַב. מיט אַנדערע ווערטער:

1. די יוניאָן איז די גילדע. די ערשטע באַדינגונג איז, אַז אַלע אַרבייטער מוזען זיין פאַראייניגט. אָהן דעם הויבט זיך גאָרניט אָן.

2. די יוניאָן איז אינדוסטריעל אָרגאַניזירט, און זייענדיג פולשטענדיג פאַראייניגט, איז זי בכח פולשטענדיג צו קאָנטראָלירען איהר אינדוסטריע. למשל, די קוילענגרעבער פעדעראַציע, דורך איהר עקזעקוטיווע, איז דער בעל־הבית איבער דער גאַנצער ארבייט אין די מינען אין דעם איבערגאַנגס פּעריאָד פון דעם קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם. זי האָט פּאַקטיש א מאָנאָפּאָל אויף דער אַרבייט און דיקטירט די מינען אייגענטימער די באַדינגונגען, אויף וועלכע זי וועט ערלויבען די אַרבייטער די קוילען צו גראָבען. קיין סטרייק־ברעכער זיינען מעהר ניטאָ. דער שטאַט מישט זיך ניט אין דער אינדוסטריע. ער איז שוין, פאַרשטעהט זיך, מעהר־ווייניגער, אַן אַרבייטער־שטאַט. קאַפּיטאַל און אַרבייט קעמפען, אַלזאָ, אוים זייער שטרייט אין די לעצטע טראַנשעען. און קאַפּיטאַל איז ענדליך דער פאַרלירער, וואָרים די באַדינגונגען, וואָס די יוניאָן שטעלט פאַר דער אַרבייט, ווערען אַלץ שווערער, און די אייגענטימער זיינען ענדליך געצוואונגען צו פאַרקויפען די מינען צום שטאַט פאַר די אַרבייטער, וואָס אַרבייטען און פאַר־

טיילען די פּראָדוקטען אויף א קאָאָפּעראַטיווען אופן און ווערען באלוינט פון דער גילדע לויט זייערע פאַרדינסטען. אי דאָס לוין־סיסטעם, אי דאָס פּראָפיט־סיסטעם שטאַרבען, אלזא, א נאַטיר־ליכען טויט. דאָ און דאָרט איז נאָך פאַראַן א פאַרמעגליכער מענש, אָבער די ירושה־שטייערען זיינען אזוי הויך, אז ווען ער שטאַרבט, בלייבט כמעט גאָרניט איבער פאַר זיינע יורשים. וואָרים אין דער אמת'ן, פאַר וועלכע מעשים טובים קומט זיינע זיהן און טעכטער א ירושה? — פרעגען אלע סאָציאַליסטען. — האָבען זיי דען אויף דעם געאַרבייט? און דאָס זעלבע, וואָס געשעהט מיט די מינען, געשעהט מיט די איבעריגע אינדוסטריען.

3. און דער פּאָליטישער שטאַט — וואָס איז זיין פונקציע? דערויף ענטפערט דער גילד סאָציאַליזם, אז פאַר דעם שטאַט בלייבט געוויס נאַציאָנאַלע טעטיגקייט — בילדונג, ערציהונג, אויסערליכע פּאָליטיק און הונדערטער אַנדערע פראַגען. אַלץ, נאָר ניט אינדוסטריע. אינדוסטריע איז אונטער דעם קאָנטראָל פון דער גילדע, פון די אַרבייטער, פּונקט ווי זי איז היינט אונטער דעם קאָנטראָל פון די טראָסטס.*)

מיר האָבען דאָ איבערגעגעבען בלויז דעם תמצית פון דעם טעאָרעטישען גילד סאָציאַליזם. אין ענגלאַנד איז אנטשטאַנען א גאַנצע ליטעראַטור איבער דער פראַגע און א באַוועגונג די אידעען דורכצופיהרען. ריטשאַרד אָרעדזש, רעדאַקטאָר פון אן איינפלוסרייכען מאָנאַטליכען זשורנאַל**) איז געווען איינער פון די פּיאָנערען. ג. ד. ה. קאָול, א באַוואוסטער שרייבער איבער טרייד־יוניאָניזם און אינדוסטריע, איז איינער פון די גייסטיגע פיהרער פון דער באַוועגונג. דער קריג און די אינדוסטריעלע פּראָבלעמען, וואָס ער האָט אַרויסגערופען, האָט דער דאָזיגער

*) דער פּלאַמב פּלאַן פאַר די אייזענבאַהנען אין אַמעריקא, וואָס האָט מיט א פּאָר יאָהר צוריק אַרויסגערופען אזוי פיל דיסקוסיעס, איז פּאַקטיש גילד־סאָציאַליזם צוגעפּאַסט צו אַמעריקאַנער אומשטענדען.

**) The New Age.

באוועגונג א סך אימפעט צוגעגעבן. די פּאָפּולערסטע יוניאָן־טוער, ווי ראָבערט סמיללי פון עלטערען דור און פרענק האדזשעס פון אינגערען דור, זיינען ווארימע אָנהענגער פון דעם גילד סאָציאַליזם.

די גילדע אין דער בוי־אינדוסטריע.

אין 1921 איז געגרינדעט געוואָרען דער נאַציאָנאַלער גילדע פּאַרבאַנד און האָט פּאָרמולירט זיין פּראָגראַם לויט די אויבענדערמאָנטע אידעען. א נאַציאָנאַלע גילדע ראַט פאַר פּראָפּאַגאַנדע איז געגרינדעט געוואָרען אין 1922 און איז גוטגעהייסען געוואָרען פון דעם טרייד־יוניאָן קאָנגרעס. אפילו די אָרגאַניזירטע פרויען זיינען פאַראינטערעסירט אין דער באוועגונג און האַלטען אָפּ א יעהרליכען גילדע קאָנגרעס. אין דער בוי־אינדוסטריע האָבען די ארבייטער געגרינדעט א גילדע און זיינען גלייך צוגעטראָטען צו דער ארבייט פון בויען הייזער. זיי ארבייטען געמיינשאַפטליך מיט די יוניאָנס לויט אזא פּראַקטישען פּלאַן:

1. די גילדע איז פאַרבונדען מיט די יוניאָנס אין דער בוי־אינדוסטריע און ווערט פון יוניאָן־מיטגלידער קאָנטראָלירט.

2. די גילדע באַשטעהט פון א מיטגליד פון יעדען פאַך אין דער אינדוסטריע, און זי פּאָדערט אויף וואָלונטירען מיט איהר מיטצוארבייטען.

3. די גילדע טיילט אוים פון זיך ספּעציעלע קאָמיטעס, וואָס ערשיינען פאַר לאָקאַלע און שטאָדט־קערפּערשאַפטען אָדער פּריוואַט אונטערנעמער און נעמען אָן קאָנטראַקטען פאַר הייזער און אַנדערע געביידעס.

4. די גילדע קלייבט אוים די בעלי־מלאכות פון די וואָלונטירען. דער באַשטימטער יוניאָן־לוין און אַנדערע יוניאָן־קאָנדיציעס ווערען שטרענג אָפּגעהיט.

5. דער חילוק צווישען דער בוי־גילדע און דעם קאָאָפּעראַטיוו איז, וואָס די גילדע ארבייט אָהן שום פּראָפיטען. זי בויט הייזער צו קאָסט־פּרייז.

די ערשטע גילדע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין מאַנ־טשעסטער אין 1920, זאָגט אין איהר פּרינציפּען־דערקלערונג, אַז זי האָט פּאַקטיש דורכגעפיהרט אַ סאָרט מאָנאָפּאָל אויף דער אַרבייט פון די לאָקאַלע יוניאָן מיטגלידער; יעדער אַרבייטער אין דער אינדוסטריע איז אָן איהר אָנגעשלאָסען. עהנליכע בוי־גילדעס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין אַנדערע ערטער. זיי באַקומען קאַפּיטאַל פאַר זייערע אונטערנעהמונגען אין דער קאָ־אָפּעראַטיווער באַנק.

אין די ערשטע אַנדערהאַלבען יאָהר האָבען זיי אויסגעבויט הייזער אין דעם ווערט פון אַנדערהאַלבען מיליאָן דאָלאַר, און די אַרבייט און די פאַרוואַלטונג זיינען צוגעגאַנגען אין דער בעסטער אָרדנונג.

ליידער איז דער פּראָגרעס פון די בוי־גילדעס געשטערט געוואָרען דורך דעם אינדוסטריעלען קריזיס, וואָס איז אָנגעקומען אין יאָהר 1922. די נאַציאָנאַלע גילדע, פּונקט ווי אַ סך פּריוואַטע אונטערנעמער, האָט געמוזט באַנקראָטירען, ווייל זי האָט זיך פריהער פאַרנומען אויף אַ צו ברייטען מאַסשטאַב. יעדער פּראָ־גרעס איז אָפּהענגיג פון גוטע צייטען. אין שלעכטע צייטען קאָן מען גאָרנישט אויפטאָן. אָבער לאָקאַלע גילדעס האַלטען אָן זייער עקזיסטענץ און אונטערנעמען און פיהרען דורך בוי־אַרבייט ווי ווייט מעגליך. זיי שטעלען זיך נאָך אפילו פאַר אַ גלענצענדע צוקונפט.

8. די פרויען אין דער אַרבייטער פּאַרטיי.

איבער א מיליאָן פרויען אין דער פּאַרטיי.

באַאָבאַכטער פון דער ארבייטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד באַהויפּטען, אַז די פרויען ארבייטערינס זיינען ענטוזיאַסטישער פאַר דעם ערפאָלג פון דער ארבייטער־פּארטיי און ראַדיקאַלער פון די מענער.*) דאָס איז דערפאַר, ווייל די ארבייטער־פּאַרטיי האָט אַלעמאָל געקעמפט פאַר זייער פּאָליטישער באַפרייאונג. קיר האַרדי איז געווען איינער פון די ערשטע אין פּאַרלאַמענט צו פאָדערען שטימרעכט פאַר פרויען.

א צווייטע און פיל שטאַרקערע אורזאַך איז דער פּאַרטיי'ס שטרעבונג איינצופיהרען א נאַציאָנאַלען מינימום־לוין און איהר אָנשטרענגונג אָפּצושאַפען ארבייטסלאָזיגקייט. פרויען זיינען בטבע ניט קיין אידעאַליסטען. זיי זיינען רק פאַרנומען מיט פּשוט'ע, באַלדיגע לעבענס־פראַגען. ליבע, קינדער און א שעהן פאַמיליען־לעבען איז זייער העכסטער אידעאַל. די פרויען, וואָס זאָגען, אַז זיי זיינען, אָדער ווילען זיין, אַנדערש געשטימט, פרייער און מאָדערנער, זיינען אַן אויסנאַם, א פאַרהעלטניסמעסיג קליינע צאָהל. אין פּשוט'ע, באַלדיגע לעבענס־פראַגען האָבען פרויען א שנעלערען, פראַקטישערען בליק, ווי מענער. זיי באַגרייפען אינסטינקטיוו, אַז די פאַרווירקליכונג פון א נאַציאָנאַלען מינימום לוין און רעגעלמעסיגע ארבייט איז פאַר זיי העכסט ווינשענס־ווערט. וואָרים פּאָליטישע באַפרייאונג אָהן עקאָנאָמישער באַפרייאונג האָט אייגענטליך קיין ווערט ניט, איבערהויפּט דערפאַר, וואָס אין ענגלאַנד זיינען פאַראַן מיט צוויי מיליאָן מעהר פרויען ווי מענער.

---

*) Paul Blanshard, “An Outline of the British Labor Movement.”

אין די יאָהרען פאר דעם קריג איז געווען שווער די ארבייטס־פרויען צו אָרגאַניזירען און אין דער אינדוסטריע זיינען זיי איינ־פאך פארשקלאַפט געוואָרען. אין יאָהר 1914 האָט מען גערעכענט דריי מיליאָן פרויען אין דער אינדוסטריע און סך הכל 350 טויזענט זיינען געווען אָרגאַניזירט. אין פארלויף פון קריג האָט די אינ־דוסטריע אריינגעצויגען ביז פינף מיליאָן פרויען, און די יוניאָנס האָבען פאר זיי אויסגעווירקט די בעסטע ארבייטס באדינגונגען, פאר א סך — א גלייכען לוין פאר דער זעלבער ארבייט.

די דאָזיגע ערפאהרונג האָט די ארבייטס־פרויען געעפענט די אויגען וועגען דעם פאקט, אז די יוניאָנס און די ארבייטער־פארטיי זיינען זייערע בעסטע פריינט. דער רעזולטאט איז, אז הגם עס ארבייטען היינט אין דער אינדוסטריע ניט מעהר ווי דריי מיליאָן פרויען, זיינען א העלפט פון דער צאָהל אָרגאַניזירט.

איבער א מיליאָן פרויען אין דער פארטיי.

ביז דעם יאָהר 1921 זיינען געווען צוויי גרויסע פרויען אָרגאַ־ניזאציעס: 1) דער פארבאנד פון טרייד־יוניאָן פרויען,*) וואָס האָט זיך פארנומען מייסטענס מיט אויפקלערונגס ארבייט, מיט ערציהען און באזאָרגען אָרגאַנייזערס, און 2) די נאציאָנאַלע פעדעראציע פון פרויען־ארבייטער, אין וועלכער די לאָקאַלען אָדער ברענטשעס זיינען געווען אָנגעשלאָסען. אין 1921 האָט זיך די ערשטע פאר־שמאָלצען מיט דעם גענעראַל ראט פון דעם טרייד־יוניאָן קאָנגרעס און די צווייטע — מיט דער נאציאָנאַלער יוניאָן פון אַלגעמיינע ארבייטער. אָנשטאָט יוניאָנס פון אויסשליסליך פרויען זיינען די פרויען איצט אָרגאַניזירט אינאיינעם מיט די מענער, אָבער זיי האָבען אייגענע באאמטע און פארטרעטער אין דעם טרייד־יוניאָן קאָנגרעס און אין דער ארבייטער פארטיי. זיי ווערען אויפגענומען אַלס מיטגלידער אין 338 יוניאָנס. זיי צאָהלען קלענערע ביי־טראגען און קריגען אויסגעצאָהלט קלענערע בענעפיטס.

א מיליאָן יוניאָן־פרויען זיינען געווען אָנגעשלאָסען אין דער

*) National Women's Trade Union League.

ארבייטער פארטיי אין 1921 און אכציג טויזענט פרויען אין באַזונדערע פארטיי לאָקאַלען. און אַזוי ווייט איז זייער אויפקלערונג אלס אָרגאַניזירטע ארבייטער דערגאנגען, אַז ביי די וואהלען שטימען זיי הויפּטזעכליך אלס ארבייטער און נאָר צופעליג אלס פרויען. ביי די לעצטע וואהלען האָבען די פרויען וואוטערס געגעבען דער ארבייטער פארטיי איהר מאַיאָריטעט איבער די ליבעראַלען.

זיבעציג טויזענט באַלעבאָסטעס זיינען אָרגאַניזירט אין א קאָאָפּעראַטיווע גילדע, וואָס ארבייט מיט די קאָאָפּעראַטיווען און באשעפטיגט זיך מיט אויפקלערונגס ארבייט. די באַלעבאָסטעס נעמען א דירעקטען אנטייל אין דער געשעפטס־זייט פון די קאָאָפּעראַטיווען און שטימען סאָליד פאַר דער ארבייטער פארטיי.

צוועלף פארשיידענע יוניאָנס און פאראיינען שטעלען צונויף א קאָמיטע פון פרויען, וואָס זאָרגט פאַר די אינטערעסען פון די פרויען אין אינדוסטריע און אין דער פּאָליטיק. דריי פון די צוועלף זיינען אויסשליסליך פרויען אָרגאַניזאַציעס; זיבען זיינען פארשיידענע יוניאָנס און די איבעריגע צוויי זיינען די „פעיביען סאָסייעטי" און די ארבייטער פארטיי. אגב איז כדאי צו באַמערקען, אַז די ארבייטער־פארטיי האָט אַן ערך צעהן טויזענט דירעקטע פארטרעטער אין די שטאָדט און דאָרפס־רעגירונגען. זעכציג פון איהרע פרויען־מיטגלידער זיינען מאגיסטראַטען אָדער לאָקאַלע ריכטער.

9. רעאַקציע און אויפלעבונג נאָכ'ן קריג.

דאָס פּראָגראַם פון 1917, אַ ליכט אין דער פינסטערניש. — דער קאַפּיטאַל־שטייער. — די אַרבייטער פּאַרטיי ווערט אַ נאַציאָנאַלע פאָלקס־פּאַרטיי. — פּאָליטישער אויפטו פון דער אַרבייטער פּאַרטיי. — דירעקטע בילדונגס אַנשטאַלטען. — די אַרבייטער פּרעסע.

דער וועלט־קריג האָט געהאַט צוויי באַזונדערע ווירקונגען אויף דער בריטישער אַרבייטער באַוועגונג: זי איז פריהער געטריבען געוואָרען צוריק, און גלייך דערויף מיט אַ גרויסען אימפּעט פאָרווערטס. אין ענגלאַנד אליין האָט די אַרבייטער־פּאַרטיי אויף דעם אופן בענעפיטירט פון קריג צוליב דעם, וואָס 1) די פּאָליטישע באַדינגונגען זיינען גינסטיג: דאָס רעגירונגס־סיסטעם איז קאָנצענטרירט אין איין געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט; 2) ווייל גלייך נאָכ'ן קריג האָט די רעגירונג געמוזט אומקערען די בירגער זייער טראַדיציאָנעלע פּערזענליכע פרייהייט, און די פּאָליטישע פרייהייט איז פאַרגרעסערט געוואָרען מיט שטימרעכט פאַר פרויען איבער דרייסיג יאָהר אַלט; 3) ווייל די פּאָליטיק ווערט דאָרט, מיט ווייניג אויסנאַמען, געפיהרט פון די אינטעליגענטסטע עלעמענטען. אין אָנפאַנג איז די קליינע מינאָריטעט, וואָס האָט מיט דער מאַיאָריטעט ניט איינגעשטימט, איבעראַל פאַרשריגען און פאַריאָגט געוואָרען. די וואָס האָבען זייער קלאָרען שכל ניט פאַרלאָרען, וואָס האָבען זיך פון דעם קריגס פיבער ניט געלאָזט פאַרכאַפּען, זיינען אין אַ משוגע'נער וועלט באַטראַכט געוואָרען פאַר משוגע. אין דעם פּרט איז ענגלאַנד ניט געווען קיין אויסנאַם פון אַנדערע לענדער.

פון דעם שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלע אינטערעסען האָט די אַרבייטערשאַפט דער נאַציאָן אַ גרויסע טובה געטאָן מיט איהר העלפען דער רעגירונג אין דעם קריג, און זי האָט דערמיט זיך אַליין

אויך געטאָן אַ טובה. עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז אַ גרויסער טייל פון דער עפענטליכער מיינונג הויבט אָן צוליב דעם קוקען אויף דער ארבייטער באוועגונג מיט מעהר סימפּאַטיע. די דענקענדע עלעמענטען פון פאָלק הויבען זיך אָן דערנעהענטערען צו דער אַר־בייטער פּאַרטיי. עס הויבט זיך אָן באַשאַפען אַ מיינונג, אַז די יוניאָן־פיהרער און טוער פון דער ארבייטער פּאַרטיי זיינען ניט אַזוי שרעקליך ווי די רעאַקציאָנערע פּרעסע שטעלט זיי פאָר. דער־מיט דערקלערט זיך דער פּראָגרעס פון דער פּאַרטיי באַלד נאָך דעם וואַפענשטילשטאַנד.

אין דער זעלבער צייט האָט די פאַרשריענע קליינע מינאָ־ריטעט פון דער אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי — קיר האַרדי, רעמזיי מעקדאָנאַלד, פיליפּ סנאָודען און זייערע קאָלעגען — גע־דינט דער באַוועגונג דערמיט, וואָס זיי האָבען געהאַלטען ריין און ניט באַפלעקט די סאָציאַליסטישע טראַדיציעס פון אינטערנאַציאָ־נאַלער סאָלידאַריטעט. קיר האַרדי איז געשטאָרבען אין סעפּטעמ־בער, 1915. פאַר די לעצטע פאָר יאָהר איז זיין געזונט־צושטאַנד געוועזען אַ שלעכטער צוליב זיין אָנגעשטרענגטער ארבייט פאַר דער זאַך. נאָך אין יאָהר 1911 האָט ער די פיהרערשאַפט איבערגעגעבען צו רעמזיי מעקדאָנאַלד. דער ברודער־האַס און גייסטיגע פינסטערניש האָבען זיכער אָפּגעשניטען עטליכע יאָהר פון זיין ניצליכען לעבען. אָבער ער איז געשטאָרבען אין דער זיכערקייט, אַז זיין פיל געליבט קינד — די אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי — בלייבט אין גוטע הענט.

ביז דעם יאָהר 1918 האָט די מינאָריטעט פּאַקטיש זיך צוריקגעצויגען פון דעם פּאָליטישען קאָך. אין אַ סך ערטער זיינען פאַר זיי אפילו די טירען פון פאַרזאַמלונגס־פּלעצער געוועזען פאַרשלאָסען. איין טרייסט פאַר זיי איז געוועזען זייער קלאָרער בליק אין דער צוקונפט. זיי האָבען איינגעזעהן, אַז די וועלט־משוגעת מוז איבערגעהן און דאַן וועט זייער טאָג ווידער קומען. אַ צווייטע טרייסט איז געוועזען דער רעוואָלוציאָנערער פונק, וואָס האָט געטליעט אין די פאַבריקען טראָץ דעם פּאַטריאָטיזם. די



קיר האַרדי אין זיינע לעצטע יאָהרען.

ער איז געשטאָרבען אין דעם עלטער פון 59 יאָהר, נאָך 27 יאָהר טעטיגקייט אין דער ארבייטער באוועגונג. אין פארלאמענט איז ער געווען צוועלף יאָהר. אין דעם טרייד יוניאָן קאָנגרעס איז ער געווען אַ דעלעגאַט אַכט יאָהר נאָכאַנאַנד.

יוניאָנס האָבען פארלאָרען א סך פון זייערע בעסטע מיטגלידער, וואָס זיינען אוועק מיט דער ארמעע אין די שלאכטען, אָבער דער אלטער גייסט פון קאמף און ווידערשטאנד איז אויף א מינוט ניט אָפּגעשוואכט געוואָרען. די יוניאָנס האָבען געמוזט א סך נאָכגעבען דער רעגירונג, אָבער די רעגירונג האָט אויך געמוזט א סך נאָכגעבען די ארבייטער.

דאָס פּראָגראַם פון 1917 — אַ ליכט אין דער פינסטערניש.

אָבער אויב די מינאָריטעט האָט ניט געווירקט עפענטליך, האָט זי געווירקט אויף אַן אנדער אופן. איהר האנט האָט מען געקאָנט זעהן אין דעם היסטאָרישען פּראָגראַם, וואָס די ארביי־טער־פּארטיי האָט פארעפענטליכט צום סוף פון יאָהר 1917. די צייט איז נאָך דעמאָלט ניט געקומען פאר דער פּאקטישער אויפלעבונג פון די מאסען, אָבער די אויפלעבונג ביי דער אינטע־ליגענץ איז שוין געווען. א ליכט האָט שוין געשיינט אין דער פינסטערניש און באלויכט דעם גאנצען האָריזאָנט. דאָס דער־מאָנטע פּראָגראַם „די ארבייטער און די נייע סאָציאַלע אָרדנונג“ *) האָט דערמונטערט א סך גייסטיג דערשלאָגענע אין אלע לענדער. דער פּסוק פון תהלים „אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה“ קאָן דאָ גאנץ פּאסיג אָנגעווענדעט ווערען. די בריטישע ארבייטער־פּארטיי, וואָס איז געווען אזוי פאראכט ביי די מעהרסטע רעוואָ־לוציאָנער־סאָציאליסטישע „בויער“ אין איירָאפּא און אמעריקא; אָט די פּארטיי וואָס מען פלעגט באטראכטען פאר „וואסערדיג“, פאר אומבאהאָלפען, „אָפּאָרטוניסטיש“ — גראָד זי ווערט דער ווינקעלשטיין, דער וועגווייזער פון א נייער ווענדונג אין דער פּאָליטיק פון דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליסטישער ארביי־טער־באוועגונג.

אין דעם פּראָגראַם פון דער פּארטיי זיינען פאָרמולירט פיר הויפּט־פאָדערונגען, וואָס פיהרען אומפארמיידליך צו דער פאר־ווירקליכונג פון דעם סאָציאַליזם:

1. די פאָדערונג פאר א נאציאָנאלען מינימום, וואָס דארף

*) Labor and the New Social Order.

ארומנעמען אלץ אין לעבען. עס מיינט, אז יעדער מענש זאל זיין פארזיכערט מיט א געוויסער מאס ארבייט, לוין, געזונטהייט, ביל־דונג, ערהאלונג און אזוי ווייטער. די מאס קאן פארגרעסערט ווערען, אבער ניט פארקלענערט ווערען.

2. די אינדוסטריע זאל קאנטראלירט ווערען פון פאלק, פון די ארבייטער. דאס מיינט, אז די אינדוסטריע זאל בישלאכוויז איבערגעהן צום שטאט און זיין אונטער פאלקס פארוואלטונג. דאס פראגראם ווייזט אן פראקטישע וועגען און מיטלען, ווי אזוי אט דעם פונקט דורכצופיהרען, און עס האלט שוין גאר ניט ווייט פון אנהויבען דאס דורכצופיהרען.

3. א רעוואלוציע זאל געמאכט ווערען אין נאציאנאלער פינאנץ. דאס איז אייגענטליך דער וויכטיגסטער פונקט. די ארבייטער פארטיי גלויבט ניט אין אוועקנעמען פון אימיצען וועלכע ס'איז אייגענטום אהן געהעריגער באלוינונג. אבער זי גלויבט אין ארויפלעגען הויכע שטייערען אויף די רייכע. זי גלויבט, און מיליאנען גלויבען שוין מיט איהר, אז פראפיט פון ארבייט און אינדוסטריע איז פשוט'ע רויבעריי. די פראפיטירער מוזען, אלזא, אומקערען צום פאלק דורך שטייערען, וואס זיי האבען אויף פאר־שיידענע וועגען אנגערויבט.

דער קאפיטאל שטייער.

דער וועלט־קריג האט שטארק פארגרעסערט די נאציאנאלע חובות פון לאנד. אין מערץ, 1921, האט די ציפער פון די חובות דערגרייכט כמעט זיבען מיט דריי־פערטעל טויזענט מיליאן פונט, אן ערך 37 טויזענט מיליאן דאלאר, און דער יעהרליכער פראצענט באטרעפט שווערע מיליאנען. כדי די סומע צו פארקלענערען, וויל די ארבייטער פארטיי ארויפלעגען שווערע שטייערען אויף די רייכע. און זי האט א פארטיגען פלאן: א שטייער אויף קא־פיטאל *). די טשיקאווע זאך דערפון איז, וואס די אידעע איז געבוירען געווארען אין דעם מוח פון א רייכען קאפיטאליסט און

*) The Capital Levy.

וואָס ליבעראַל־געזאָנענע פאַבריקאַנטען גלויבען אין דעם פּראָיעקט. אָט זיינען אַ פּאָר איינצעלהייטען:

מיט דעם קאַפּיטאַל שטייער זוכט די אַרבייטער פּאַרטיי צו שאַפען אַן ערך דרייצעהן טויזענט מיליאָן דאָלאַר. דער שטייער וואָלט ניט אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף הכנסה פון געשעפטען, אָדער אויף פּראָפיטען, נאָר אויף אינדיווידועלע אייגענטום. פּער־זענליכער אייגענטום אין דעם ווערט פון ניט מעהר ווי 22 טויזענט 300 דאָלאַר, וואָלט קיין שטייער ניט געדאַרפט צאָהלען. דער שטייער הויבט זיך אָן מיט איין פּראָצענט פאַר די, וואָס זייער אייגענטום איז עפּעס איבער דער דערמאָנטער סומע און שטייגט אַלץ העכער און העכער, ביז וואַנען, ווען ער דערגרייכט צו די גרויסע מיליאָנערען, באַטרעפט דער שטייער פופציג פּראָצענט פון זייער אייגענטום. ווען איינעמס אייגענטום באַטרעפט הונדערט מיליאָן און ער דאַרף דערפון אָראָפּגעבען דער רעגירונג פופציג מיליאָן, בלייבט ער דאָך נאָך אַלץ אַ מיליאָנער.

4. אַלע איבערגעלאָזענע פאַרמעגענס זאָלען פאַרנוצט ווערען פאַר אַלעמענס טובה. דערמיט זוכט די אַרבייטער פּאַרטיי צו העכערען די ירושה־שטייערען און ענדליך אינגאַנצען אָפּשאַפען די ירושה. די ערשטע ירושה פון אַ פאָטער צו אַ קינד וואָלט געדאַרפט צאָהלען 20 פּראָצענט; די צווייטע ירושה פון דעם קינד צו זיין קינד — 40 פּראָצענט; די דריטע ירושה — 60 פּראָצענט, און אזוי ווייטער, ביז דער גע'ירשנ'טער פאַרמעגען וועט אינגאַנצען אַריבערגעהן צום שטאַט.

די אַרבייטער פּאַרטיי ווערט אַ נאַציאָנאַלע פאָלקס־פּאַרטיי.

אויף אַזאַ אופן ווערט דער קאַפּיטאַליזם בּיסלאַכווייז אָפּגע־שאַפט. די אינדוסטריע ווערט רעאָרגאַניזירט לויט פּראַקטישער ערפאַהרונג און לויט די נייסטע וויסענשאַפטליכע מעטאָדען אַלס פאָלקס אייגענטום. אַרבייטסלאָזיגקייט ווערט אָפּגעשאַפט, ווארים עס ווערט כסדר אונטערנומען פאַרשיידענע ניצליכע אַרבייט פאַר דעם גאַנצען לאַנד, און דער אַרבייטער איז פאַרזיכערט מיט אַ

מינימום פון אלץ אין לעבען. די אייזענבאהנען, מינען, שיף־פאר־קער און קאנאלען ווערען נאציאנאליזירט. עס ווערען פארפלאנצט נייע וועלדער. מען בויט אויס ריזיגע אפאראטען פאר עלעקטרישע קראפט. מען נעמט זיך אויסשעפען די וואסער פון די זומפען און איבעראל אפפרישען די ערד פאר מעהר און בעסערע פראדוקטען. די שטאדט קערפערשאפטען פארקויפען צום פאלק מילך, קוילען, גאז און אנדערע ניצליכקייטען צו קאסט־פרייז. די פריוואטע אינשורענס קאמפאניעס געהען איבער צו דעם מיניסטעריום פאר געזונטהייט. עס ווערען אויסגעבויט מיליאנען הייזער און פאר־דונגען אהן קיין שום פראפיטען.

אט דאס איז די באריהמטע 1917־פראגראם פון דער בריטי־שער ארבייטער פארטיי. אין יאנואר, 1918, ווערט אנגענומען די נייע קאנסטיטוציע, וואס מאכט איהר פאר א נאציאנאלער פאלקס־פארטיי מיט א קלארער פראגראם פון אינערליכער און אויסער־ליכער פאליטיק. זי עפענט איהרע רייהען פאר ליבעראלען און קאנסערוואטארען, וואס גלויבען אין איהר פראגראם. זי ווערט די אנגעזעהענסטע ארבייטער־פארטיי אין דער וועלט. זי איז שוין גרייט איבערצונעמען די רעגירונג און אנפיהרען זי לויט באשטימטע פרינציפען. זי ציהט צוריק איהרע מיטגלידער פון דער קאאליציאנס־רעגירונג. די פיר מיטגלידער — בארנס, פארקער, ווארדל און ראבערטס (דער לעצטער איז געווארען מיניסטער פאר שפייזען אויף דעם ארט פון דזשיי. ר. קליינס) — וואס בלייבען אין דער רעגירונג, ווערען פון דער פארטיי אויס־געשלאסען. אין די אלגעמיינע וואהלען פון דעם זעלבען יאהר פארגרעסערט זי איהר צאהל מיטגלידער אין פארלאמענט פון 42 אויף 61, ניט קוקענדיג אויף דער רעאקציע, וואס האט זיך פאר־שפרייט איבער דער גאנצער וועלט.

דער פאליטישער אויפטו פון דער ארבייטער פארטיי.

1906. די פארטיי צווינגט די ליבעראלע רעגירונג דורכ־צופיהרען א געזעץ, וואס גיט די ארבייטער א רעכט צו סטרייי־

קען און פּיקעטען, און די יוניאָן קאָן ניט פּראָצעסירט ווערען פאר שאדענערזאץ.

א נייער געזעץ, שאדענערזאץ פאר געשעדיגטע אין די פאב־ריקען, וואָס נעמט אריין זעקס מיליאָן פרישע ארבייטער.

1908. א געזעץ פאר פענסיעס צו עלטערע ארבייטער.

1909. געזעצליכע קאָמיטעס, וואָס שטעלען איין א מיני־מום־לוין אין געוויסע אינדוסטריען.

1911. די פארטיי העלפט באשרענקען די וועטאָ־מאכט פון לאָרדען־הויז.

א געזעץ צו צאָהלען פארלאמענט־מיטגלידער א יעהרליכען געהאלט.

א געזעץ פאר אן אכט שטונדען טאָג אין די מינען.

1912. א געזעץ פאר א מינימום־לוין פאר קוילענגרעבער.

1913. א נייער געזעץ, וואָס באפרייט די יוניאָנס ענדליך פון יעדער מורא פאר געריכטליכע פּראָצעסען און גיט זיי יעדע לעגאלע פרייהייט.

עס ווערט אָפּגעשאפט די פּלוראלע שטימרעכט. די רייכע קאָנען ניט מעהר וואוטען אין יעדען אָרט, וואו זיי האָבען איי־גענטום.

די פארטיי העלפט דורכפיהרען אן ארבייטסלאָזען אינשור־רענס געזעץ, וואָס איז שוין א פּאָר מאָל אויסגעבעסערט גע־וואָרען. צוועלף מיליאָן ארבייטער קריגען בענעפיט פאר א פּאָר סענט א וואָך.

בעסערע געזעצען פאר פאָלקס־בילדונג, וואָס העלפען דעם וואוקס פון דער ארבייטער פארטיי.

די פארטיי העלפט דער באוועגונג פאר זעלבסט־רעגירונג פאר אירלאנד.

די פארטיי שטערט דער רעגירונג אין קריגס־צייט אריינ־צוברענגען עטליכע הונדערט טויזענט כינעזישע ארבייטער.

די פארטיי אגיטירט געגען אינטערווענציע אין רוסלאנד און ווירקט זעהר פיל אין דעם זין, אז ענגלאנד זאָל אויפהערען שטי־צען די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע ארמעען.

די פּאַרטיי העלפט דורכפיהרען שטימרעכט פאַר פרויען.

דירעקטע ארבייטער בילדונגס־אַנשטאַלטען.

בילדונג און אויפקלערונג פאַר ארבייטער אין ענגלאַנד ווערט אונטערגענומען און דורכגעפיהרט אויף אַ סיסטעמאַטישען אופן. די טרייד־יוניאָנס און די ארבייטער־פּאַרטיי האָבען פון די ביל־דונגס־אנשטאַלטען זעהר פיל געוואונען. אַלע אינגערע ארביי־טער־דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט האָבען שטודירט אין דעם אָדער יענעם ארבייטער־בילדונגס אַנשטאַלט.

די „וואָירקערס עדיוקיישאָנאַל אַסאָ־סיאיישאָן" איז אַ פעדעראַציע פון לאָקאַלע בילדונגס אַנ־שטאַלטען, וואָס נעמט ארום 419 ברענטשעס אין 16 דיסטריקטען. אין 1923 האָט דער פאַראיין געהאַט 24 טויזענט סטודענטען אין פאַרשיידענע קלאַסען, וואָס זיינען אָפען פאַר ארבייטער, זייערע פרויען און טעכטער. דער פאַראיין איז פאַרבונדען מיט יעדען אוניווערזיטעט אין ענגלאַנד.

אין „ראַסקין קאַלעדזש" קריגען מענער און פרויען אַ העכערע בילדונג מיט דירה און אויסהאַלטונג פאַר אַן ערך 450 דאָלאַר אַ יאָהר. דער קאַלעדזש האָט אויך קאָרעספּאָנדענץ קורסען פאַר ארום צעהן דאָלאַר אַ יאָהר. דער טרייד־יוניאָן קאָנגרעס איז פאַרטראָטען אין דער עקזעקוטיווע. יעדע ארבייטער אָרגאַניזאַציע, וואָס צאָהלט איין פאַר אַ „סקאָלערשיפּ", איז בארעכטיגט צו אַ פאַרטרעטער.

אין „לייבאָר קאַלעדזש" באַקומט מען בילדונג אין סאָציאַלע און פּאָליטישע עניניס. דאָ ווערען ערצויגען פּאָלי־טישע רעדנער און טוער. אין דער עקזעקוטיווע זיינען פאַרטראָטען נאָר אזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אָנגעשלאָסען אָן דער ארבייטער פּאַרטיי.

„פּלעבס קאַלעדזש" איז אַן אָפּטיילונג פון „לייבאָר קאַלעדזש". ווירקט לאָקאַל אין פאַרבינדונג מיט יוניאָנס און טרייד קאָונסילס.

שאָטלאַנד האָט איהר באַזונדערען „לייבאָר קאַלעדזש".

זייטיגע אָרגאַניזאַציעס פאַר בילדונג זיינען: 1) דער נאַצי־אָנאַל־ראַט, וואָס שטעהט אין פאַרבינדונג מיט קאָלעדזשעס און יוניאָנס און אָרגאַניזירט צענטערס פאַר אָווענט שולען; 2) אַ קאָמיטע, וואָס פלאַנט אויפקלערונגס אַרבייט; 3) אַ קאָמיטע, וואָס פלאַנט וועגען מיטלען און קאָסטען; 4) אַ בילדונגס קלוב אין פאַר־בינדונג מיט דער קאָאָפעראַטיווער באַוועגונג; 5) אַ פאַראיין, וואָס פלאַנט רייזעס אין לאַנד און אין אויסלאַנד פאַר בילדונגס צוועקען.

די אַרבייטער פּרעסע.

די אַרבייטער פאַרטיי האָט איין טעגליכע צייטונג, „דיילי העראָלד“, געגרינדעט פון דעם באַוואוסטען טוער און פּובליציסט דזשאָרדזש לענסבורי, און פיער וועכענטליכע צייטונגען. די קאָאָפעראַטיווען פלאַנען איצט אַ נייע טעגליכע צייטונג.

סך הכל זיינען פאַראַן 23 וועכענטליכע צייטשריפטען און איבער דרייסיג מאָנאַטליכע אין פאַרבינדונג מיט דער אַרבייטער פּאַרטיי.

די טרייד־יוניאָנס גיבען אַרויס זיבען וועכענטליכע, פיר צוויי־וועכענטליכע, 58 מאָנאַטליכע און 14 דריי־מאָנאַטליכע צייט־שריפטען. די קאָאָפעראַטיווען האָבען 13 צייטשריפטען.

10. „די ארבייטער פּאַרטיי אויף דעם שוועל."

דער קעניג בלייבט אומפּארטייאיש. — דער טעות פון די ליבעראלען. — מעקדאָנאלד שטעלט א נייעם טאָן.

אזוי רופט זיך א בראָשורע פון סידני וועבב, אן איבערגע־דרוקטע רעדע זיינע אויף איינער פון די קאָנפערענצען אין יאָהר 1923. ווארים נאָכדעם ווי די ארבייטער פּארטיי האָט אריבער־געיאָגט די ליבעראלע פּארטיי אין איהר צאָהל מיטגלידער אין פּארלאמענט און איז געוואָרען די אָפיציעלע אָפּאָזיציע — „דעם קעניג'ס אָפּאָזיציע" — האָט זי דערמיט באטראָכטען דעם שוועל פון דער צוקונפטיגער בריטישער רעגירונג. עס איז איצט פאר אלעמען אין לאנד קלאָר געוואָרען, אז אויב די עקזיסטירענדע רע־גירונג אונטער פּרעמיער באלדווין זאָל צוליב וועלכער עס איז איר־אַך פאלען און פארלירען דעם צוטרוי פון פּארלאמענט אָדער פון לאנד, פאלט אויף דער ארבייטער־פּארטיי דער גורל צונויפ־צושטעלען א רעגירונג.

און מען האָט אָנגעהויבען באטראכטען רעמזיי מעקדאָנאלד'ן פאר דעם צוקינפטיגען פּרעמיער פון ענגלאנד: די רעאקציאָנערען, מיט מורא, די ארבייטער און ראדיקאלען — מיט פרייד און צוטרוי. אין אלע געזעלשאפטליכע קרייזען און אין דער פּרעסע איז מעק־דאָנאלד'ס פּערזאָן דיסקוטירט געוואָרען; ווארים ער האָט זיך ארויסגעוויזען פאר איינעם פון די פעהיגסטע פיהרער אין פּארלא־מענט, פאר דעם בעסטען רעדנער, פאר דעם טאקטישסטען פּאָלי־טיקער, און דאָך איז ער ניט געווען קיין „פּאָליטישען" אין שלעכ־טען זין, נאָר פּארקערט, א וואָרטסמאן, א מענש מיט א געוויסען און א הארץ. די דאָזיגע מעלות זיינע האָבען די באנקירען און פּראָפיטירער, אריסטאָקראטען און לעדיגגעהער מעהר הארץ־קלע־

מעניש פאַרשאַפט, ווי אפילו זיין סאָציאַליזם. ווייל געגען סאָ־ציאַליזם קאָן מען אויסטראַכטען טענות און אַרגומענטען, אָבער עהרליכקייט און מענשליכקייט, פאַרבונדען מיט גרויסע פעהיג־קייטען, זיינען ווי אַ זיכערע פעסטונג געגען די באָמבעס פון אַלערליי שונאים. אָט די מעקדאָנאַלד׳ס מעלות האָבען אפילו שונאים געמוזט צוגעבען.

דער קעניג איז אומפּאַרטייאיש.

און דאָ ווייזט זיך אַרויס די טשיקאַווע זאַך פון דער בריטי־שער, ניט־געשריבענער, קאָנסטיטוציע. אין אַן אַנדער לאַנד וואָל־טען די רעאַקציאָנערע עלעמענטען מיט׳ן קעניגליכען הויף אינטרי־גירט און קאָנספּירירט געגען דעם קומענדיגען שטראָם פון אַרביי־טער הערשאַפט. די רעאַקציאָנערע פּרעסע פון לאָרד ביווערברוק און זיין חברותא האָבען טאַקע געפּלאַנט און געפּליאָטקעוועט, אָבער דער קעניג האָט זיך געהאַלטען אייזען־פעסט פאַר דעם פּרעצעדענט אָדער מנהג, אַז ווען אַ רעגירונג פאַלט דורך ביי די וואַהלען אָדער אין פּאַרלאַמענט, איז זיין פליכט צו פאַררופען דעם פיהרער פון דער אָפיציעלער אָפּאָזיציע און אַנערקענען איהם אַלס פּרעמיער. קעניג דזשאָרדזש האָט אַ סך ערפאַהרונג געלערענט אין דעם וועלט־קריג. ער באַגרייפט אַלענפאַלס, אַז ער דאַרף זיין גאַנץ פאָרזיכטיג און טאָר זיך מיט דער וואַקסענדער אַרבייטער מאַכט ניט פאַרטשעפּען. ער איז אַלזאָ ניט היינגעריסען געוואָרען פון די אינטריגעס און פּליאָטקעס און האָט זיך פאַרהאַלטען אומפּאַר־טייאיש און שטרענג קאָנסטיטוציאָנעל.

און ווען די וואַהלען פון 1923 האָבען דעם קעניג צו דער פראָבע געשטעלט, האָט ער די פּראָבע אויסגעהאַלטען. באַלדווינ׳ס מיניסטעריום איז דורכגעפאַלען אויף דער וויכטיגער אישו פון „פּראָטעקשאָן״. אַ גרויסע מאַיאָריטעט וועהלער האָט געשטימט געגען „פּראָטעקשאָן״. די אַרבייטער פּאַרטיי האָט געוואונען 48 נייע מיטגלידער אין פּאַרלאַמענט. די פאַראייניגטע ליבעראַלען מיט לאָיד דזשאָרדזש און אַסקוויט אין דער שפּיץ זיינען דורכגע־

פאלען. קיינע פון די פארטייען האט קיין מאיאריטעט ניט באַ־קומען. קיין קאאליציע איז אונטער די אומשטענדען ניט מעגליך געווען. די דריי פארטייען געהען זיך צו ווייט פאנאנדער פרינצי־פיעל. זיינען די ליבעראלע פאליטישענס געפאלען אויף א פלאן: „זאל די ארבייטער פארטיי צונויפשטעלען א רעגירונג; און אזוי ווי זי האט ניט קיין ערפאהרונג און קיין אויטאריטעט, וועט זי לאנג ניט לעבען. אזוי שנעל ווי זי וועט אנהויבען „ריידען" סאציאליזם, וועט מען איהר דורכווארפען און דער קעניג וועט מוזען אנערקענען פאר פרעמיער לאיד דזשארדזש'ן אדער אסקוויט'ן".

דער טעות פון די ליבעראלען.

אזוי האבען זיך געטראכט די ליבעראלען. אבער די פיהרער פון דער ארבייטער פארטיי און פון דעם טרייד יוניאן קאנגרעס זיינען געווען קליגער און האבען די פראגע באטראכט גרינטליכער. אמת טאקע, די ארבייטער פארטיי דארף ניט צונויפשטעלען קיין רעגירונג אהן א מאיאריטעט אין פארלאמענט, ווארים זי וועט איהרע פראיעקטען ניט קענען דורכפיהרען. אבער צוליב דעם צורודערטען צושטאנד אין אייראפא און דעם אינדוסטריעלען קריזיס אין דער היים, וואלט סאי ווי סאי געווען ניט מעגליך די ארבייטער־פראגראם דורכצופיהרען, אפילו ווען די פארטיי וואלט שוין געהאט א מאיאריטעט. פריהער מוז מען ארבייטען פאר פרידען אין אייראפא — אנערקענען סאוועט רוסלאנד, פריינד־ליכער ווערען מיט פראנקרייך, דערנעהנטערען זיך מיט דייטש־לאנד, ווירקען אויף אמעריקא. דער אינדוסטריעלער קריזיס אין ענגלאנד האט זעהר פיל צו טאן מיט דער אויסערליכער פאליטיק, און זאל מען נאר אננעמען א בעסערען, פריינדליכערען טאן אין דער אויסערליכער פאליטיק, וועט דער קריזיס אין דער היים פאר־לייכטערט ווערען. באלדווינ'ס רעגירונג און לאיד דזשארדזש'עס רעגירונג האבען זיך ארויסגעוויזען פאר פאקטיש אומפעהיג אין זייער דיפלאמאטיע מיט אנדערע לענדער. זיי האבען פארגעסען,



דזשיימס רעמזיי מעקדאָנאַלד.

דער ערשטער סאָציאַליסטישער פּרעמיער פון דער ערשטער אַרבייטער רעגירונג פון דער מעכטיגער בריטישער אימפּעריע. געבאָרען אין 1866. האָט אָנגעשריבען פערצעהן ביכער, מייסטענס איבער סאָציאַליזם און דער ארבייטער באַוועגונג. א חוץ אומצעהליגע ארטיקלען און בראָשורען. ווערט אנערקענט פאר דעם בעסטען פּרעמיער, וואָס ענגלאנד האָט געהאַט אין די לעצטע פופציג יאָהר.

אז ענגלאַנד קאָן ניט מעהר ריידען מיט דעם זעלבען **חוצפּה'דיגען**, דיפּלאָמאַטישען טאָן, מיט וועלכען עס פּלעגען ריידען איהרע דיפּלאָמאַטען פאַר דעם קריג.

די דיפּלאָמאַטען פון דער ארבייטער פּאַרטיי, מיט זייערע אידעען פון אינטערנאַציאָנאַלען פרידען און פאַרברידערונג צווישען די נאַציאָנען, האָבען דערזעהן אַ וועג ווי אָנצוהויבען פאַרווירקליכען אַ וויכטיגען סאָציאַליסטישען פּרינציפּ פון אַן אַנדער פּונקט — פון דעם שטאַנדפּונקט פון פרידען און אינטערנאַציאָנאַלע סאָלי־דאַריטעט. און ווער נאָך קאָן זיין אַזוי מסוגל פאַר אָט דער אַר־בייט, ווי אַ מעקדאָנאַלד, וואָס איז אַזוי פּאָפּולער אין יעדען לאַנד אַ חוץ רוסלאַנד; וואָס האָט די מענשליכע הארץ און די מענשליכע מעלות פאַר אַזעלכע נייע באַציהונגען, פאַר אַזאַ נייעם טאָן אין דער אויסערער פּאָליטיק, פאַר אַזאַ אמת סאָציאַ־ליסטישער אַרבייט? באַשליסט מען אַלזאָ אין אַלע אַרבייטער קרייזען, אפילו אין דעם רעוואָלוציאָנערען שאָטלאַנד, אַז די אַר־בייטער פּאַרטיי זאָל צונויפשטעלען אַ רעגירונג, הגם זי איז אַ מי־נאָריטעט. ווארים אין ביידע פּאַרטייען לעבצען אַ סך מענשען נאָך אַ „רעוואָלוציע" אין די דיפּלאָמאַטישע באַציהונגען מיט אַנ־דערע לענדער און זיי וועלען די אַרבייטער־רעגירונג מיט זייערע שטימען שטיצען.

די ליבעראַלע פּאָליטישענס האָבען ניט געגלויבט, אַז מעק־דאָנאַלד איז פעהיג אויף אַ נייער, בעסערער דיפּלאָמאַטיע. זיי האָבען הפּנים נאָר געקענט מעקדאָנאַלד'ן פאַר אַ פּאַרלאַמענטאַ־ריער, אָבער ניט פאַר אַ דיפּלאָמאַט. אַסקוויט איז געווען זיכער, אַז די אַרבייטער־רעגירונג, דורך איהר ניט־פעהיגקייט, וועט זיך ביים פאָלק פאַרשוואַרצען. אַסקוויט איז אַן אַדוואָקאַט; טייטשט ער די קאָנסטיטוציע „מיט'ן גראָבען פינגער", אַז ווען מעקדאָנאַלד וועט פאַלען, טאָר איהם דער קעניג ניט באַווילינגען די פּריווילעגיע פאַנאַנדערצולאָזען דעם פּאַרלאַמענט און פאַראַנשטאַלטען נייע וואַהלען. איבער דער דאָזיגער פראַגע קומט פאַר אַ קאַמף אין דער פּרעסע און אין פאָלק.

מעקדאָנאַלד שטעלט אַ נייעם טאָן.

אין ארבייטער־קרייזען האָט זיך אָבער דערהערט אַ שטאַר־קער פּראָטעסט געגען אַסקוויט׳ס פּאָרזוך צו געבען דעם קעניג פונקציעס, וואָס געהערען איהם ניט. דער קעניג, האָבען ארביי־טער־פיהרער דערקלערט מיט היץ, טאָר זיך ניט אריינמישען אין פּאַרטיי־פראַגען. ער האָט אין אַזאַ פראַגע ניט קיין איניציאַטיוו און ניט קיין רעכט. ער מוז צו יעדער צייט באוויליגען דעם פּרעמיער׳ס פּאַרלאַנג. דער קעניג גופא שטעלט זיך אין דעם פּרט אויף דער זייט פון דער ארבייטער־פּאַרטיי.

און מעקדאָנאַלד, נאָך איידער ער ווערט פּרעמיער, שטעלט ער שוין אַ נייעם טאָן בנוגע דער אינערער און אויסערער פּאָליטיק. ערשטענס, מוז יעדע פּאַרטיי לויזער מאַכען די ענגע ראַמען פון פּאַרטיי־דיסציפּלין, און עס איז די פליכט פון פּאַרלאַמענט מיט־גלידער צו שטימען איבער פראַגען לויט זייער געוויסען און זייער שכל און ניט לויט דעם באַפעל פון די פּאַרטיי אָנטרייבער („פּאַרטי ווהיפּס״). צווייטענס, „אויב מיר וועלען אָננעמען דעם רעגירונגס אַמט״, זאָגט מעקדאָנאַלד, אין זיין רעדע אין אַלבערט האָל, „וועלען מיר טאָן ארבייט... מיר זיינען אַ פּאַרטיי מיט אידעאַלען... און טאָרען פון זיך קיין שום פאַראַנטוואָרטליכקייט ניט אַראָפּוואַרפען... מיר האָבען אין אונזערע געדאַנקען און הערצער פּלענער און פּאָר־שלאַגען, וואָס, ווי מיר גלויבען, וועלען העלפען ברענגען פרידען. מיר האָבען ניט קיין מורא פאַר די „טאָרים״ און די ליבעראַלען. זאָלען זיי נאָר פּרוּווען שטעלען זיך געגען אונז אין דער דאָזיגער ארבייט!״

די ארבייטער פּאַרטיי האָט איבערגענומען די רעגירונגס מאַכט סוף יאַנואַר, 1924, און זי האָט פּינקטליך דורכגעפיהרט איהרע פּלענער וועגען פרידען. די „טאָרים״ און ליבעראַלען האָבען מורא געהאַט מיט איהר זיך צו פּאַרטשעפּען, וואָרים איהר אויסערע פּאָליטיק איז געווען אַ גרויסער ערפאָלג. אין די ערשטע מאָנאַטען האָט זי אויך פּאַרקלענערט די צאָהל ארבייטסלאָזע פון אַ מיליאָן און אַ האַלב אויף אַ מיליאָן.

אויף די נעקסטע צוויי זייטלאך זיינען די בילדער פון מאקדאָנאַלד׳ן און זיינע חברים — די ערשטע סאָציאַליסטישע ארבייטער רעגירונג פון ענגלאנד. די רעגירונג האָט זיך ארויסגעוויזן פאר זעהר פעהיג און האָט דערמיט פארזיכערט א גלענצענדע צוקונפט פאר דער בריטישער ארבייטער פארטיי.

אויף זייט 190, לעזענדיג פון רעכטס צו לינקס.

ערשטע שורה: נאָעל עדווארד באקסטאן, דזשיימס רעמזיי מעקדאָנאַלד, אַרטור גרינוואוד.

צווייטע שורה: העררי גאָזלינג, פיליפ סנאָודען, פרענק האדזשעס, טשאַרלס פיליפס טרעוועליען.

דריטע שורה: בריגאַדיר גענעראל לאָרד טאָמסאָן, דזשאהן וועהיטלי, קוירנעל דזשיי. קלעמענט וועדזשוואוד, וויליאַם עדעמסאָן.

פערטע שורה: פרעדריק וויליאם דזשאָועט, סידני וועבב, סטיפען וואָלש.

אויף זייט 191, פון רעכטס צו לינקס.

ערשטע שורה: ווערנאָן האַרטשאָרן, טאָמאַס שאָו, פרעדריק אָועןָ ראָבערטס.

צווייטע שורה: לאָרד אָליוויער, דזשיי. ה. טאָמאַס, עמאַנועל שינ־וועל, מאַרגאַרעט גריים באָנדפילד.

דריטע שורה: בענדזשאַמין טשאַרלס ספור, פאַטריק הייסטינגס, טשאַרלס דזשאָרדזש עממאָן, דזשאָן ראָבערט קליינס.

פערטע שורה: אַרטור הענדערסאָן, וויליאַם גרעהעם, לאָרד אַרנאָלד.


JAMES RAMSAY MACDONALD
ARTHUR GREENWOOD
NOEL EDWARD BUXTON
FRANK HODGES
CHARLES PHILIPS TREVELYAN
HARRY GOSLING
PHILIP SNOWDEN
COLONEL JOSIAH CLEMENT WEDGWOOD, D.S.O.
WILLIAM ADAMSON
BRIGADIER-GENERAL LORD THOMSON
JOHN WHEATLEY
STEPHEN WALSH
FREDERICK WILLIAM JOWETT
SIDNEY WEBB

FREDERICK OWEN ROBERTS
THOMAS SHAW
VERNON HARTSHORN
MARGARET GRACE BONDFIELD
EMANUEL SHINWELL
J. H. THOMAS
LORD OLIVIER
JOHN ROBERT CLYNES
CHARLES GEORGE AMMON
PATRICK HASTINGS, K.C.
BENJAMIN CHARLES SPOOR
LORD ARNOLD
WILLIAM GRAHAM
ARTHUR HENDERSON

11. די טוער און בעאַמטע פון דער ערשטער ענגלישער ארבייטער רעגירונג.

די פיאָנערען פון דער באוועגונג האָבען מיר שוין דערמאָנט אין די פאָריגע קאפּיטלען. דאָ ווילען מיר וואַרפען אַ בליק אויף די פּערזאָנען, וואָס שטעהען איצט אויבענאָן, וואָס באַזיצען די מאַכט צו שאַפען די עפענטליכע מיינונג און איבערציייגען די מאַסען, און וואָס מיט זייערע מיינונגען רעכענט זיך אַ גרויסער טייל פון דער בריטישער באַפעלקערונג. פאַראַן דאָ: 1) די פון עלטערען דור און 2) די פון איינגערען דור, געוועזענע ארבייטער, יוניאָן־פיהרער, הויכע אינטעליגענטען, פּובליציסטען, אַרמעע־מענשען, לאָרדען און רייכע געשעפטס־מענשען, און אַלע האַר־מאָנירען צוזאַמען. עס איז נויטיג דאָ צו כאַראַקטעריזירען די איינפלוסרייכסטע פון זיי:

ר אָ ב ע ר ט ס מ י ל ל י. אַמעריקאַנער באַאָבאַכטער רופען איהם דער ענגלישער דעבס אָדער לינקאָלן. ער איז זעהר באַ־ליבט ביי די מאַסען. פאַר פיל יאָהרען איז ער געווען דער פּרע־זידענט פון דער קוילענגרעבער פעדעראַציע. זיין בליק איז שנעל און רעאַליסטיש. ווען ער רעדט, ווייסט מען, אַז ער רעדט פאַר מיליאָנען ארבייטער. זיין פּנים איז ערנסט און אַנטשלאָסען און זיין רעדע איז ניט קיין אַרגומענט, נאָר אַ פעסטגעזעצטע דער־קלערונג. ער קאָן באַגייסטערען און אָפּשטעלען דעם סאַמע שטורם. אין פאַרהאַנדלונגען מיט בעלי־בתים איז ער אַ קינסטלער; מיט זיינע פאַקטען און ידיעות איבער דער אינדוסטריע פאַרשטעקט ער זיי אין אַרבעל. ער ווייסט אינסטינקטיוו ווען נאָכצוגעבען און ווען איבער'ן קאָפּ צו דערלאַנגען. ער איז לעצטענס ערוועהלט געוואָרען אַלס סאָציאַליסט אין פּאַרלאַמענט. אַ שאָד, וואָס ער

איז שוואך אין געזונט און ווערט עלטער. סמיללי איז פון דעם זעלבען דור ווי קיר הארדי, וויל טאָרן, דזשיימס אָ'גריידי, העררי גאָזלינג, בען טיללעט און אַ סך אַנדערע יוניאָן־פיהרער, וואָס האָבען דערצויגען די בריטישע ארבייטער אין דעם נייעם, סאָציאַליסטישען טרייד־יוניאָניזם. סמיללי האלט איצט קיין שום אמט ניט.

ארטור הענדערסאָן איז יאָהרענלאַנג געוועזן דער פיהרער פון דער אייזענגיסער יוניאָן. ער איז שוין אין פּאַרלאַמענט א גאַנץ לאַנגע צייט. אין קריגס צייט האָט איהם לאָיד דזשאָרדזש דערהויבען צו אַ מיניסטער שטעל. פון הענדערסאָנ'ס מויל בשעת ער רעדט גיסט זיך מאכט און איינפלוס. ווען ער באטייליגט זיך אין א דעבאטע קומט ער ארויס דער זיגער. ער האָט ניט קיין קינסטלערישען, אָדער פּאָעטישען געפיהל, אָבער אין דער פּאָליטיק האָט ער אַ שם פאַר זיין אויפריכטיגקייט. ער איז זעהר סימפּאַטיש, זוכט רק צו שאַפען אייניגקייט און האַרמאָניע, און דערמיט געווינט ער די מאַסען. ביז צום סוף פון לעצטען יאָהר איז ער געוועזן דער סעקרעטאר פון דער לייבאָר פּארטי. איצטער מיניסטער אין מעקדאָנאַלד'ס רעגירונג.

דזשיי. ר. קליינס איז באריהמט געוואָרען אין די לעצטע יאָהרען פון קריג. ער איז געוועזן סעקרעטער פאר דעם שפּייז־קאָנטראָלער, און ווען דער שפּייז־קאָנטראָלער איז פּלוצלונג געשטאָרבען, האָט לאָיד דזשאָרדזש איהם געמאַכט פאַר דעם שפּייז־קאָנטראָלער. דאָס באווייזט, אַז ער איז אַ גוטער אַדמיניסטראַטאָר. אָבער ער איז אויך אַ שעהנער רעדנער. ער רעדט בנעימות אָבער מיט קאַלטער לאָגיק. אַלס צעהן־יעהריגער אינגעל האָט ער שוין געארבייט אין א באַוועל פאבריק און שוין דעמאָלט פלעגט ער זאַמלען פענים פאַר א ווערטערבוך. די ווערק פון עמערסאָן, קאַרלייל, ראַסקין, דיקענס און שעקספּיר האָבען איהם פיל באאיינפלוסט. ער האָט זיך אליין געלערענט שרייבען און לעזען. פאַר אַ געוויסער צייט איז ער געוועזן דער פּרעזידענט פון דער אלגעמיינער ארבייטער יוניאָן. אין זיינע

רעדעס איז ער קיינמאָל ניט פערזענליך און רעדט קיינמאָל ניט צו דער „גאַלעריע". אין דעם באשטעהט זיין מאכט און איינ־פלוס, „לאָרד פריווי סיעל" *) און צווייטער פיהרער פון „האוז אָוו קאָמאָנס", אָדער דעם פרעמיער'ס שטעל־פארטרעטער ביי די דעבאטען אין מעקדאָנאַלד'ס רעגירונג.

ד ז ש י י. ה. ט ה א מ א ס, פון דעם אינגערען דור, סעקרעטער פון דער גרויסער אייזענבאַהן יוניאָן, איז א בריליאנ־טענער און וויציגער רעדנער און פארשטעהט ווי אזוי צו באַ־גייסטערען דעם עולם. ער איז זעהר ענערגיש און מוטיג און אַלס פארזיצענדער אויף פארזאמלונגען פון שטרייטיגע צדדים איז ער אבסאָלוט אומפארטייאיש. ער איז גיכער א הארץ־סאָציאליסט ווי א קאָפּ־סאָציאַליסט און דערפאר גיט ער זיך פאר א סאָציאַ־ליסט ניט ארויס. אַלס א פרינציפּיעלער יוניאָן־פיהרער און אויפ־האַלטער פון יוניאָן־געזעצען און דיסציפּלין האָט ער אפשר צו זיך קיין גלייכען ניט. אָט טאַקע דערפאר האָט ער שונאים אי צווישען די באהן־מאגנאטען, אי צווישען דעם כלומר'שט צו־רעוואָלוציאָנערען עלעמענט, וואָס מאכט א סך געפּילדער און רופט דאָס רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט. מיניסטער פאר די קאָ־לאָניעס אין מעקדאָנאַלד'ס רעגירונג.

מ א ר ג א ר ע ט ב א נ ד פ י ל ד, ד ר. מ א ר י א ן פ י ל י פ ס און ס ו ז ע ן ל א ר ע נ ס זיינע דריי זעהר פּראָמינענטע פרויען אין דער ארבייטער באוועגונג.

מ א ר ג א ר ע ט ב א נ ד פ י ל ד איז לעצטען יאָהר געווען פּרעזידענט פון טרייד יוניאָן קאָנגרעס, א כבוד, צו וועלכען נאָר די פעהיגסטע יוניאָן פיהרער דערגרייכען. די ענערגישע, פלייסיגע און איבערגעבענע מארגארעט איז איינע פון די פּיאָנערען אין דער פרויען ארבייטער באוועגונג. נאָך מיט 25 יאָהר צוריק איז זי

*) אַן אַלטער נאָמען פאַר דעם הויפּט־סעקרעטער פון דער מדינה, וועמען עס ווערט אַנפארטרויט דעם קעניג'ס פריוואט זיגעל. ער איז אָבער ניט קיין לאָרד, ווי מאַנכע האָבען דאָ געמאַכט דעם טעות. דאָס וואָרט „לאָרד" באַצייכענט זיין אַמט און ניט זיין טיטעל.

געוועז די ערשטע צו פארטרעטען די פרויען ביי דעם טרייד יוניאָן קאָנגרעס. א לעבעדיגע, א לאכעדיגע, אנגעזאפט מיט דעם אמת מענשליכען גייסט, א וויציגע רעדנערין, — מיט אט די מעלות איז איהר געלונגען צו אָרגאניזירען הונדערטער טויזענטער ארבייטס פרויען, און זי איז כסדר געשטיגען העכער און העכער. די איינציגע פרוי אין מעקדאָנאלד'ס רעגירונג, פארלאמענטארישע סעקרעטערין פון דעם ארבייטס־מיניסטעריום.

ד ר. מ א ר י א ן פ י ל י פ ס, איינע פון די הויפט־אָרגאנייזערס פון דער ארבייטער פארטיי, מאכט א זעלטענעם איינדרוק מיט איהר געזונטען פיזישען אויסזעהן און נאָך מעהר מיט איהר אויסערגעוועהנליכער אינטעליגענץ. זי באוועגט זיך מיט א נאטירליכען שטאָלץ, אָבער זי איז אזוי אנגענעם און פריינדליך, אז זי געווינט באלד אלעמענס צוטרוי. אלס רעדנערין דערגרייכט איהר פולע שטימע אין אלע טיילען פון דער גרעסטער פארזאמלונג. זי האָט א וויסענשאפטליכען קאָפּ, זי באזיצט א מאסע טעכנישע אינפארמאציע וועגען געזונטהייט, כעמיע, שפּייזען, פּרייזען. זי ערשיינט אָפט פאר רעגירונגס אונטערזוכונגען און איהרע פאקטען האלט מען פאר קאָרעקט און פארטרויענס־ווערט.

ס ו ז ע ן ל א ר ע נ ס פארטרעט די פעביען סאָסייעטי אין דער ארבייטער פארטיי, פיגורירט ביי אלע קאָנפערענצען, ווערט אנערקענט פון פרויען אלס פּראָמינענטע פיהרערין. א מיטגליד אין פארלאמענט פון 1923—1924.

פ ר ע נ ק ה א ד ז ש ע ס, 37 יאָהר אלט, כאָטש ער זעהט אויס א סך אינגער, איז איינער פון די גלענצענדסטע ארבייטער־פיהרער. אין 1901 איז ער נאָך געוועזן אן איינפאכער קוילען־גרעבער. צעהן יאָהר שפּעטער ווערט ער אן אגענט פאר דער יוניאָן און גלייך דערויף דער סעקרעטער פון דער גרויסער קוילען־גרעבער פעדעראציע. פיליפּ סנאָודען האָט מיט איינער פון זיינע פייערדיגע רעדעס איהם געמאכט פאר א פּאָליטישען סאָציאליסט. מען זאָגט, אז האדזשעס'ן איז נאָך אמאָל באשערט צו זיין פּרעמ־

יער פון ענגלאנד. אין 1920 האט ער אפגעדרוקט א בוך „די נאַ־ציאָנאַליזירונג פון די מינען", וואס האט געמאכט א רושם. האדזשעס איז א הייסער אבער לאגישער רעדנער. ער איז מיט יאָהרען צוריק געווען א פיהרער אין דער קירך. אויב ער איז נאך רעליגיעז, האלט ער די רעליגיע, ווי אלע אנדערע רעליגיעזע ארבייטער־פיהרער אין ענגלאנד, פאר א שטרענג־פריוואטע זאך. „סיוויל לארד אוו דהי עדמירעלטי", צווייטער פלאטען מיניסטער אין דער ערשטער ארבייטער־רעגירונג. אויך אין זיין פאל באַ־צייכענט דאס ווארט „לארד" זיין אמט און ניט זיין טיטעל.

די פראָמינענטסטע פיגורען פון דער הויכער אינטעליגענץ אין דער פּארטיי.

מיר האבען שוין א סך געהערט פון סידני וועבב, האנדעלס־מיניסטער אין מעקדאנאלד'ס רעגירונג. סידני וועבב האט דערלעבט צו זעהן די פארווירקליכונג פון א סך פון זיינע אריגינעלע אידעען און פלענער. זעהר ווינציג מענשען האבען אזא זכיה ביי זייער לעבען. זיינע גרויסע ווערק און א סך פון זיינע בראשורען זיינען פארעפענטליכט געווארען אין פיל שפראכען. אין דער געשיכטע וועט וועבב זיין באוואוסט אלס דער טעאָרע־טיקער, וואס האט צוגעפאסט דעם מארקסיזם צו דער פּאליטישער דעמאקראטיע פון ענגלאנד. די פראקטישע זייט פון קארל מארקס'עס לעהרען זיינען באגרינדעט אויף דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און פאליטיק אין ענגלאנד. ווען קארל מארקס וואלט איצט געלעבט, וואלט ער באטראכט סידני וועבב פאר זיין בעסטען תלמיד און די ארבייטער־פּארטיי, איהר פראגראם און איהר אויפטו, אלס דעם שעהנסטען קאמפלימענט צו זיין לעבענס־ארבייט. סידני וועבב'ס פרוי איז זיין לעבענס־שותף אין א גרויסען טייל פון זיינע פארשונגען און ווערק.

ג. ד. ה. קאול, פון דעם איינגערען דור, איז א באוואוס־טער פּובליציסט אין דער ארבייטער באוועגונג, הויפּטזעכליך איבער דירעקטע אינדוסטריעלע פראגען. ער האט אבער ניט דעם ברייטען

פארנעם און די ענציקלאָפּעדישע ידיעות פון סידני וועבב. קאָול איז דער פיהרער פון דער גילד סאָציאַליסטישער באוועגונג.

ר. ה. ט אָ ה נ י, א בריליאנטענער טעאָרעטיקער און אָריגינעלער דענקער איבער עקאָנאָמישע פראגען, איז דער פאר־פאסער פון א באוואוסטען בוך*, וואו ער באווייזט, אז דער גּעיצ אָנצוזאמלען רייכטום און קאפּיטאל איז א קראנקהייט. לויט זיין מיינונג האָבען די ווערטער „קאפּיטאל און ארבייט“ קיין זין ניט. ער זאָגט: „ארבייט“ מיינט מענשען, „קאפּיטאל“ מיינט זאכען“... און אפילו ווען קאפּיטאל מיינט „קאפּיטאליסטען“, זיינען אזוינע פראזען, ווי „פריינטליכע באציהונגען צווישען קאַ־פּיטאל און ארבייט“ אין גרונד פאלש. ווארים אלץ מעהר און מעהר הויבען מאסען מענשען אָן גלויבען, אז די וועלט דארף געפיהרט און רעגירט ווערען פאר די וואָס ארבייטען און ניט פאר די וואָס באזיצען אייגענטום.

ה. ג. ו ו ע ל ס, דער באריהמטער נאָוועליסט און היס־טאָריקער, איז יע און ניט פארבונדען מיט דער ארבייטער פארטיי. ווי אמאל עס געפעלט איהם. ער איז א גדול אין א ליטעראַרישען זין; ער שרייבט און שרייבט זעהר פיל. אָבער ער האָט גאָרניט בייגעטראָגען אָריגינעלעס צום פּראָגרעס פון דער ארבייטער־באוועגונג. אָריגינעל איז ער נאָר אין זיין אייגענאַרטיגען סטיל אלס א נאָוועליסט. אלס א פּאָליטישער קריטיקער האָט ער אין ענגלאנד קיינמאָל קיין שום באדייטונג ניט געהאט. זייענדיג א באריהמטער ליטעראט, מיינט ער פילייכט, אז ער קאָן אויך זיין א פּאָליטישער פיהרער. דאָס איז זיין טעות. א פיהרער דארף קאָנען מיט אנדערע מענשען מיטארבייטען. וועלס קאָן דאָס ניט.

ב ע ר ט ר א נ ד ר א ס ע ל, דענקער, פילאָזאָף, מאטעמאַ־טיקער, איז, מיט אָט די אלע מעלות און מיט זיין אריסטאָקראַ־טישער אָפּשטאמונג, א כבוד פאר דער ארבייטער באוועגונג. ער איז אָבער ניט פון די פּראַקטישע פיהרער. ראסעל איז ניט קיין

*) The Sickness of an Acquisitive Society.
אין אמעריקא איז דער בוך ערשינען מיט די ערשטע ווערטער אויסגעלאָזען.

אויסגעשפּראָכענער אַנאַרכיסט, אָבער פולשטענדיגע פרייהייט אין
דעם צוקונפטיגען סאָציאַליסטישען שטאַט איז זיין העכסטער אי־
דעאַל. און ער איז באַליבט ביי דער אינטעליגענץ דערפאַר, וואָס
קיינער צווייפעלט ניט, אַז רעגירונג קאָן געהן האַנט אין האַנט מיט
דער מעגליכסט גרעסטער אינדיווידועלער פרייהייט. זיין געדאַנק
איז, אַז „דער איינציגער, רעכטער נוצען פון פּאָליטישער מאַכט
איז צו שאַפען אַ באוואָרענען די פרייהייט“.

לאָרד האַלדעין. דער שרייבער געדענקט לאָרד האַל־
דעין, ווען ער איז נאָך געווען מר. האַלדעין, ווען ער פלעגט קומען
אין אַרבייטער געגענדען האַלטען לעקטשורס איבער פּאָליטישע
און עקאָנאָמישע ענינים. ער איז תמיד געווען אַ ראַדיקאַל. אַ
סימפּאַטישער שמייכעל טאַנצט אויף זיין פּנים בשעת ער רעדט.
אין די ערשטע יאָהרען פון דער פעביען סאָסייעטי האָט ער פאַר
דעם פאַראיין געהאַלטען אַ לעקטשור, און די אומדערבאַרמליכע
לאָגיקער פון דעם פאַראיין — בערנאַרד שאָו, ענני בעזאַנט און די
איבעריגע, האָבען איהם פשוט „צוטרייבערט“*) האַלדעין האָט די
דאָזיגע ערפאַהרונג קיינמאָל ניט פאַרגעסען. לאָרד האַלדעין איז
אַן אַלטער קאַבינעט־מיניסטער. ער איז שוין פריהער געווען „לאָרד
טשאַנסלאַר“ (דער העכסטער יורידישער באַאַמטער פון לאַנד און
דער אָפיציעלער פּאָרזיצענדער פון לאָרדען הויז). האָט פיל שטו־
דירט די דייטשע פילאָזאָפען. ער איז דער איבערזעצער פון שאָ־
פענהאַוער און איינער פון די ווינציגע מענשען, וואָס פאַרשטעהען
קלאָר איינשטיינ׳ס טעאָריע. אין די לעצטע יאָהרען איז ער צו־
זאַמען מיט סידני וועבב געווען טעטיג אין דער „לאָנדאָן סקול אָוו
עקאָנאָמיקס“ און געהאָלפען אויסאַרבייטען פּראָגראַמען פאַר
שטאָדט רעגירונגען. אַלס „לאָרד טשאַנסלאָר“ אין מעקדאָנאַלד׳ס
רעגירונג — דער פיהרער פון אַ גרופּע לאָרדען, וואָס גלויבען אין
דער צוקונפט פון דער אַרבייטער־פּאַרטיי.

לאָרד אָליוויער איז דער אַמאָליגער סידני אָליוויער
פון דער פעביען סאָסייטי. אַן ערך 40 יאָהר צוריק האָבען די

---

*) Edward Pease, *History of the Fabian Society.*



לאָרד האַלדעין.

אין זיין פּאַרוק אַלס פּאָרזיצענדער פון לאָרדען הויז.

צוויי סידניס — סידני וועבב און סידני אָליוויער — געאַרבייט אין דעם קאָלאָניאַלען מיניסטעריום אַלס קלוירקס און האָבען זייערע סאָציאַליסטישע ביכער אָפּען אַרויסגעשטעלט אויף דער רעגירונגס פּאָליצע. סידני אָליוויער האָט זעהר פיל ערפאַהרונג אין די בריטישע קאָלאָניעס. ער איז שוין אפילו געווען דער גובער־נאַטאָר פון דזשעמעיקאַ, אַ קאָלאָניע אין די בריטישע וועסט־אינדיעס. מיניסטער פאַר אינדיע אין מעקדאָנאַלד׳ס רעגירונג.

פ י ל י פּ ס נ אָ ו ד ע ן, דער פינאַנץ־מיניסטער, איז געוואָרען אַ סאָציאַליסט צוליב אַ קראַנקהייט וואָס האָט איהם געמאַכט פאַר אַ קאַליקע. צוועלף מאָנאַטען לאַנג איז ער אויף זיין רוקען געלעגען און ניט געקענט זיך ריהרען. אָבער ער האָט פיל געלעזען און זיין מוח האָט טיף געאַרבייט. ער איז אַ טיפער דענקער און אַ מייסטער פון ציפערען. ער האָט געהאַט אַ לאַנגע ערפאַהרונג אַלס שריפטשטעלער און רעדנער. באַלד ווי ער איז אריין אין פאַרלאַמענט אין יאָהר 1906, האָט מען איהם גלייך אַנערקענט פאַר אַ קראַפט. ווען ער רעדט וועגען היינטיגע איבלען, באַנוצט ער שטאַרקע ווערטער. ער איז אַ רעוואָלוציאָנער וואָס גלויבט אין עוואָלוציע.

אַ סך פון די מיניסטאָרען אין דער ערשטער אַרבייטער־רעגירונג זיינען געווען אַרבייטער און יוניאָן־פיהרער. ט אָ ם ש אָ ה, דער אַרבייטס מיניסטער, איז יאָהרען לאַנג געווען טעטיג אין דער וועבער יוניאָן. ער איז געווען סעקרעטער פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער פעדעראַציע פון טעקסטיל אַרבייטער.

ד ז ש א ה ן ו ו ה י ט ל י, דער געזונדהייטס־מיניסטער, איז שוין זעכצעהן יאָהר אַ מיטגליד פון דער אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי און אַ טוער אין לאָקאַלע פּאָליטישע ענינים אין גלאַזגאָ. אַלס אינגעל האָט ער געאַרבייט אין די קוילענגריבער. שפּעטער איז ער געוואָרען אַ פאַרלעגער. ער האַסט דאָס איצ־טיגע סיסטעם פון טיפּסטען הארצען.

ט ש אַ ר ל ס ט ר ע ו ו ע ל י ע ן, דער מיניסטער פאַר אויפ־קלערונג, שטאַמט פון דער אַריסטאָקראַטיע. אין 1914 איז ער

געוועזן פון דער „טראַיקע" — מיט דזשאהן מארלי און דזשאהן בערנס — וואָס האָט רעזיגנירט פון אַסקוויט'ס רעגירונג, ווייל זיי האָבען ניט געגלויבט אין דעם קריג. פון דאַן אָן האָט ער זיך אַלץ מעהר דערנעהנטערט צו דער ארבייטער־פּארטיי.

דזשאָועט, דער מיניסטער פאר רעגירונגס ארבייטען, איז אַ געוועזענער וועבער, אַ זשורנאַליסט און אַן אויסגעהאַל־טענער סאָציאַליסט.

נאָעל באַקסטאָן, מיניסטער פּאַר אַגריקולטור, שטאַמט פון דער אַריסטאָקראַטיע. פריהער געוועזן אַ ליבעראַל.

וויליאַם עדעמסאָן, מיניסטער פאר שאָטלאַנד, איז אַ געוועזענער קוילענגרעבער. איז געוועזן דער פיהרער פון דער פּארטיי באַלד נאָכ'ן קריג.

לאָרד טהאָמסאָן, אַ גענעראַל, און דער מיניסטער פון דעם לופט־פלאָט, איז געוואָרען אַ ראַדיקאַל און אַ גלויביגער אין דער ארבייטער־פּארטיי צום סוף פון קריג. ער האָט גע־שריבען אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע ביכער. ער שרייבט פאר דער היגער „ניישאָן".

ווערנאָן האַרטשאָרן, דער גענעראַל פּאָסטמייסטער, איז אַ געוועזענער קוילענגרעבער און אַ רעליגיאָנס פּרעדיגער. שרייבט אָפט פאר די צייטונגען.

קוירנעל וועדזשוואוד, „טשאַנסלאר דאַטשי אוו לאַנקאַסטער", האָט אַ לאַנגע צייט געדינט אין דער אַרמיי. איז איבערגעגאַנגען פון די ליבעראַלען צו דער ארבייטער־פּארטיי אין יאָהר 1918.

סטיפען וואַלש, קריגס־מיניסטער, איז אַ געוועזענער קוילענגרעבער. אין פּאַרלאַמענט איז ער געקומען גלייכצייטיג מיט מעקדאָנאַלד'ען. ער האָט זיך אַליין געבילדעט און איז זעהר פעהיג. איז געוועזן אין דער רעגירונג פון לאָיד דזשאָרדזש.

עממאָן, פּאַרלאַמענטאַרישער סעקרעטער פון פלאָט־מיניסטעריום, איז אַ געוועזענער יוניאָן פּיהרער פון די אָרגאַ־ניזירטע רעגירונגס־ארבייטער. איז געוועזן אַ מיטגליד אין לאָ־

קאלע רעגירונגען. ער איז א גוטער סאציאליסט, הגם זעהר א רעליגיעזער. איז באליבט ביים פאלק.

פרעדריק ראבערטס, מיניסטער פון פענסיעס, איז א געוועזענער שריפטזעצער. ער האט אנגעהויבען ארבייטען אלס א דרייצעהן־יעהריגער איינגעל. איז שוין לאנג א מיטגליד פון דער אינדעפענדענט לייבאר פארטי.

העררי גאזלינג, מיניסטער פון טראנספארט, איז אן אלטער יוניאן־פיהרער און א סאציאליסט. איז באוואוסט און באליבט ביי די אידען אין ווייטשעפעל.

פעטריק העיסטינגס, יוסטיץ מיניסטער, איז א בריליאנטענער אדוואקאט. פארדינט מאסען געלט. איז איבער־געגאנגען צו דער ארבייטער־פארטיי אין 1922.

עמאנועל שינוועל, מיניסטער פאר מינען, איז דער איינציגער איד, וואס שפילט א פיהרענדע ראלע אין דער ארבייטער פארטיי. ער איז א אידישער קאפ אין פולען זין. ער איז שוין „געזעסען" פינף מאנאטען פאר זיין פיהרערשאפט אין א סטרייק. ער באגרינדעט זיין סאציאליזם אויף פאקטען. מען האלט איהם פאר א לינקען ביז א געוויסען גראד, אבער ער באקעמפט דעם קאמוניזם.

לארד ארנאלד, געהילפס סעקרעטאר פאר די קאלא־ניעס, איז א זוהן פון א רייכען סטאק־בראקער. ער איז פאקטיש דער ערפינדער פון דעם קאפיטאל־שטייער. ער איז א ראדיקאל און איז שוין פון יאהרען באפריינדעט מיט רעמזיי מעקדאנאלד. אין דער לעצטער צייט איז ער געווען א טוער און א ראטגעבער אין דער ארבייטער־פארטיי, איבערהויפט אין פינאנציעלע אנ־געלעגענהייטען.

ארטור גרינוואוד, געהילפס סעקרעטאר אין גע־זונטהייטס־מיניסטעריום, איז א באוואוסטער אינטעליגענט. ער איז דער קאפ פון דער ארבייטער־פארטיי'ס פארשונגס־אפטיי־לונג, וואס האט זעהר פיל אויפגעטאן. איז איינער פון די

פיהרער פון דעם ארבייטער אויפקלערונגס־פאראיין. א פלייר־סיגער שרייבער און טוער.

וויליאם גרעהעם, פינאנציעלער סעקרעטאר פון דער רעגירונגס־קאסע, איז א זשורנאליסט און פובליציסט. ער האט א גרויסע קענטשאפט אין פינאנץ, און זיין מוח איז אנגע־פיקעוועט מיט פאקטען.

* * *

פון די 28 אנגעגעבענע נעמען זיינען 26 — מיטגלידער פון דער אינדעפענדענט לייבאר פארטי. אלע זיינען זיי מענ־שען מיט פולע ידיעות און גרויס קענטשאפט, און יעדער האט געהאט יאהרען פראקטישע ערפאהרונג אין זיין פאך. אין א גייסטרייכער פרעזידענט־רעדע, וואס קליפארד אללען האט גע־האלטען פאר דעם צוזאמענפאהר פון דער אינדעפענדענט לייבאר פארטי אין אפריל, 1924, האט ער באנוצט פאלגענדע כאראק־טעריסטישע ווערטער:

„עס איז איצט אונזער אויפגאבע צו זיין די בויער פון סאציאליזם, גיכער ווי די צושטערער פון קאפיטאליזם. דערפאר מוזען מיר זיך אנשטרענגען צו הארמאנירען פורכטלאזיג־קייט מיט טאלעראנץ און א רעאליסטישען בליק".

די אלע דערמאנטע פערזאנען זיינען מענשען מיט אזעלכע מעלות. זיי זיינען אלע גרייט צו אנהויבען בויען דעם סאציאליזם ביי דער ערשטער גינסטיגער געלעגענהייט.

שלום-וואָרט.

דאָס אַרבייטער פאָלק א נאַציע, ניט קיין קלאַס. — מעקדאָנאַלד'ס אָפענע, מענשליכע דיפּלאָמאַטיע. — מעקדאָנאַלד'ס עהרליכקייט אנערקענט פון געגענער. — מעקדאָנאַלד אלס רעדנער. — די איינציגע רעוואָלוציע, וואָס וועט האָבען א האפט.

מיר זיינען איצט געקומען צום סוף פון אונזער געשיכט־ליכער עקסקורסיע, וואו מיר האָבען באריהרט א פּעריאָד פון איבער אכט הונדערט יאָהר. מיר זעהען אַט וואָס:

1. אַז דער קאַמף טראָגט פון אָנפאַנג אָן א פּאָליטישען כאַ־ראַקטער, ביז וואַנען די אַרביימער, מיט דער הילף פון דעם מאָ־דערנעם סאָציאַליזם, קומען צום געדאַנק, אַז זיי מוזען איבערנעמען די פּאָליטיק פון לאַנד און באהערשען די פּאָליטישע באַדינגונגען.

2. וואָס ווייטער דער קאַמף צופלאַקערט זיך, אַלץ מעהר שטרענגען זיך אָן די פיהרער פון דער באַוועגונג אויסצומיידען א בלוטיגע רעוואָלוציע. די פיהרער זיינען פּסיכאָלאָגען און טיילווייז רעליגיעזע מענשען *). זיי באַגרייפען דעם היסטאָרישען גאַנג פון זייער נאַציאָן און דעם פרידליכען כאַראַקטער פון זייער פאָלק, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיינע אַריסטאָקראַטישע רעגירער,

---

*) א צאָהל מאָדערנע גייסטליכע אין ענגלאַנד גלויבען עד היום, אַז דער סאָציאַליזם ווערט אָנגעוויזען אין תורת משה. די לאַנד געזעצען, די אַרבייטס־געזעצען, „ואהבת לרעך כמוך", „ואהבתם את הגר", ווייזען אָן אויף סאָציאַלע גערעכטיגקייט. די ליבעראַלערע קירך איז שטאַרק פאַרליעבט אין דער פּראָגראַם פון דער אַרבייטער פּאַרטיי. וויליאַם טעמפּעל, דער לאָרד בישאָף פון מאַנטשעסטער, איז דער פּרעזידענט פון דער „וואירקערס עדיוקיישאָנאַל אסאָסיאיישאָן". א סך רעליגיאָנס פּרע־דיגער זיינען מיטגלידער אין דער אַרבייטער פּאַרטיי.

אי קיר האַרדי, אי מעקדאָנאַלד זיינען ביידע רעליגיעז אין א מאָדערנעם, ביבלישען זין.

דיפּלאָמאַטען און פּראָפיטירער זיינען קריגעריש געשטימט צוליב עגאָאיסטישע צוועקען. מען דאַרף געדענקען, אַז כדי אָפּצושאַפען דעם פעאָדאַליזם, די פאַנטשיזנע, האָט זיך אין פראַנקרייך געפאָדערט אַ בלוטיגע רעוואָלוציע; אין ענגלאַנד אָבער ווערט דאָס מייסטענס פאַרווירקליכט מיט דעם נאַטירליכען גאַנג פון אַנטוויקלונג.

דאָס אַרבייטער־פאָלק אַ נאַציע, ניט קיין קלאַס.

סידני וועבב, דער גייסטיגער פיהרער, דער פּאָליטישער טאָנגעבער, דער פּראַקטישער טעאָרעטיקער פון דער בריטישער אַרבייטער־באַוועגונג, און אַ קאָנסעקווענטער, אויסגעהאַלטענער סאָציאַליסט, האָט אין זיין רעדע אַלס פּאָרזיצענדער פון דער יעהרליכער קאָנפערענץ פון דער אַרבייטער־פּאַרטיי אין 1923, געזאָגט אזוי:

„מיט געוואַלד־טאַטען קען מען קיינעם ניט איבערצייגען און קיינעם ניט צופרידענשטעלען. געוואַלד־טאַטען קענען חרוב מאַכען, אָבער קענען קיינמאָל גאָר ניט בויען...

נאָר דאַן, ווען אַ זאַך ווערט אַנטשיידעט דורך צעהלען די קעפ און ניט דורך ברעכען די קעפ קומען מיר אַם נאָהענטסטען צו לינקאָלן׳ס געדאַנק—„רעגירונג פון פאָלק, פאַר׳ן פאָלק און דורכ׳ן פאָלק“... אין אָט דעם גלויבען האָט די אַרבייטער פּאַרטיי איהרע וואָרצעל...

דער פאַטער פון דעם בריטישען סאָציאַליזם איז געווען ניט קאַרל מאַרקס, נאָר ראָבערט אָוען, און ראָבערט אָוען האָט ניט געפּרעדיגט קיין קלאַסענקאַמף, נאָר ברידערליכקייט“.

און מיט צעהן יאָהר פריהער האָט קיר האַרדי געשריבען פאָלגענדעס וועגען דעם קלאַסענקאַמף אין זיין וועכענטליכער צייטונג „לייבאָר לידער“:

„ווען מען זאָגט אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז אַ קלאַסענקאַמף און אַז איהר ערפאָלג איז אָפּהענגיג פון דעם קלאַסענבאַוואוסטזיין פון איין טייל פון דער געזעלשאַפט, טוט מען דעם סאָציאַליזם דער־מיט אַן עולה, און מען פאַרלענגערט די צייט פון זיין טריאומף... עס איז פאַראַן אַ קאָנפליקט צווישען די אינטערעסען פון די וואָס באַזיצען אייגענטום און די וואָס אַרבייטען פאַר אַ לוין. אָבער דער צוועק פון סאָציאַליזם איז אָפּצושאַפען די אורזאַכען וואָס האָבען אָט דעם קאָנפליקט באַשאַפען. דער סאָציאַליזם פיהרט קריג מיט אַ סיסטעם און

ניט מיט א קלאַס. איינע פון די געפאהרען פון מאכען די דאָגמע פון קלאַסענקאַמף גרעסער ווי זי איז, איז דאָס, וואָס מען פיהרט מענשען׳ס געדאנקען אראָפּ פון וועג — פון דעם אמת׳ן קאַמף. דאָס ארבייטער פאָלק איז ניט קיין קלאַס. דאָס ארבייטער פאָלק איז אַ נאַציע!"

הארדי באַקעמפט דעם געדאַנק, אַז אַ רעוואָלוציע מיינט די געוואַלטזאמע באזייטיגונג פון דער בורזשואזיע דורך אָפענעם קריג. "קיין רעוואָלוציע קאָן ניט זיין ערפאָלגרייך סיידען זי ווערט געשטיצט פון דער עפענטליכער מיינונג". ניט די אינ־דעפענדענט לייבאָר פּארטי און ניט די לייבאָר פּארטי האָבען ווען עס איז אָנגענומען די דאָגמע פון קלאַסענקאַמף פאר זייער אני מאמין. ווען מעקדאָנאַלד האָט לעצטענס ארויסגעזאָגט דעם זעלביגען געדאַנק, האָבען געוויסע קריטיקער געצווינגען דעם ניט־אמת׳ן, ניט־גערעכטען שלום, אַז מעקדאָנאַלד האָט געביטען זיינע מיינונגען זינט ער איז געוואָרען פּרעמיער.

בעלפאָרט בעקס, אַ סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער, וואָס איז יאָהרען לאַנג געווען פארבונדען מיט די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען, זאָגט: „דער בלויזער קלאַסען־אינסטינקט איז אַנטי־סאָציאַל, און ער וועט אונז קיינמאָל ניט געבען דעם סאָ־ציאַליזם".

מעקדאָנאַלד׳ס אָפענע, מענשליכע דיפּלאָמאטיע.

איצט קומען מיר צו דער פראַגע: ווי האַלט עס מיט דער אָרבייטער־רעגירונג און וואָס דאַרפען מיר דערוואַרטען אין דער צוקונפט?

דער ענטפער איז, אַז די צוקונפט איז פארבאָרגען אין שויס פון דער צייט. אויב עס וועלען ניט פּאַסירען קיין צופאַלען, אומ־דערוואַרטע אומגליקען, איבער וועלכע די קליגסטע מענשען האָ־בען ניט קיין קאָנטראָל, מעג מען זיין אָפּטימיסטיש, ניט נאָר וועגען ענגלאַנד, נאָר אויך וועגען אַנדערע אינדוסטריעלע לענדער. מזרח־אייראָפּא — די באַלקאַנישע געגענטען — איז געווען די באַלדיגע אורזאַך פון דעם וועלט־קריג, און יענע געגענטען אין שייכות מיט רוסלאַנד, טערקיי און איטאַליע, זיינען נאָך אַלץ ניט איינגעשטילט.

זיי זיינען נאָך אַלץ דער שטורם צענטער פון דער אַלטער וועלט. נאָר אַ פרידענס פאַרבינדונג צווישען ענגלאַנד, אַמעריקא, פראַנקרייך און אַנדערע לענדער, ווירקענדיג דורך דער נאַציאָנען ליגע, קאָן פאַרהיטען אַ נייעם אויסברוך. די ערשטע אַרבייטער רעגירונג האָט פיל אויפגעטאָן אויף דעם ראָזיגען געביט.

זינט די אַרבייטער רעגירונג איז אַריין אין קראַפט, איז דערוועקט געוואָרען אַ נייער אינטערעס אין וועלט פרידען און סאָציאַלע פראַגען, אפילו אין אַמעריקא. איבעראַל האָט מען נאָכגעפאָלגט מיט געשפאַנטער אויפמערקזאַמקייט מעקדאָנאַלד׳ס דיפּלאָמאַטיע אין דער וועלט־פּאָליטיק און זיין נעקסטען שריט ביי זיך אין דער היים. ערפאָלג אין זיין אויסלענדישער פּאָליטיק וואָלט געבראַכט ערפאָלג אין דער היים־פּאָליטיק פון דער אַרבייטער־פּאַרטיי; ווען ניט, מוז אַלץ דערווייל הענגען אין דער לופטען. צוויי קלאָרע און טיילווייז נייע שטריכען ווייזען זיך אַרויס אין מעקדאָנאַלד׳ס וועלט־פּאָליטיק:

ערשטענס, איז זיין דיפּלאָמאַטיע אַן אָפענע, אַן ערליכע, אַ מענשליכע, אָהן די אַלטע דיפּלאָמאַטישע דריידלאַך און צערעמאָניעס. זיין האַנדלונג מיט רוסלאַנד און פראַנקרייך איז דער בעסטער ביישפּיל. נאָך איידער מעקדאָנאַלד איז געוואָרען פּרעמיער, האָט ער געשריבען צו מ. רענאָדעל אין פראַנקרייך, דעם 21טען דעצעמבער, 1923:

„אָה, אויב דאָס פראַנצויזישע פאָלק, אַ דאַנק אַזאַ פּאַרטיי ווי אונזערע, וואָלט נאָר באַשלאָסען צו אַרבייטען מיט אונז אויף באַדינגונגען פון גוט־פריינדשאַפט! אויב עס וואָלט מיט זיין גאַנצען כח מיטגעווירקט צו מאַכען פון דער רואינירטער אייראָפּא אַן אייראָפּא מיט אַ באַוואוסטזיין פון איהרע געמיינשאַפטליכע אינטערעסען, — דאַן וואָלט דאָס פּראָבלעם פון פראַנקרייך׳ס געזיכערטקייט באַשטימט געלעזט געוואָרען. דאָס געלט, וואָס געהט אין ניוועץ אויף אויפצוהאַלטען די אַרמעע, וואָלט געקענט באַנוצט ווערען פאַר דער אויסבעסערונג פון די לעבענס־באַדינגונגען פון פאָלק... ווי באַלד אייערע קומענדיגע וואַהלען וועלען אונז געבען גוטע אורזאַכען צו האָפען, אַז אַזעלכע באַציהונגען זיינען מעגליך צווישען די צוויי גרויסע לענדער פון אייראָפּא, וועלען מיר זיך קענען פרעהען צוזאַמען. איך פאַרגין זיך אַזעלכע חלומות דערפאַר, וואס איך

בין א פריינד פון פראנקרייך און איך וועל מיין גאנצען כח אָנווענדען די חלומות צו פאַרווירקליכען".*)

מעקדאָנאַלד'ס „חלומות" האַלטען ביים פאַרווירקליכט ווערען. די נייע פריינדליכע באַציהונגען מיט פראַנקרייך, דער אויסגלייך מיט דייטשלאַנד און די פאַרזאַמלונג פון דעם פעלקערבונד אין זשענעווע באַווייזען, וואָס מען קאָן אויפטאָן מיט עהרליכער דיפּלאָמאַטיע אָהן פאָליטישע דריידלאַך.

צווייטענס, די דיפּלאָמאַטיע פון דער ארבייטער פּאַרטיי איז דורכאויס געצילט אויף אָפּשאַפען מלחמות און ברענגען וועלט־פרידען, אייביגען פרידען, אויב מעגליך. לאָמיר ניט פארגעסען, אז דאָס איז, לויט ווי מיר דאַרפען באַגרייפען די מאָדערנע אומשטענדען, דער הויפּט־פּונקט אין דער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם. די ענדערונגען צו וועלכער דער סאָציאַליזם שטרעבט קענען ניט פאַרווירקליכט ווערען, און אפילו ווען יע, קאָנען זיי לאַנג ניט אָנהאַלטען, אזוי לאַנג ווי די לופט איז דורכגעדרונגען מיט קריגס שטימונגען אָדער מיט דער מורא פאַר קריג. וועלט־פרידען איז נויטיג פאַר דער ווידער־אויפבליהונג פון דער וועלט־אינדוסטריע. ערשט דאַן, ווען וועלט־פרידען וועט זיין מעהר־ווייניגער געזיכערט, וועט די ארבייטער פּאַרטיי אין ענגלאַנד זיין אימשטאַנד צו נעמען זיך פאַר דער פאַרווירקליכונג פון איהר פּראגראַם אין דער היים. אָהן א מאַיאָריטעט אין פּאַרלאַמענט און אין פאָלק קען די ארבייטער פּאַרטיי סיי ווי סיי ניט ריידען וועגען איהרע גרויסע רעפאָרם־פּראָיעקטען. און מיט איהר דיפּלאָמאַטיע האָט זי זיך שוין פאַרדינט אַזאַ הויכען קרעדיט, אַז איהר ווייטערער געווינס ביי די נעקסטע וואַהלען איז כמעט ווי געזיכערט.**)

---

*) ציטירט אין „מאַנטשעסטער גאַרדיען" פון „פּעטי פּראָווינסאַל".

**) אפילו די געגנער פון דער ארבייטער פּאַרטיי האָבען שטאַרק מורא דערפאַר. גאַרווין, דער באַוואוסטער זשורנאַליסט, אין זיין וועכענטליכער ציימונג „דהי אבזירווער", פּראָפּאַגאַנדירט אָפען פאַר אַ פאַראייניגונג פון ביידע אַלטע פּאַרטייען, כדי אָפּצוהאַלטען דעם סאָציאַליסטישען שטורם.

מעקדאָנאלד'ס עהרליכקייט אנערקענט פון געגנער.

צום שלום פיהלען מיר זיך פארפליכטעט צו געבען א קורצע כאראקטער־שילדערונג פון רעמזיי מעקדאָנאלד, דעם פיהרער פון דער בריטישער ארבייטער־פארטיי אין ענגלישען פארלאמענט. „מעק", ווי מען רופט איהם אין ענגלאנד אין אלע פאָלקס־שיכטען, האָט עהרליך פארדינט דעם גרויסען כבוד צו זיין דער ערשטער סאָציאליסטישער ארבייטער פרעמיער פון ענגלאנד. אויב קיר האַרדי איז געוועזן דער פאָטער, דער פיאָנער, פון דער ארבייטער פארטיי, איז מעקדאָנאלד איהר פאָליטישער ערציהער און וואָרט־פיהרער. איידער ער איז צוריקגעקומען צום רודער נאָכ'ן קריג איז די פארטיי אין פארלאמענט געוועזן טיילוויז דעמאָראליזירט טראָץ איהר קליינעם געווינס ביי די וואהלען אין יאָהר 1918. אין די פיר יאָהר — פון 1918 ביז 1922 — איז איהר איינפלוס געוועזן נול, ווייל מעקדאָנאלד איז געשטאנען אָן א זייט. אין די פארטיי־קרייזען אנערקענט מען דעם פעהלער און מען רופט מעקדאָנאלד'ען צוריק צו זיין נאטירליכער פאָזיציע. און גלייך בייט זיך די סיטואציע.

די פארטיי ערוועהלט אין 1922 מיט אמאָל 142 מיטגלי־דער; זי געווינט מיט איין קלאפּ צוויי מיליאָן שטימען, מייס־טענס פון די ליבעראלען, און זי ווערט די אָפיציעלע אָפּאָזיציע. אין ענגלאנד ווייסט יעדער אינפאָרמירטער מענש, אז די ענדע־רונג איז געקומען אין א גרויסער מאָס צוליב מעקדאָנאלד'ס איינפלוס און זיין ארבייט אין די דיסטריקטען און אין די פאר־שיידענע קאָמיטעס. אין די דאָזיגע פיר יאָהר האָט אויך מעק־דאָנאלד מיט זיין לאָגיק און שכל צוקלאפּט די אויסזיכטען פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אין ענגלאנד, טיילוויז דורך זיין ווערק „פארלאמענט און רעוואָלוציע" *), און דערפאר זיינען די קאָמוניסטען זיינע ביטערסטע שונאים. לעניז זאָל האָבען

*) J. Ramsay MacDonald, *Parliament and Revolution*.

באמערקט „אויב עס וואָלט געהאלטען ביי א רעוואָלוציע אין ענגלאנד וואָלט מעקדאָנאלד איהר אפגעשטעלט".*)

„מעקדאָנאלד איז א קוואל פון שטאָלץ אין די ארבייטערס הערצער", זאָגט דערזעלבער שרייבער. און אָט וואָס מען זאָגט אויף איהם אין די ענגלישע קרייזען:

„קיינער אין ענגלאנד איז ניט אזוי מסוגל, דורך ערפאהרונג און נאטירליכע פעהיגקייטען, ווי דזש. רעמזיי מעקדאָנאלד, צו ספּראווען זיך מיט טומעלדיגע לינקע באוועגונגען. ער טויג זיך אויסגעצייכענט אוים ווען מען דארף אזעלכע שוועריגקייטען באַזייטיגען.**) אפילו זיינע עהרליכע פּאָליטישע געגנער גיבען צו, אז מעקדאָנאלד איז עהרליך און אויפריכטיג. די קאָנסערוואטיווע לאָנדאָנער „טיימס" האָט איהם אמאָל כאראקטעריזירט אלס א „פעסטער טורעם פאר זיינע נאָכפאָלגער". דאָס מיינט, אז אין פיהרערשאפט קען מען זיך אויף איהם פאָלשטענדיג פארלאָזען.

מעקדאָנאלד אלס רעדנער.

זינט מעקדאָנאלד איז געוואָרען פּרעמיער, האָט דאָס ענגלישע פאָלק דערזעהן, אז עס האָט נאָך אזא פרעמיער ניט געהאט. לאָיד דזשאָרדזש, הגם א קלוגער שטאטסמאן, ווייזט זיך איצט פאר אַלעמען ארוים פאר א ביליגען, פרינציפּענלאָזען פּאָליטיקער לגבי מעקדאָנאלד'ען. ללאָיד דזשאָרדזש ווערט איצט באטראכט אלס א געפאלענער שטערן. קיין וואונדער ניט, וואָס די פיהרער פון ביידע פּארטייען האָבען כסדר געציטערט מעקדאָנאלד'ס רעגירונג אראָפּצוואוארפען.

מעקדאָנאלד האָט א סך געשריבען איבער סאָציאַליזם און דער ארביימער באוועגונג, אָבער ער איז א גוטער רעדנער ווי א שרייבער. און ער אפּעלירט ניט אזוי צו די געפיהלען, נאָר צום שכל. ער פארלירט זיך ניט אפילו ווען ער ווערט שטארק באַגייסטערט. ער איז ניט קיין פאנאטיקער, און ער פארפאָלגט

*) The Man of Tomorrow, By Iconoclast.
**) New Statesman, Jan. 12, 1924.

כסדר זיין צוועק. ער איז פון דעם עלטערען דור, אָבער ער האָט שטענדיג דאָס נייע וואָרט — דאָס וואָרט נאָך דעם וועלט־קריג. ער איז אין אַ געוויסען זין אַ קינד פון דער קריגס־צייט.

די קריטיקער, איבערהויפּט אין אויסלאַנד, וואָס ריידען וועגען אַ שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי, אָדער וואָס זאָגען, אַז מעקדאָנאַלד פאַרטרעט ניט דאָס ארבייטער פאָלק דערפאַר, וואָס דער קעניג האָט פון איהם אַ גוטע מיינונג, ריידען פּשוט'ע בויך־סברות. די גרויסע מעהרהייט פון דער ארבייטער פּאַרטיי און די מאַסען פון ארבייטער פאָלק פיהלען ניט קיין אָפּאָזיציע צו דעם מאָנארכיס־טישען פּרינציפּ. די רעפּובליקאַנער זיינען זעהר אַ קליינע צאָהל. אויף דעם פּאַרטיי צוזאַמענפאָהר אין 1923 האָט מען מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט און גרויס געלעכטער נידערגעשטימט אַ רע־זאָלוציע צו אַגיטירען פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער מאָנארכיע. אפילו אין דעם פּרט פאַרטרעט מעקדאָנאַלד די געפיהלען פון אר־בייטער פאָלק. סאָציאַליסטישע אויסזיכטען קאָנען צוליב אַזא אַגיטאַציע גיכער פאַרלירען איידער געווינען.

די איינציגע רעוואָלוציע, וואָס וועט האָבען אַ האַפט.

אין ענגלאַנד דענקט מען, אַז מעקדאָנאַלד אין זיין רעדענס קראַפט פאַראייניגט אין זיך געוויסע מעלות פון די ריזען פון צוויי־טען אינטערנאַציאָנאַל — זשאָרעס, בעבעל, ווילהעלם ליבקנעכט, וויקטאָר אדלער. ער פאַראייניגט מיט זיין סאָציאַליזם דעם פּאָלי־טישען אידעאַליזם פון וואודראָו ווילסאָן און די פעהיגקייט אַלס שטאַטסמאַן פון וויליאַם ע. גלעדסטאָן. קיין רעדנער אין ענגלאַנד קאָן זיך צו איהם ניט פאַרגלייכען. ער האָט דערוועקט סימפּאַטישע געפיהלען אפילו אין די אריסטאָקראַטישע קרייזען, וואו מען זאָגט, אַז ער וועט צושטאַנד ברענגען די איינציגע רעוואָלוציע, וואָס וועט האָבען אַ האַפט, און די רעוואָלוציע וועט אַזוי שטיל געמאַכט ווערען, אַז 99 פון הונדערט מענשען וועלען ניט פיהלען, אַז די רעוואָלוציע געהט אָן, ביז זי וועט ניט זיין פולשטענדיג פאַר־ווירקליכט.

שטח און באַפעלקערונג פון ענגלאַנד מיט איהרע קאָלאָניעס.

די לעצטע אויסגאַבע פון וויטאַקער׳ס אַלמאַנאַך גיט אָן אַט די ציפערען:

וועלט־טיילען	ענגלישע קאַנטיגע מיילען	באַפעלקערונג
אייראָפּא — — — — — — — —	121,512	48,000,000
אַזיע (מייסטענס אינדיע) — — —	1,824,550	333,000,000
אַפריקא — — — — — — — —	4,650,000	50,000,000
נאָרט אַמעריקא (מייסטענס קענעדע)	3,893,020	9,000,000
צענטראַל אַמעריקא — — — — —	8,600	5,000,000
וועסט אינדיס — — — — — —	12,300	1,730,000
זיד אַמעריקא — — — — — —	79,800	314,000
אויסטראַליע און ניי־זעעלאַנד — — —	3,300,000	8,000,000

שליסעל.

א.

„אָבזירווער", לאָנדאָן — ז. 209.
אַבסאָלוטיזם — 13.
אָ'גריידי, דזשיימס — 131, 193.
אַדלער, וויקטאָר — 212.
אָועז, ראָבערט — 35, 66, 67, 68, 87, 206.
אויסטראַליע — 19, 70, 84, 213.
אונגאַרן — 36.
אַזיע — 213.
אידישע יוניאָנס, לאָנדאָן — 84.
איטאַליע — 36, 37, 207.
איטאַליענישע אַרבייטער — 155.
אייראָפּא — 87, 175, 184, 207, 208, 213.
איינשטיינ'ס טעאָריע — 198.
„אינדזשאַנקשאָנס" — 144, 153.
אינדזשינערען יוניאָן — 73.
אינדיע — 31. 201, 213.
אינטעליגענץ — 50, 60, 92.
אינטערווענציע (רוסלאַנד)—179.
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער בילדונגס קלוב, לאָנדאָן—124.
אינטערנאַציאָנאַל (ערשטער) — 35, 76, 89, 90, 91, 113. (צווייטער) — 113, 212.
אינשורענס קאָמפּאַניעס — 178.
אירישער פריי־שטאַאַט — 19.
אירלאַנד — 18, 19, 24, 65. (זעלבסט־רעגירונג. 179.
אַלבערט האָל, לאָנדאָן — 188.
אָליוויער, סידני (לאָרד) — 98, 187, 189, 198, 201.
אַללען, קליפאָרד — 204.
אַמאַלגאַמייטעד סאָסייטי רעיל־וועי סוירוועוטס — 142.
אַמעריקע — 31, 36, 37, 70, 74, 87, 91, 94, 125, 165, 175, 184, 208.
אַנאַרכיזם — 93, 94, 96, 157.
אָסבאָרן פּראָצעס — 136, 141, 142, 149, 150, 151, 152.
אַסקוויט (פּרעמיער) — 24, 50, 55, 153, 154, 183, 184, 187, 202.
אָפּאָזיציע (אָפיציעלע) — 42, 43, 45, 182, 183, 210.
אָפּאָרטוניסטען — 52, 134, 175.
אָפּצאָהל (פּער קאָפּ — 25, 135.
אַפריקע — 19, 115, 213.
אָקסעלראָד — 119.
אַרבייטער בילדונגס אַנשטאַל־טען — 180.
אַרבייטער בלאָק (אין פּאַרלאַ־מענט — 46, 145, 146.
„אַרבייטער פריינד" (לאָנדאָן)— 124, 125, 128.
„אַרבייטער צייטונג" (ניו יאָרק) 126.
אַרכיוועז — 18.
אַריסטאָקראַטיע — 37, 41, 49, 50, 201.
אַרנאָלד (לאָרד)—187, 189, 203.
אָרעדזש, ריטשאַרד (פּובליציסט) 165.

ב.

באָוועל־שפּינער — 60, 65.
באָלדווין (פּרעמיער) — 43, 182, 183, 184.
באַלפור, אַרטור (לאָרד) — 45, 46, 54, 129, 147.
באַלעבאָסטעס — 170.
באַלקאַנישע געגענדען — 207.

באַנדפיעלד, מאַרגאַרעט — 187, 189, 194.
באַסטאָן — 127.
באַראַנאָוו, מ. — 126, 127.
באַראַנעץ — 14. 32.
באַרנס (מיניסטער) — 178.
באַקונין — 125.
באַקסטאָן (מיניסטער) — 189, 202.
בודזשעט — 55, 154.
בוט, טשאַרלס (פילאַנטראָפּ)—81.
בוירנס, ראָבערט (פּאַסטוך־פּאָעט) 88.
בורען־קריג — 45, 117, 118.
ביווערברוק (לאָרד) — 183.
ביזלי (פּראָפעסאָר — 36, 76.
בילדונגס קלוב — 181.
ביקאָנספיעלד (לאָרד) — 37.
בירנער־קריג — 15, 37.
בישאָפּען — 14.
בלוט־און־באַריקאַדען רעדעס — 96.
בלאַנשאַרד, פּאָול — 168.
בלעטשפאָרד, ראָבערט (פּובליציסט) — 104, 105, 106, 115.
בעבעל, אויגוסט — 119, 212.
בעזאַנט, עני (פּיאָנערין פון געבורט־קאָנטראָל) — 84, 198.
בעלפאָרט, בעקס (טעאָרעטיקער) 207.
בענערמאַן, סער קעמפּבעל (פּרעמיער) — 45, 46, 53, 54, 83.
בערנס, דזשאָהן — 21, 46, 82, 83, 97, 103, 114, 150, 202.
בערנער סטריט קלוב (לאָנדאָן)— 124, 125.
בערראַס, הערבערט — 84.
בערנשטיין, עדוואַרד — 97, 100, 103, 104, 120.
בעק — 128.
ברייט, דזשאָהן — 36.
בריסעלער קאָנגרעס (1891) — 126.
בריטישער מוזעאום ביבליאָטעק 89.
„בריטיש לייבאָר פּאַרטי"—131.
ברעדלאָ, טשאַרלס (אַטעאיסט)— 80.
ברעדפאָרד (ענגלאַנד)—108, 115.

ג.

גאַז־אַרבייטער יוניאָן — 85.
גאָזלינג, הערי — 189, 193, 203.
גאָלד אַרבייטער — 60.
גאַרווין (זשורנאַליסט) — 209.
גזרות — 34.
גילדעס (מיטעלאַלטער) — 61.
גילדע אין דער בוי־אינדוסטריע 166.
גלעדסטאָן (שטאַאַטסמאַן) — 36, 37, 38, 129, 212.
גלעזשיר, ברוס — 118.
גער, זשול — 119.
געזעצען (גרינדונגס) — 17, 18. (רעגירונגס) — 17, 18, 22. (געריכטס) — 19. (לאָקאַלע רעגירונגס) — 17, 18, 20. („טראָק") 79. (סטרייק־געזעץ 1906) — 147, 148, 178. (שאַדענערזאַץ, פּענסיעס, מינימום־לוין, מינימום־לוין פאַר קוילענגרעבער, אַכט־שטונדען אין מינען, באַפרייאונגס געזעץ 1913, אינשורענס, פאָלקס־ביל־

דונג — 179. (האָר און דינער געזעץ) — 74.
געזעץ־פּראָיעקטען — 27.
געריכט (פון געשוואָרענע, „דזשורי") — 20. (אַפּעלאַציאָנס און העכסטער אינסטאַנץ) — 20, 143, 152.
גרויס־אינדוסטריע — 62.
גרויס־פאַבריקאַציע — 63.
„גרויזאַמע אָרגאַניזאַציעס" — 147.
גרינוואוד, אַרטור — 189, 203.
גרעהעם, וויליאם — 187, 189, 204.
גרעהעם, קאַנינגהעם — 83, 113.

ד.

דאַדלי (לאָרד) — 81.
דאָהערטי (יוניאָן פיהרער)—65.
דאָק סטרייק (לאָנדאָן) — 83.
דזשאָעט, פּ. וו. — 189, 202.
דיזרעלי, בענדזשאַמין — 37.
„דיילי העראַלד" (לאָנדאָן) — 140, 181.
דזשאָרדזש, הענרי — 91, 92.
דזשאָרדזש, לאָיד — 19, 46, 50, 54, 129, 183, 184, 193, 202, 211.
דזשעמייקע (וועסט אינדיס) — 201.
דייטשלאַנד — 74, 91, 113, 124, 209.
דייש, דזשאָהן א. — 119, 127, 128.
דיקטאַטור — 159, 162, 163.
דיקסי (לײדי פלאָרענס) — 112.
דיקענס, טשאַרלס — 193.
דרוקער אַרבייטער — 60.
דריטע פּאַרטיי באַוועגונג — 78.
דריי־בונד (יוניאָן פעדעראַציע)— 158, 159.

ה.

„האַוז אָוו קאָמאָנס" — 14, 23, 25, 33, 44, 55, 194.
„האַוז אָוו לאָרדס" — 15, 23, 24, 27, 44, 52, 53, 54, 143.
האַדזשעס, פרענק — 166, 189, 195, 196.
האָועל, דזשאָרדזש (יוניאָן פיהרער און פּובליציסט) — 38.
האַיגעיט (צפון לאָנדאָן) — 89.
האַלדעין (לאָרד) — 198, 199.
האַנדעלס־קריזיסען — 78, 79.
האַרדי, קיר — —30, 46, 82, 88, 107, 108, 109, 111, 113, 114, 115, 116, 117, 119, 132, 133, 135, 146, 150, 172, 193, 205, 206, 207, 210.
האַרטשאָרן, ווערנאָן—187, 189, 202.
הויט־מאַכער — 60. 62.
הייד פּאַרק (לאָנדאָן) — 120, 140, 141.
היינדמאַן, ה. מ. — 92, 93, 96, 106, 114, 119.
הייסטינגס, פּעטריק (סער) — 187, 189, 203.
„העביעס קאָרפּוס" — 18.
העמערסמיטער סאָציאַליסטען פאַראיינען — 95.
הענדערסאָן, אַרטור — 98, 139, 153, 187, 189, 193.
הענטשקע נייער — 60.

הערריסאָן, פרעדריק (פּאָזיטי־
וויסט) — 36, 76.

וו.

וואהל־דיסטריקטען — 34, 38,
137.
וואהל־טאַקטיק (אַרב. פּאַרטיי) —
134.
וואיאָן — 119.
„וואירלד" (ניו יאָרק) — 118.
וואָל ארבייטער — 62.
וואַלינסקי, אסיפ — 128.
וואַלש, סטעפען — 186, 189,
202.
וואַרדל (מיניסטער) — 178.
„וואַרקערס עדיוקיישאַנאַל אסאָ־
סיאיישאָן" — 180, 205.
„ווהיגס" (אַ פּאָליטישע פּאַרטיי)—
32, 37.
ווהיטאַקערס אַלמאַנאַך 213.
ווהיטלי, דזשאהן — 186, 189,
201.
ווייטשעפּעל (לאָנדאָן) — 97,
203.
ווילסאָן, וואודראָ — 212.
ווינטשעווסקי, מאָריס — 124,
127.
וועבב, סידני — 30, 60, 79, 97,
98, 100, 101, 119, 148, 182,
186, 189, 196, 198, 201, 206.
וועבב, ביטריס (זיין פרוי)—196.
וועבער — 60, 64.
וועדזשוואוד (קוירנעל) — 189,
202.
וועטאָ־מאַכט — 18, 23, 52, 53,
54, 55, 151, 154, 179.
וועלט־קריג — 171, 207.
וועלס, ה. ג. (נאָוועליסט און היס־
טאָריקער) — 98, 197.
וועסט אינדיס — 213.
„וועקער", לאָנדאָן — 127.

ז

זאַטעל־מאַכער — 60.
זאַסוליטש, ווערא — 119.
זאַקענמאַכער — 60.
זיד־אַמעריקע — 213.
זיד־אפריקע — 117.
זיד־וועילס — 142.
זינגער, פּאול — 119.
זשאַרעס, זשאַן — 119.
זשורנאַל (ערשטער) — 66.
זשענעווע — 209.

ט

טאַהני, ר. ה. (פּובליציסט)—197.
טאַלעראַנץ — 47. 93.
טאָמאַס, דזשיי. ה. — 187, 188,
194.
טאָמסאָן (בריגאַדיער גענעראַל,
לאָרד) — 189, 202.
„טאָרים" (אַ פּאָליטישע פּאַרטיי)
— 32. 37, 188.
טאָרן, וויל (יוניאָן־פיהרער) —
84, 132, 193.
טילעט, בען (אַגיטאַטאָר) — 82,
115, 193.
טיטלען — 24. 47.
טעילאָר, ה. ר. — 132.
טעמפּעל, וויליאַם (לאָרד בישאָף)
— 205.
טערקיי — 207.
טעף וועיל פּראָצעס — 141, 142,
143, 145, 147, 151.

„טראַיקע" — 202.
טראַנספּאָרט סטרייק — 157.
טראַפאַלגאַר סקוועער — 83.
טרייד יוניאָן קאָנגרעס — 75, 77, 85, 113, 115, 130, 131, 173, 180, 184.
„טריידס קאָונסילס" — 75, 132.
טרעוועליען, טשאַרלס פיליפּס — 189, 201.
„טשאַנסלאַר דאַטשי און לאַנקאַסטער" — 202.
טשאַרטיסטען — 34, 68, 69.
טשעמפּיאָן (אַגיטאַטאָר) — 96.

י

יאַנאָווסקי, ש. — 124, 127.
יוניאָן סעקרעטערען — 36.
יוסטיץ — 19.
ירושה שטייערען — 165, 177.

כ

כינעזישע אַרבייטער — 179.

ל

לאַנדאָנער קאָנגרעס (1896) — 118, 130.
„לאָנדאָן סקול און עקאָנאָמיקס" — 198.
לאַסאַל, פערדינאַנד, לאַסאַל'ס אַרב. פּראָגראַם — 91.
לאַפאַרג, פּאָול — 119.
לאָרדען, לאָרדען הויז — 18, 20, 24, 33, 44, 52, 53, 54, 77, 141, 151, 152, 154, 179, 192, 198, 200.
„לאָרד פּריווי סיל" — 194.
לאָרד קאַנצלער, אָדער „טשענסלאָר" — 20, 198.
לאָרענס, סוזען — 98, 195.
ליבעראַלען — 19, 25, 38, 43, 77, 188.
ליבערמאַן, אהרן — 123, 124.
ליבקנעכט, ווילהעלם — 119, 120, 121, 212.
„לייבאָר קאַלעדזש" — 180.
„לייבאָר רעפּרעזענטיישאָן קאָמיטע" — 131.
לינקאָלן, אייבערהעם — 37, 192, 206.
ליווערפּול — 119, 127.
ליעדז — 119.
לעדער אַרבייטער — 60.
לענין — 210.
לענסבורי, דזשאָרדזש — 85, 181.
לערנער — 63.

מ

„מאַגנאַ קאַרטאַ" — 14, 18.
מאָנאַרכיע — 13, 15, 19, 23, 212.
מאַנטשעסטער — 32, 49, 54, 106, 119.
„מאַנטשעסטער גאַרדיען"—209.
מאַנטשעסטער שולע אָדער שיטה — 49, 63, 74, 205.
מאָרלי, דזשאָהן — 202.
מאָררים (קריסטליכער סאָציאַליסט) — 69.
מאָררים, וויליאַם (פּאָעט) — 93, 94, 95, 114, 119.
מאַרקס, קאַרל — 35, 85, 87, 88, 89, 90, 92, 94, 103, 123, 125, 196, 206.
מאַרקס, עלעאַנאָראַ עיוולינג — 85, 103, 120, 132.

מוירפי, דזשיי. ט. — 161.
מולארעס — 60.
מילל, דזשאהן סטוארט (פילאָזאָף, עקאָנאָמיקער) — 36, 88.
מילער, לואי — 114.
מילעראַן — 119.
מיניסטאַרען — 23, 26, 40, 46.
מעהר־ווערט טעאָריע — 104.
„מענדעמוס" — 144.
מענגער, אנטאָן — 88.
מענן, טאם — 82, 97, 98, 115, 119, 157.
מעסינגהעם, ה. וו. (רעדאַקטאָר) — 98.
מעקדאָנאלד, רעמזיי — 30, 46, 88, 98, 104, 108, 111, 112, 115, 119, 132, 133, 134, 146, 172, 182, 183, 185, 187, 188, 189, 203, 205, 207, 208, 209, 210, 211, 212.
משכילים — 123.

נ

נאַפּאָלעאָן (ערשטער) — 31.
נאַציאָנאַלע פּאַלקס פּאַרטיי — 177, 178.
נאַציאָנאַל ראַט — 14.
נאַציאָנען ליגע — 208.
נאַציאָנאַלער מינימום — 168, 213.
נארט אמעריקע — 213.
ניי־זעעלאַנד — 19, 70, 213.
ניין־שטונדען טאָג — 35.
נייער יוניאָניזם — 60. 80.
„ניישאָן" (ניו יאָרק) — 202.

ס

סאָוויעטן — 155, 162.
סאָוועט רוסלאַנד — 184.
סאַליסבורי (לאָרד) — 129, 147.
סאָציאַל־דעמאָקראַטען און אנאַרכיסטען — 121, 125, 126.
סאָציאַליסטען ליג — 93, 94, 95.
סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַראיין — 126, 127.
סאָציאַל דעמאָקראַטישע פעדעראַציע — 89, 92, 93, 95, 97, 103, 124, 130, 132, 137.
סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי (דייטשלאַנד) — 91, 103, 124.
סידענהעם (לאָנדאָן) — 120.
„סיוויל לארד און דהי ערמירעלטי" — 196.
סינדיקאַליסטישע טעאָריע—157.
סמיללי, ראָבערט — 115, 166, 192, 193.
סמיט, עדעם (עקאָנאָמיקער)—63.
סמיט, גאָלדווין — 36.
סנאָודען, פיליפ — 46, 115, 118, 129, 146, 172, 189, 195, 201.
סנאָודען (מרס.) — 98.
„ספּיקער" — 27, 42.
ספּור, בענדזשאַמין טשארלס — 187, 189.
„סטאַר", דהי (אַ ראַדיקאַלע צייטונג) — 112.

ע

עדינבורג (שאָטלאַנד) — 132.
עדעמסאָן, וויליאַם — 189, 202.
עלשטיין, שאול — 128.
עממאָן, ט. דזשאָרדזש — 187, 189, 202.
עמערסאָן (פילאָזאָף) — 193.

ענגלענדער (כאַראַקטער און פּסי־כאָלאָגיע) — 22, 88, 89, 94, 119, 121, 130, 155, 156, 164.
ענגעלס, פרידריך — 87, 89, 94, 97, 103, 120.
„עקט און סעטעלמענט" — 18.
עסטרייך — 36.
ערשטער מאַי יום טוב — 113.

פּ

פּאַלאַקאַף (מאַנטשעסטער) — 119.
פּאָליטישער באַם — 47.
פּאָליטישע אישום — 51.
פּאַנסטשיזנע — 89, 206.
פּאַרטיי אָרגאַניזאַציע — 135.
פּאַרטיי (ליבעראַלע) — 36. 37, 49, 50, 52, 79, 85, 11, 114, 147, 154, 182.
פּאַרטיי (קאָנסערוואַטיווע) — 37, 46, 48, 49, 50, 51.
פּאַרטיי דיסציפּלין, „פּאַרטי וויפּס" — 188.
פּאַרטיי פּועלי ציון — 135.
פּאַרטיי רעגירונג — 136.
פּאַריז — 32, 113.
פּאַריזער קאָמונע — 113.
פּאַריזער קאָנגרעס (1889)—113.
„פּאַרעווע" סאָציאַליסטן — 94.
„פּאַרעווע לאָקשען" — 125.
פּאַרלאַמענטאַרישע טראַדיציעס — 13.
פּאַרקער (מיניסטער) — 178
פּוילען — 36.
פּיאָנערען — 12, 36, 60, 62, 70, 123, 124.
פּיהז, עדוואַרד — 98, 132.
פּיל, סער ראָבערט — 41.
„פּלעבס" קאַלעדזש — 180.
פּלאָמב פּלאַן — 165.
פּלעכאַנאָוו — 119.
„פּעטי פּראָווינסאַל" — 209.
פּעטיציע — 19, 23, 32, 68.
„פּראָטעקשאָן" — 43.
פּראָטעסטאַנטן — 18, 19, 32.
פּראָגראַם פון 1917 („די אַרביי־טער און די נייע סאָציאַלע אָרד־נונג") — 175, 178.
„פּראָלעטאַריאַט" פּאַראיין, לאָנ־דאָן — 127.
פּריצים — 61.
פּרעצעדענטן — 22, 23.

פֿ

פאַביוס (רוימישער גענעראַל) — 95.
„פאַראייניגטער פראָנט" — 71.
„פאָרווערטס" (גרופּע) — 125.
פוריע, שאַרל — 87.
פייגענבוים, ב. — 124, 126.
פיליפּס, מאַריאָן (דר.) — 194, 195.
פין, יאָזעף — 127, 128.
פעדעראַליזם — 206.
פעביען סאָסייעטי (פאַביאַנער סאָ־ציאַליסטען פאַראיין) — 39, 91, 93, 95, 97, 98, 99, 100, 103, 104, 115, 130, 132, 136, 170, 198.
פעדעראַציע (ערשטע) — 65. 66. (קוילענגרעבער) — 73, 111, 146, 158, 164, 192. (טראַנס־פּאָרט אַרבייטער)—158. (טעק־סטיל אַרבייטער אינטערנאַציאָ־נאַלע) — 201.

פעלקער בונד — 209.
פראנצויזישער ארבייטער—155.
פראנצויזישע רעוואלוציע — 31, 64, 87.
פראנצויזיש־דייטשער קריג — 113.
פראנקרייך — 31, 119, 156, 184, 206, 208.
פרויען מאגיסטראטען — 170.
פרויען שטימרעכט — 180.
פרידמאן, ס. — 119.
פרידענס־דעמאנסטראציע (לאנדאן, 1896) — 120.
פרייהייט פון קאנטראקט — 63.
„פרייע וועלט" (לאנדאן) — 127.
פרייער האנדעל — 36. 49.

צ

„צוויי סידנים" — 201.
צייטלין (ליווערפול) — 119.
ציריכער קאנגרעס (1893)—127.
צעטקין, קלארא — 120.
צענטראל־אמעריקע — 213.
צענטראליזאציע — 71, 72, 73.
צערעמאניעם — 22.

ק

קאאליציאנס־רעגירונג — 178.
קאאפעראטיווען — 132, 181.
קאאפעראטיווע פאבריקען — 67.
קאאפעראטיווע גילדע — 170.
קאאפעראטיווע קראם (ערשטע) — 70.
קאבדען, ריטשארד — 36.
קאהאן, אב. — 126, 127.
קאהאן־ליבערמאן — 128.
קאואי, עדווארד (יוניאן־פיהרער) — 120.
קאוטסקי, קארל — 90.
קאול (פובליציסט) — 165, 196.
קאלאניעס — 19, 31.
קאלעקטיווער אפמאך (אנהויב) — 72.
קאמוניזם — 163.
קאמוניסטען ליג — 87.
קאמוניסטישע פארטיי — 162, 210.
קאנדידאטען (באשטימונג)—138, 139, 140.
„קאנטעמפט אוו קאורט"—144.
קאנטער־רעוואלוציאנערע ארמעען — 179.
„קאנסיליאיישאן באארדס" — 73.
קאנספיראציע געזעצען — 20, 31, 33, 60, 61, 64, 65.
קאפיטאל'ס אייזערנער קנאפעל — 64.
„קאפיטאל דאס" (פון קארל מארקס) — 88, 89.
קאפיטאל שטייער — 176, 177, 203.
קארלייל, טאמאס — 193.
קארנעגיע, ענדרו — 114.
קוועלטש, הערי — 132.
קינגזלי (נאוועליסט) — 69.
„קלאריאן" — 104, 105.
קלאסענקאמף — 30, 71, 89, 92, 104, 206, 207.
קליין אינדוסטריע — 61, 89.
קליינס, דזשיי. ר. — 178, 187, 189, 193.
קענעדע — 213.
קעניג'ס טראן־רעדע — 44.
קעניג (דזשארדזש דער פערטער)—

33. (העברי)—13. (דזשאַהן)
— 14, 18. (טשאַרלס) — 15.
(עדוואַרד דער דריטער) — 61.
(קעניגין וויקטאָריאַ)—33, 41.
קעניג דזשאָרדזש אומפּאַרטיי־איש — 183.
קראָמוועל, אָליווער — 15.
קראָפּאָטקין — 94.
קראַניץ, פּיליפּ — 114, 125, 126.
קריהמער (יוניאָן־פיהרער) — 38.
קרימינעלע פּראָצעסען — 20.
קריסטיען סטריט קלוב — 126, 127.
קריסטליכע סאָציאַליסטען — 69.

ר

ראָבערטס (מיניסטער) — 178.
ראָבערטס, פּ. א. — 187, 189, 203.
ראָזבורי, אהרן — 119, 127, 128.
ראָוזבערי (לאָרד) — 42.
ראָטשדעיל — 70.
ראָטשטיין, ת. — 128.
ראָסעל, בערטראַנד — 197.
ראסקין קאלעדזש — 180.
ראסקין, דזשאהן — 193.
רוימיש־קאַטויליש — 19.
רוסלאַנד — 119, 131, 155, 179, 207, 208.
רייאַטס — 32.
ריטער — 14.
רעוויזיאָניזם — 100, 103, 104.
רעזאָלוציע (צוטרויאונגס אָדער טאדלונגס) — 41, 42, 44.
רענאַדעל — 208.
רעפאָרם־געזעץ — 38, 46.
רעפּובליקאַנער (ענגלאַנד) — 212.
רעפּרעסיעס — 31, 32, 35.

ש

שאַדענערזאַץ—20, 74, 144, 179.
שאָו, בערנאַרד — 30. 93, 96, 97, 98, 119, 132, 198.
שאָו, טאָמאַס — 187, 189, 201.
שאָטלאַנד — 18, 65, 111, 112, 113, 115, 132, 180, 187, 202.
שאָטלענדישע ארבייטער פּאַר־טיי — 113.
שאַפּ־טשערלייט (אַמעריקע) — 160.
שאַפּ־סטואַרדס (אָרגאַניזאַציאָנס־פּלאַן) — 161.
שאָפּענהאַוער — 198.
שוואַרצע פּעסט — 61.
שוויץ־סיסטעם — 82.
שויץ־געזעצען — 63.
שייער, מענדעל — 119, 127, 128.
שינוועל, עמאַנועל — 187, 189, 203.
שטימרעכט, פּלוראַלע (אָפּגעשאַפט) — 179.
שטאַאַט (אַריינמישונג אין אינ־דוסטריע) — 63, 74.
שטייער פּער קאָפּ — 135, 136, 150.
שעפּילד (ענגלאַנד) — 161.
שעקספּיר — 193.
שפּייז קאָנטראָלער — 193.
שפּילקע־מאַכער — 60.
שפּינער — 65.
שקלאַפעריי — 89.

ת

תורת משה — 123, 205.
תלמוד — 123.

BIBLIOGRAPHY

HISTORICAL

W. W. CRAIK. *A Short History of the Modern British Working Class Movement*—London, 1919.
ENCYCLPEDIA BRITANNICA. (*English History*).
GEORGE HOWELL. *History of Labour Legislation*—London, 1902.
GEORGE HOWELL, *Conflicts of Capital and Labour*—London, 1878.
EDWARD PEASE. *The History of the Fabian Society*—London, 1916.
GILBERT STONE. *History of Labour*—London, 1921.
SIDNEY AND BEATRICE WEBB. *History of Trade Unionism* (Revised Edition)—London, 1920.
H. G. WELLS. *The Outline of History*—New York, 1922.

BIOGRAPHICAL

EDWARD BERNSTEIN. *My Years in Exile*—New York, 1921.
ICONOCLAST. *The Man of Tomorrow* (*J. Ramsay MacDonald*)—New York, 1924.
ICONOCLAST. *England's Labour Rulers*—New York, 1924.
TOM MANN'S MEMOIRS—London, 1923.
JOHN MORLEY. *Life of W. E. Gladstone*—London, 1903.
J. A. SPENDER. *Life of Sir H. Campbell Bannerman*—London, 1923.
WILLIAM STEWART. *J. Keir Hardie*—London, 1921.

GENERAL STUDIES

PAUL BLANSHARD. *An Outline of the British Labor Movement*—New York, 1923.
ARTHUR GLEASON. *What the Workers Want* (*A Study of British Labor*)—New York, 1920.
ARTHUR HENDERSON. *The Aims of Labour*—London, 1918.
The Labour Party's Aim. By Seven Members—London, 1923.
J. RAMSAY MacDONALD. *The Socialist Movement*—London, 1923.
J. RAMSAY MacDONALD. *A Policy for the Labour Party*—London, 1920.
Fabian Tracts. (1 to 67)——London, 1884, 1896.

YEAR BOOKS AND OFFICIAL REPORTS

British Labour Year Books—1919, 1923.
International Labour Year Books, 1918, 1923—London.
Annual Reports of I. L. P. Conferences, 1920, 1921—London.
Annual Reports of Labour Party Conferences, 1917, 1923—London.
Whitaker's Almanac—London, 1924.